STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02927

TSU MENSH UN FOLK

Eliezer Steinman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. שטיינמאן

צו מענש און פאלק

Samuel Zacher

פערלאג „דרכים" ווארשא.

א. שטיינמאַן

צו מענש און פאָלק

פערלאַג „דרכים", וואַרשאַ.

תרפ"ב.

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

הקדמה

איינציגווייז מיט אַ שווער געמיט, דערלאַנג איך דעם ברודער זעצער די צעוואָרפענע שמות-בלעטלעך; פעליעטאָנען און אַרטיקלען — אַזוי זאָלען זיי הייסען אויף היינט-וועלטיש לשון. עס זאָל אַ זאַמלונג ווערען פון אַ רייהע אויסגעשיטע פונקען, וועלכע האָבען זיך צוגעטוליעט אין ערב-שבת'דיגע צייטונגס-נומערען, ביי פרעמדע טישען אויסגעבעטעלט אַ שטיקעל פריי פלאַץ, ווי פאַר אַ עני הגון, אַ בכבוד'יג אָבער קנאַפ-געשעצט אָרים-מענש.

און דאָס זענען געוועזען שוואַרצע בלוט-קייקעלעך.

געשריבען מיט אַ צונויפגעדריקט מויל, אַרטיג צו זיין, ווי עס פאַסט אין אַ בעל-הבתישער און „נישט געערגערט זיך, יונגערמאַנטשיק!" סביבה. עס זאָל חלילה וועמענס רוה נישט געשטערט ווערען און קיינעמס כבוד נישט צו בעריהרען, אָבער איך זעלבסט האָט דער מחבר דערמיט ווינציג כבוד פערשאַפט. עס האָט מעגליך ווער פון דעם וואָס אַמאָל אַדורכגעלייענט, אויב עמיץ האָט נאָך אַ אויער פאַר צווייטענס קלאַנג. מען האָט דערביי געשמועכעט, מבינות'דיג סטיל געשאַצט.

אָבער קלאָר איז געווען, דאָס אַלעס פליסט אין אַ לעדיגען תהום אַריין, וואו עס וואַלגערן זיך אָבגעריסענע שטיקלעך פון גופים, אין אַ תהו-ובהו אברים, אברים צושאָטענע, כל'ערליי, נאָר נישט קיין אויערען צום פערנעמען.

פערבלאָנדזשעט אין אַ געדיכט פינסטערניש פון אַ טיפען וואַלד האָט דאָך אַ פייל פון אַ געשריי אַדורכגעיאָמערט אין דער טויבער נאַכט אַריין אום אייגענע אויערען זאָלען אַ מענשליכער שטים אויפנעמען.

און די אינטעליגענץ האָט... נישט בעמערקט, עמיץ האָט

ווען געשימפּט און בעצייכענט די וועהען און די וואונדען פון אַ אויסגעהענדעָר יודישער און מענשליכער קולטור מיט דער שוואַרצער פאַרב.

דאָס איז געשעהן אין אַ טרויעריגער צייט.

אונזערע הערצער און קולטור־אוצרות זענען צופּרעסען געוואָרען פון בייזע ווערים.

טראַדיציעס האָבען געפּלאַצט, צופאַלען זענען רייפען פון דעם פאַס, און דער אַלטער וויין האָט אויסגערינען ווי רוסטע יושקע. דאַן האָבען מיר אויפגעהערט צו פערשטעהן די טיפע און שטילע ווערטער פון אונזערע בעשיידענע אבות.

און דאָס פאָלק?

וועה, דער קערפער פון דעם פאָלק איז אין גאַנטע־לאַנד אויפגעריסען געוואָרען דורך האַרמאַטען און הינט האָבען גע־גריזשעט זיינע ביינער. די שירים אַנטלאָפענע, האָבען אין אַלע אכסניות זיך געוואַלגערט, אומעטום אַ ענגשאַפט חלוצים זענען אין הייליגען לאַנד אין חלוצים־הויז מיט מעסערס גע־שאָכטען געוואָרען און אין די גלות־לענדער האָבען פרומע־יודען אין גאָטס־הייזער איינער דעם צווייטען בערד געריסען פאַר דעם כבוד פון בעטייליגען זיך אין בעטלען ביי אַ פרעמדען טיש פון אַ שטאָלצער פּויסט־מלוכה פאַר אַן׳אייגען לאַנד.

און קלוגיטשקע און פאַרטגעשריטענע האָבען געכיכיקעט:

— זעט נאָר זעט, ער האָט זיך דאָס אַוועקגעשטעלט אויף די נאַלעווקעס! —

און זיי האָבען געטענה׳ט, די וועלכע גלויבען, דאָס נשמות ווערען נור געקויפט און פערקויפט:

— ער איז אַוועק צו די שוואַרצע גאָט פרעפלען און צו טראַדיציע רופען! —

און מען האָט געטייטעלט מיט די פינגער:

— אָט גייט דער שוואַרצער, דער לכבוד־שבת׳דיגער שוואַרצער, דער אַרטיקלען־שרייבער:

אָט אַזוי האָט גערוישט דער מאַסקאַראַד.

כאָטש איך האָב מיט מיינע הענד אָנגעטאַפּט צווישען די שרייערס דעם אַלט-געזעסענעם, דעם נאָך כל׳ערליי פּערגניגענס־נאָכיאָגער, דעם פערשטעלטען.

אָהן ליבע און אָהן רחמנות האָט ער זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף דעם קאַרק פון די דערשלאָגענע מאַסען, און פון דאָרטען אַלעס און אַלעם איבערגעשריען:

— אַט גייט דער שוואַרצער!

און ווען צו ליבקס-צו, האָט געהערשט דאָס גרויסע פערלייקענען, זענען די בּויער פון יודיש לאַנד געגאַנגען און געטראָטען איין און דעם זעלבען קליינינקען טראָט אויף איין און איינציגער שטעג, אַ שמאָלער שטעג, און פערקוקט די טויזענטער געשיכטע-יאָרען פון אַ וואַנדער-פאָלק, האַרטנעקיג פאָלק, מיט לאַנגע ליידען און צום הימעל קוקען.

און געשטאַנען איז זי, די העבּרעאישע עגונה, די שפת כל היקום, די שפּראַך פון וועלט-אַל, אַ ווייטע און דערהויבענע, פון לעבען אָבגעשיידטע און פערהוילענע.

צוריסען איז געוואָרען נשמה אויף צוויי שטיקער: איביגקייט און דויער אַריינגעגאָסען אין העבּרעער-שפּראַך און טאָג און זאָרג — אין אַנ׳אַנדערער.

מלאכים האָבען עברית געזונגען און מאַמע-לשון האָט געשמעקט מיט שוואַרצער ערד און פרישען בעז.

און יודיש לשון האָב איך געשריבען און געשעצט די קראַפט פון האַראָפּאַשנע פאָלק און זיין רעדענסאַרט. אָבער מיין ברען, מיין פלאַקער, מיין העבּראישע אש להבה זענען אין גלות געוועז.

און אַ סתירה איז דאָס צו מיר, וואָרום פערהאַסט האָב איך דעם בעגריף פון גלות און אַ שאַנדע איז מיר זיין בלויזער קלאַנג, ווייל איבעראַל, וואו עס שפּרייט זיך אויס בלויער הימעל און עס איז געגרונדפעסטיגט די ערד — דאָרט בּין איך אַ האַר.

און אָט אַזוי אין בראַנד פון שטאָלץ און שאַנד, פון ליבע און האַס, לייקענען און גלויבען, געשמידט אין אַ לאַנגער

סתּירות־קייט זענען געבוירען געוואָרען די קאָמענדיגע בלעטער, וועלכע איך דערלאַנג צו דעם גרויסען אַנאַנים, צו אַ יודיש אויג, צו אַ מענשליך האַרץ.

און איך שריי:
גוואַלד, איך האָב נישט געשריבען קיין בוך!
וועה איז מיר, וואָס איך אַ ביכער־שרייבער.
מיר זאָלען באָרפיסע איבער גאַסען לויפען.
אין פרידליכע הייזער זיך אַריינרייסען: אויס מיט דעם פרידען!

צו טהאַט, צו טהאַט, צו טהאַט!
ערוואַכען און דערוואַקסען.
און אויפרודערן.
זענען מיר אין וואָרט אַריינגעוואַקסען.
אין אַ גרינעם שימעל.
וועה, אין אַ גרינעם שימעל.
געוואַלד, איך האָב נישט אויפגעשריבען קיין בוך!

אין ערגער ווי טרויעריגער איז געווען דער אַרום.

טיף געבויגען איז געשטאַנען די זקנה איירָאָפּע, גערונצעלט און איינגעקאָרטשעט אין זיבען און זיבעציג קאָרטשען.

געלאָשען האָט זיך דאָס ליכט פון קולטור, פערשמאַכט און פער׳חלש׳ט איז געווען דער מענש.

נאַריש תמי׳ש האָט אָבגעקלונגען דאָס אור־אַלטע פשוט וואָרט און שד׳ישע פערגניגענס האָבען געהאָפּקעט אויף אַלע געמערק. אַלט־מוידיש האָבען שוין קינדער אין די וויקעלעך געחראָפּעט און יונג־פּרויען האָבען אונפערשעמט ליבע־קושען געבעטעלט.

די ענטאַרטונג און לאַנגווייליגקייט האָבען זיך די הענד געגעבען און ביידע האָבען די הייליגע נאַאיוויטעט צו קבורה געבראַכט און פאַר היניטישע מיילער זי געוואָרפען.

אויסגעלאָשענע און פער׳חלש׳טע האָבען, זיי, קראַנקע,

אויפגעערט געניסען צו קענען פון די אייביגע און קרעפטיגע קוועלען, וואָס פליסען פון פאָלק, מענש און פרוי. צוריבענע אין דעם שדים־טאַנץ פון דעקאַדאַנס האָבען זיי אויפגעגעבען אונזער אַלטען קאַמף פאַר קראַפט, אָריגינאַליטעט און איי־גענאַרטיגקייט.

מיר, די שטאַרקסטע, ווען גלויבען זענען די שוואַכסטע ווען לייקענען.

צופוילט און צופאַלען איז דער אַרום.

זאָלען בלעטער עדות זיין, אויב זיי וועלען נישט ווערען אויפגעפרעסען דורך די ציינער פון דער באַלדיגער אַנקומענדער מייז־וואַנדערונג.

עס זענען פאַרהאַן, וואָס וועהען:
נישט שטאַרבען ווילען מיר, נישט אונטערגעהן.
אייביגקייט פערלאַנגען מיר!
ווי פון שטענדיג, ווי תמיד.
ווי אונזערע גרויסע און נאַאיווע עלטערען!

און עס טליעט אין האַרצען אַ גלויבען: נישט געטענה'ט האָב איך בלויז פאַר זיך.

וואָס בין איך עפּעס איינער? אַ שליח בין איך פון דורות ווייטע.

עס האָבען מיך אַרויסגעשיקט דורות־רייהען איינגעהילטע אין קיטלען און טליתים, פרומע און קרעפטיגע, קלוגע און וויכטיגע, מענער פון אייביגקייט און מיך געשיקט אָנזאָגען:

געדענקט אָן אונז!

און מיינע ליפּען האָבען זיי מיט זייער הייסער אָטעם אָפּגעבריט און בעפוילען:

— רעד! רעד אונזער וואָרט!

און איך האָב גערעדט.

כאָטש אויערן האַבען נישט פערנומען.

אויף דעם עולם-התהו.

די מאראל און די עסטעטיק — שטרעבען צו בעהעפטען דעם מענש מיט דעם וועזענטליכען וואס אין אים, מיט דעם געטליכען צאפעל, מיט דער אלוועלטליכער נשמה. אבער די מענשען אנטלויפען שטענדיק פון דעם עיקר און בעהאלטען זיך אויס, ווי דער ערשטער מענש, פון גאטס-שטים.

דער מענש פלאטערט אין א אייביגער פורכט פאר דעם איערקענען די נישטיגקייט פון זיין קערפער מיט אלע זיינע יכולת'ן, וועלכע זענען בלויז א שפינגעוועבס פון בלוט-און-פלייש. אבער גלייכצייטיג שרעקט זיך אפילו מודה צו זיין אין דער דאזיגער פורכט, ווארום, ווי דער ערשטער מענש, האט ער אויך מורא פאר זיין נאקעטקייט. הילט ער זיך איין אין לבושים און ציט אן אויף זיך מאסקען, עס זאל אויסזען, דאס ער איז בלויז דעם קודשא בריך הוא'ס א זעלנער.

ער האט נישט די מוטיגע דרייסקייט צו זיין בלויז מענש, אט אזוי ווי א ווערימעל איז נור ווערימעל. נאר ער איז גענעראל, קעניג, זעלנער, ריכטער, דיכטער און איז ארומגעוויקעלט מיט א גאנצער רייע פון פערשלייערונגען מיט אקסעל-בענדער און קלינגענדיגע שפארען, כדי צו שרעקען און איבעראשען דעם מיט-מענש.

און ווי באלד א מאסקע קומט זי אויס ביי יעדען פון די מענשען-ברודער אנ'אנדערע פון אנדער שטאף און פארב. דערפון א מוראדיגע פערפרעמדקייט. אלע מענשען-קינדער שטרעבען צו איין זאך: אויסצוהויכען זייערע לעבענס אין ליבע און ארײנשטראמען, ווי אלע טייכען אין דעם אוקינוס, אין דער וועלט-נשמה. דוכט אבער יעדען מענש, דאס די צווייטע מאסקע שטערט. כרובט ער זי אראפצורייסען. אלע רייסען. דערפון קינסטליכע בלוט און פייער-ווענד. דאס גאנצע איז צושטויבט געוואָרען אויף זעמדעלעך. דערפון פאלשע קריגערייען. צווישען

מאַסקען, וואָס הייסען פֿאַמיליען נאַציאָנען און קלאַסען. אַ רעליגיע שטעכט מיט אַ מעסער איר שוועסטער-רעליגיע און אידעע פֿערגיסט בלוט פֿון אידעע. די צילען פֿערהייליגען די מיטלען.

אַזוי האָט דער מענש זיך געשאַפֿען אַנ'אויסרייד, דאָס אַלע בלוטיגע געשלעגען קומען נישט פֿאַר צוליב בלוט און פֿלייש, נאָר כּדי צו פֿערהייליגען און פֿערהערליכען דעם אַלמעכטיגענס נאָמען. עס געוועגדעט וואָס אין וועלכער עפּאָכע איז אַלמעכטיג.

אַזוי זענען געשאַפֿען געוואָרען די פֿאַלשע עטיק און עסטעטיק, אָן וועלכע דער מענש לאָזט זיך קיינמאָל נישט אין שלאַכט אַריין סיי, ווען ער שאַפֿט געשיכטע און סיי אין דער אַלטעגליכקייט.

וואָלט דער מענש געקוילעט צוליב דעם בלויזען טרונק וואָלט ער ווען עס איז דאָך געשטילט זיין דורשט צו בלוט-טרינקען. האָט ער אָבער צו זיין דינסט די אידעע, און אַ אידעע איז אייביג זאַטלאָז. וואָלטען מיר דערגרייכט די אמת'ע, בלוט-ריינע ליבע וואָלטען מיר אַלע מענשען-קינדער, זיך אויסגעזעצט געאָרעמטע און פֿערדביקות'טע און אויסגעגאַנגען פֿון גרויס אהבה און בטילות אין דער אַלמעכטיגקייט. האָט אָבער גובר געוועזען די פֿאַלשע ליבע, די פֿליישיגע, די פּרעסערישע.— וואָלטען מיר באמת מכבד געוועזען איינער דעם צווייטען וואָלטען מיר פֿון גרויס עהרפֿורכט נישט געוואַגט צו גענעהנען לייב צו לייב נאָר דאָס חיות וואָלט זיך אויסגעלאָזט פֿון גרויס דורשט און כלות-הנפש. פֿאָדערט אָבער דער מענש אַ פֿאַלשען כּבוד, אַ פֿליישיגען, אַ פּרעסערישען. מיט שוחט'ישע גוואַלד-מיטלען רייסט יעדער אַ שטיקעל כּבוד און פּרעסט דאָס, ווי געבראָטען פֿלייש אויף אַ שפּיז:

— רוף מיך: גענעראַל! הויכעקסעלענץ! רוף מיך: לידער פֿון אַ פּאַרטיי! — זאָג מיר: געניאַלער דיכטער! פֿערגעטער מיך!— וואָס עפּעס גאָר דיך, העלד איינער? — פֿאַר וואָס נישט דעם קרומען בעטלער, וועלכער שטייט אויף דעם עק גאַס, אָדער וואַלגערט זיך אַ געקרעציגטער אין הקדש-הויז? פֿאַר וואָס נישט דאָס מינדסטע ווערימעל? —

די היינט-וועלטישע געצענדינערייַ. דורשטיגע געטער, וועל-

כע בעטלען ביי אַ בשר ודם אַ טרונק, רחמנות-געטער. אַ גריימאַסע צווישען חיה און טייוועל.

דאָס אַלץ האָט דער שטן צוגעטראַכט כדי צו פּערמיסטיגען דעם געטליכען קוואַל וואָס אין מענש, און פּעראומרייניקען די ריינע אידעע.

בלעטערט די געשיכטע און זעט:

אין אַלע צייטען זענען געוועזען פאַלשע נביאים, וועלכע האָבען גערופען אין קאַמף אַריין צוליב אַ אידעע, און עס האָבען געצאַפּעלט יחידי סגולה, שלוחים פון דער ריינער אידעע, וועלכע האָבען בעקעמפט דעם רוף צום קאַמף, זיי האָבען געוועקט: נענטער צום עיקר, צו ליבע, צו דער וועלט-נשמה. וואַרפט אַראָפּ שאַלעכצער!

האָבען שטענדיג מנצח געווען די שוחטים. די כהנים-גדולים, די פאָלקס-רעדנערס, די פעלד-מאַרשאַלס, די נאַציאָנאַלע העלדען. דורשטיגע, גייציגע אַכזרים זענען געקרוינט געוואָרען פאַר מושלים און רשעים זענען די אבות פון אונזער געשיכטע. די פאַלשע הויף-דיכטער, די לאָקייען פון דער געשיכטע, האָבען זייערע קעפּ פאַר די רשעים געבויגען און פאַר זיי לאָרבער-קרענצען געפלאָכטען.

און אַזוי איז דער אַלטעגליכקייט: פיינע, בלומען-נאַטורען, איידעלע, צאַרטע ווערען צוטראָטען דורך די אָבצאַסען פון די גאוה'דיגע מאַכט-האָבערס און רשעים געוועלטיגען איבעראַל. זיי זענען די אויבענאָנדיקע בירגער סיי אין דעם קעניגרייך פון דעם פליישיגען וואָכעדיג-טאָג און סיי אין דעם קונסט-משכן.

אויך דאָ, אין דעם היכל פון געזאַנג, פערכאַפּען די קרוין די ליגנערס, די גראָבע הענד, וועלכע בעזיצען געשיקטע פינגער, וועלכע פערגוואַלדיגען דאָס וואָרט, די פאַרב און דעם טאָן, און די יעניגע, וועלכע לעכצען נאָך די ריינע געטליכקייט, נאָך דעם אַבסאָלוטען טאָן ווערען וואַנזיניג און פאַלען אַרונטער הינטער די רעדער. און ליגענס ציהען זיך לענג-אויס הונדערטער און טויזענטער געשיכטע-יאָרען.

עסטעטען ווערען צעריבען און עס פערפעסטיגען זיך בעלי-

גוף און רייטען אויף די קעפּ פון די מאַסען.

אַלע, וועלכע שטייען אין פאָדערגרונד, אויף אַ וואַסער נישט איז געבּיט, זענען רשעים. סיידען די, וועלכע האָבען זייער ערדיש לעבען אָפּגעגעבען דער ריינער אידעע. אין אַלע צייטען האָבען די ריינע יחידים געבּלוטיגט פאַר איין און די זעלבע זאַך: פאַר דעם עיקר, פאַר דער ריינער אידעע, וועלכע פערלייקענט דאָס בשר-ודם-לעבען. שטייען מיר ביז היינטיגען טאָג אויף איין און דעמזעלבען פונקט. אַ וואַהנזיניגער און אומנוצליכער קאַמף מיט שאָלעכצער און מאַסקען אויף אַ עולם-התהו, וואו אַלעס איז איבערגעדרייט מיט דעם קאָפּ אַראָפּ. די ריינע אידעע איז שוין פון לאַנג פערשריען. וואָס פּלאַטאָ האָט געזאָגט האָבען דאָס געזאָגט אין אַלע צייטען ביז אין דעם איצטיגען אויגענבליק אַלע די יענע געציילטע, וועלכע האָבען אַ אויער פאַר אַ ריינעם טאָן. אָבער עס שרייט אַזויפיל פלייש און בלוט אויף דעם וועלט-מאַרק, דאָס דער טאָן איז פערזונקען. לאָמיר דעריבער בויגען מיט ערפורכט אונזערע קעפּ פאַר די אַלע נישטיגע אויף דעם עולם, וועלכע האָבען זיך געמאוס'ט אויסצושטרעקען זייערע הענד כדי צו נעמען חלק אין דעם רויב. פאַר די אַלע, וועלכע מיר טרעפען אָן אין די גאַסען אויסגעשטרעקטע פלאַטערנדיגע אין קאָנוואולסיעס פון הונגער. פאַר אַלע מלכים, איינגעהילטע אין שמאַטעס, וועלכע גייען אַרום איבער די הייזער בעטלען. פאַר פערהאַפטעטע און פערשפּיגענע, וועלכע האָבען שוין נישט קיין העזה צו רייסען ביי אַנדערע מאַסקעס. פאַר קאַליקעס, וועלכע האָבען שוין אָפּגעגעבען שטיקער קערפּער, האַנד אָדער פוס און קריכען אַרום. פאַר אַלע אָרימע צעריבענע און געפאַלענע אויף בל'ערליי געביטען, וועלכע האָבען גאָרנישט עררייכט. — שטומע נשמות און זעראָס אין געזעלשאַפט. און פאַר דעם צווישען פעלקער-שוחטים דערנידריגטען פאָלק ישראל, וועלכער האָט דער ערשטער אַוועקגעוואָרפען דאָס געווער, אויפגעגעבען דאָס אויג און אַ בליק געטון אויף דעם עולם-התהו.

דאָס יודישע שיף.

יאָהרען-לאַנג, דורות-לאַנג, ווערען איינגעאָרדענט עקספעדיציעס אויף שיפען, וועלכע לאָזען זיך אַוועק אין פערנעבעלטע ווייטקייטען אַריין, אום אָבצוזוכען דעם וועג צום צפון-פאָל. דורך טיפע שנייען, אונגעהויערע קעלטען, בייזע שטורעמס און אונבעזיגבאַרע אייז-ים'ן שניידען די דאָזיגע שיפען וועגען און פיהרען-מיט מיט זיך דעם מענש מיט דעם קלאַפּענדיגען האַרץ און הייסען טרוים, וועלכער שפּאַנט זיין בליק אין דער ווייטער צוקונפט אַריין און שטרעבט צו דערגרייכען דאָס ביז איצט נאָך אונדערגרייכבאַרע. וויפיל מענשען-לעבענס זענען שוין אומגעקומען אין דעם דאָזיגען אונגעהויערען שטרייט פון מענש מיט די העכערע קרעפטען, וויפיל הייסע און קלאַפּענדיגע הערצער זענען שוין פערגליווערט געוואָרען אין דער אַרומיגער שרפ'ענדיגער קעלט און וויפיל טרוימערישע און האָפנונגספולע אויגען זענען שוין אויסגעלאָשען געוואָרען אויף די דאָזיגע שיפען אונטערוועגס צו דעם געגאַרטען און געאַהנטען אונבעוואוסטען! פון די אינטערעסאַנטסטע און ריהרענדסטע מענשליכע דאָקומענטען זענען די טאָג-ביכער און גענויע בעשרייבונגען, אין וועלכע די דאָזיגע בייגיריגע רייזענדער פּרובען זיך בעמאָהלען און אויסצודערצעהלען עטוואָס פון דעם, וואָס זיי קומט-אויס אויסצושטעהן, זייער מיה, זייערע שמערצליכע האָפנונגען, זייערע נאָך שמערצליכערע ענטטוישונגען, הונגער, קעלט און דאָס בעוואוסטזיין פון מענשליכער שוואַכקייט, אָבהענדיגקייט

און נידערגעשלאָגענהייט. וויפיל זאָרגפולע ליבע און שטורמישער מיטלייד צו דעם מענשענ׳ס גורל שטראָמען צו אונז אַרויס פון צווישען די שורות פון די דאָזיגע מערקווירדיגע דאָקומענטען און ווי האַסטיג עס קלאַפּט דאָס מענשליכע האַרץ, צוזעהענדיג, ווי עס פליהען האָפנונגען, לעשען זיך אויס און פלאַקערן ווי דער אויף דאָס ניי. עס וויגט זיך אונזער האַרץ, ווי אַ שיף צווישען ברויזענדע וואַסערן, נאָכשפּאַנענדיג די העלדען אויף זייער סכנות־פולען וועג; מיר שטאָלצירען אויף די גרויסע און אונצעהליגע המצאות, וועלכע עס איז אימשטאַנד צוצוטראַכטען דער מענשליכער מוח, אום צו ראַנגלען זיך און בייצושטעהן געגען די גרויזאַמע נאַטור־קרעפטען, און מיר ליידען צוזאַמען מיט די העלדען פון די העכערע קרעפטען, וועלכע מאַכען צו שפּאָט אַלע אונזערע גרויסע פערלאַנגען, דרייסט אין זייגע השגות, איז דער מענש אַזוי שוואַך אין זייגע דערגרייכונגען, וואָרום אונצעהליג זענען די שטערענישען, וועלכע פערצוימען איהם זיין וועג. שטענדיג קומט ער אויס אַזוי נאָהנט צום ציל. אָט נאָך אַ קליין ביסעל, נאָך אַ האָר נעהנטער, דוכט זיך, וועט שוין דאָס שיף אַרויס אויף דעם וועג צו זיין ענד־ציל. אָט־אָט, שיער־שיער.

נאָר גאָר פלוצלינג טהוט דאָס שיף אַ קערווע אויף אַ קליין ביסעל אין דער זייט, און די גאַנצע מיה, די האָרעוואַניע פון חדשים־לאַנג געהן צו גרונד. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער מענש איז געוועזען צו־שוואַך, ביז צו שפּאָט שוואַך, בעוואָפענט געגען די מורא׳דיגע אונהיימליכע און זאָגאַר ביזוויליגע כחות, וועלכע קעמפען מיט איהם. דאָס שיף זינקט און טראָגט מיט זיך אַראָב צום גרונד לעבענס און האָפנונגען. שטיקלעכווייז פון צושלאָגענעם שיף ליגען, ווי די פגרים, לעבענס האָבען זיך אויסגעלאָשען, אָבער די מענשליכע האָפנונג פלאַקערט זיך פונאַנדער נאָך העלער און קרעפטיגער. עס ווערען אָנגעגורט נאָך פרישערע און מעכטיגערע כחות: מעהר וואַכזאַמקייט, דאָפּעלטע ענערגיע און פערפילפאַכטער דרייסט. אַ שיף לאָזט זיך ווידער שניידען ווייטע און אונהיימליכע וועגען און דער

מענש זוכט, פול האָפנונג און נייגיר.

מיר, יודען, אַ פאָלק אָהן אַ לאַנד, וועלכעס האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו טרוימען וועגען צוריקקעהר אין יודישען לאַנד, וואָס האָט זיך שטענדיג געפונען אין אַ גייסטיגער און איזיאָנערישער התקרבות מיט דעם לאַנד פון די אבות, וועלכעס איז פון איהם דורך דער קראַפט פון דעם שווערד אַוועקגעריבט געוואָרען, האָבען איינגעאָרדענט אַזאַ עקספעדיציע אָבצוזוכען דעם וועג, וועלכער פיהרט צוריק אין יודישען לאַנד. זינט ירושלים, די שטאָדט, וועלכע גאָט האָט אויסדערוועהלט פאַר זיין געגלויבט פאָלק און דאָרט אויסגעבויט זיין משכן, זינט דאָס דאָזיגע ירושלים איז אונטערגעצונדען געוואָרען און האָט בעקו־מען דעם נאָמען איליע קאַפיטאָלינע, — באַלד נאָכדעם האָבען מיר זיך אַריינגעזעצט אין יודישען שיף און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער וועלט אַריין, כדי אַליין געלייטערט צו ווערען, אַנדערע אומות־העולם צו לייטערן און אַזוי־אַרום, אין דעם נאָ־מען און דורך דעם כח פון דער גערעכטער, גערעכטיגקייט אָב־צומאָהנען און אויסצו׳פועל׳ן צוריק ביי דער וועלט אונזער לאַנד.

שוין אַ שען ביסעל הונדערטער יאָהרען רייסט זיך דאָס יודישע שיף צווישען אייז־קאַלטע פעלקער און ראַסען. צווישען בערג פון מכשולים, דורך טיפע שנייען, ביינזווילִיגע שטורעמס פון מענשען־האַס און אייז־ים׳ן פון בלבולים און שפּאָט שניידט פאַר זיך אַ וועג דאָס וואַנדערנדע יודישע שיף. שוין געווען צייטען, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט געהט דאָס יודישע שיף אַראָב צום גרונד און עס וועט, חלילה, פון יודען קיין שריד ופליט נישט בלייבען. ערשט נישט לאַנג, מיט נישט קיין סך דורות צוריק, נאָך אַ לאַנגער תקופה פון שחיטות און שמד, איז איבער דער גאַנצער וועלט פערבליבען בסך־הכל אַ קליין קופקעלע יודען, אין אַזאַ קליינער צאָהל, אַז אין איין איצטיגער גרויסער יודישער קהלה געפינען זיך פיל מעהר נפשות.

און אומגעקעהרט: שוין געווען תקופות אין דער יודישער

געשיכטע, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז אַט־אַט, נאָך אַ קליין ביסעל, דערנעהנטערט זיך, דאָס יודישע שיף צו זיין פאַל. עס האָט אויסגעזעהן, ווי דאָס פעלקער־געוויסען וואָלט ווירקליך האָבען פלוצלונג ערוואַכט אין זייערע הערצער און זיי וואָלטען מיט אַנ׳אמת׳ן האָבען געמיינט, אַז אַזאַ פאָלק, וועלכעס האָט זיך אַזוי פער׳עקשנ׳ט איינגעשפאַרט אויף אַ שטח פון טויזענ־דער יאָהרען, האָט פערדינט דעם זכות צו בעקומען צוריק לאַנד און ווירדע.

עס האָט זיך געוואָלט גלויבען, אַז מענשען און פעלקער זענען כאָטש איינמאָל אין דורות־לאַנג פעהיג אויף חרטה־געפיהלען און אויף אַ טראָפען פון תשובה. מיר האָבען גע־האָפט, געוואַרט און אַ ביסעל, אפילו זעהר זעלטען, געמאָהנט. מיר זענען געווען אַזוי נאַאיוו, ווי קליינע קינדער. דערמאָהנט זיך נור, אין וואָס פאַר אַ שווערען און גרויזאַמען וועג מיר האָבען זיך אַוועקגעלאָזט, צווישען פעלקער־חיות, צווישען בלוט און קרייץ, צווישען קירכען־גלעקער, וועלכע האָבען אין אַ משך פון יאָהרהונדערטען אויסגעקלונגען פאַר אונז טויט־שטראָפען. און מיט וואָס זענען מיר געווען בעוואָפענט? מיר זע־נען דאָך געווען אַזוי שוואַך בעוואָפענט לגבי דער גרויזאַמער וועלט, אַזוי נאַאיוו, ווי מיר זענען געווען. וואַנדערער, רייזענדער, אויף אַ שטענדיג זינקענדען שיף. מיר האָבען זיך אַרומגעבלאָנקעט צווישען די פעלקער, ווי די שאָטענס און געוואַרט אויף כבוד, אַז די פעלקער זאָלען קענען אונז אַרויסגעהן מיט די טאַצען און זאָלען אַרויספיהרען די יונג־פרוי יעקב׳ס טאָכטער אויבען־אָן און איהר צוריק אָבגעבען איהר חלק, וועלכען זיי האָבען פון איהר אַוועקגעגזל׳ט און דאַדורך זי אַזוי בע׳עול׳ט, און ישראל וועט צוריק בעקומען דאָס, וואָס ער מאָהנט שוין פון דורות־לאַנג ביי גאָט און ביי וועלט. איז דען פאַרהאַן אַנ׳אינטערעסאַנטערער און שפּאַנענדער מענשליכער דאָקומענט, ווי די לעבענס־בעשרייבונג פון דעם אייביגען יוד, ווי די גענויע בעשרייבונג פון דער יודישער עפּאָפייע, דער רייזע־וועג פון יודישען שיף, וואָס וויגט זיך

דורות־לאַנג, אָט־אָט, שיער־שיער, פֿון דעם יודישען געראַנגעל מיט געטער און פֿעלקער, אונזער צער, אונזערע ליידען און בזיונות, אונזערע וועה־געשרייען און הילפֿס־געשרייען? — קאָן דען נאָך וועלכע ס'איז לעבענס־געשיכטע פֿון אַנ'אומה ולשון וועקען אַזוי פֿיל מיטלייד, ליבע, פֿערדרוס, שטוינונג און בעוואונדערונג, ווי די געשיכטע פֿון דעם קליין הייפעלע העברעער, אייביגע רייזענדע אויף אַ וואַקלענדען שיף, העלדען, וועלכע זעהען־אויס ביי אַלעמען, ווי שוואַכע, טויבען, וואָס שמ'ען פֿאַר פֿוקסען, וועלכע ראַנגלען זיך מיט אַלערליי מלאכי־חבלה, ליידען שאַנד און שפּאָט, לעקען מיט זייערע צינגער אַלע מיסטען און ווערען געפֿרעסען פֿון אַלערליי פֿייער־צינגער? — און וואַקסט־אויס אַ יודישער העלד, אַ מענש פֿון ווילען און האַס, האָט שוין דען ווען געטראָפֿען, אַז אַזאַ העלד, וועלכער וואַרט צו אויסלעזען זיין פֿאָלק, זאָל נישט זיין אַם ענדע געצוואונגען צו קריכען אויף אַלע פֿיער פֿאַר יעדען קליינעם הערשער און אָבגעשוואַכטען פֿערעלטערטען סולטאַן? — אָ, וויפֿיל גאולה־האָפֿנונגען זענען שוין פֿאַר אונז אויסגעלאָשען געוואָרען און וויפֿיל געמאַכטע פֿריינד, ווי פֿאַלשע פֿייערלעך, האָבען אונז שוין גענאַרט מיט זייערע הבטחות!

נו, איז וואָס? איז ענטטוישונג? אויסלעשען דאָס פֿלעמעל פֿון האָפֿנונג און גלויבען אין מענש און פֿאָלק? — גאָט בעהיט! ווער עס האָט אויף זיין לייב טויזענד וואונדען, שוין־זשע וועט ער נישט זיין אימשטאַנד אַריבערצוטראָגען טויזענד מיט איין וואונד? און ווער עס האָט, אַלעמען צום שטוינען, געוואַרט יאָהר־טויזענדער, האָבען עפּיס ביי איהם אַ ווערט מאות? —

דאָס יודישע שיף, דאָס יודישע שיף, זי איז נאָך גאַנץ ווייט פֿון אונטערגעהן. אויף איין ווייל הערט זי נישט אויף צו רודערן. זי שניידט כוואַליעס, רייסט אייז־שטיקער און בערג־שנייען. העלדען, יודישע העלדען, דרייסטער, וואַכזאַמער און קרעפֿטיגער! — מיר האָבען זיך אַוועקגעלאָזט, ווי נאַאיווע קינדער. אין דער וועלט אַריין און וועלען בלייבען קינדער גלויבענדיג, אַז דאָס קינד וועט זיגען איבער דעם אַלטען מאַן

דעם אָבגעשוואַכטען סולטאַן און איִבער דעם פערעלטערטען אָנ־
געזעטיִגטען קליינעם הערשער. וועמ׳ אונז אויספעהלען העלדען?
איינס נאָך איינס! מיִר האָבען דאָך זיִך שטענדיג אונטערגעשיידט
פון אַנדערע; אַנדערש געלעבט, אַנדערש אויסגעשטרעקט אַ
האַלז און אַנדערש עמפפאַנגען פרייד און געניוס. דורות־לאַנג
האָבען מיִר זיִך אַרומגעבלאָנקעט צוויִשען שפאָט און פערגליי־
ווערטקייט, און מיר האָבען קראַפט ווייטער, ווייטער, נאָך, לאַנג
נאָך, צו רודערן, שניידען וועגען, וועקען דאָס איינגעשלאָפענע
געוויִסען פון ראַסען, פעלקער און קלאַסען. ישראל איז אַ
וואָרקענדע טויב, אַ שרייענדיגער לייב און אַ שיִפענדיִגע שלאַנג
ער וועט נאָך לאַנג שטעכען דיִ אויגען פון דיִ אומות העולם.
די דערמאָהנען אָן זייער זיִנד געגען אונז, וויִ אויך וועקען
שטויגונג.

היהנער און אייער.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די בלוטיגע געשעהענישען און מיט דעם חרם, וועלכען די אַראַבער האָבען ערקלערט דעם יודישען ישוב און האָבען אין משך פון גאַנצע אַכט טעג נישט געוואָלט אַרויספיהרען און פערקויפען יודען קיין שום עסענוואַרג, — ווערט איצט אין אונזער ארץ-ישראל'דיגער פרעסע פיל גערעדט וועגען דעם, אַז עס וואָלט נוצליך זיין, דאָס אונזער יונגער ישוב זאָל קאָנען זיך זעלבסט דערנעהרען, דאָס הייסט, אַז ער זאָל פיהרען אַנ'אייגענע דאָרפס-ווירטשאַפט און זאָל זיין אומשטאַנד זעלבסט צו שאַפען פאַר זיך די יעניגע פראָדוקטען, מיט וועלכע אַ מענש ווערט אַממייסטענס געשפייזט, ווי היהנער, אייער, פוטער, מילך א. ד. ג. און זאָל נישט זיין אָבהענגיג אין דער הינזיכט פון אַנדערע. זעלבסטפערשטענדליך, אַז דאָס וואָלט געוועזען זעהר אַ נוצליכע זאַך. וואָרום יעדער עקזיסטירענדער און וואַקסענדער קערפער מוז האָבען זיין אייגענע יניקה און די אויבענדערמאָהנטע פראָדוקטען זענען, ווי בעוואוסט, די הויפט-יניקה פאַר אַ מענש. דאָס אַלץ איז, ווי געזאָגט, זעהר פערשטענדליך. איז אָבער נישט דאָס, וואָס אַרום דעם ווערט אַזוי פיל גערעדט, וואָס וועגען דעם ווערט איבערהויפט גערעדט. אויב מען האָט דאָס ביז יעצט נאָך נישט געטהון — וואָס-זשע האָט מען געטהין ביז היינטיגען טאָג? — און אויב מען האָט דאָס ביז איצט נישט געטהון און מען געהט ערשט יעצט מאַכען, דאָס מיר זאָלען

אויך אויפכאָוועז אונזערע אייגענע היהנער, וועלכע זאָלען אויסזיצען אייער, פרעגט זיך, צי דען דאַרף אַזאַ פראַגע, און נאָך אַזוי פיל, בעהאַנדעלט ווערען אין דער עפענטליכקייט? —
צי דען האָט מען דאָס ניט געקענט מאַכען אויף אַנ׳אַנדער אופן, אויף אַ פשוט׳ערען אָבער טאַקע אויף אַ גאָר פשוט׳ן? —

איך מיין דערפון אויסצודריגען, אַז, ליידער, מאַכען מיר בטבע פעהלערען. מיר בעגעהען פיל פעהלערען אין אונזער וועלט-פּאָליטיק. און דאַדורך ברענגען מיר אָפט זיך שאָדען אין אַ סך הינזיכטען אין אַלגעמיין און אין דער אויפבויאונגס-אַרבייט פון דעם ארץ-ישראל-ישוב בעזונדערס.

מיר מוזען דורכאויס און איבעראַל זיין פאָרזיכטיגער, שטילער, און ניט שפריצען אַרום זיך מיט אַזוי פיל פייערווערק. אין דער שטיל ווערען זאַכען געבוירען. טאַקע אַ הוהן, אַ שטייגער, ווערט אַזוי ערנסט און געהיימניספול-איינגעהילט, ווען זי געבוירט. עס האַנדעלט זיך וועגען וועלט-פערשטענדעניש. יעדערער, וועלכער וויל עפּיס שאַפען, מוז זיך אויסבעהאַלטען און זיך אויסהיטען פון אַ בייז אויג, פון אַ מינדעסטען פרעמדען בליק, וואָרום קיינער לאָזט ניט קיינעם גאָר ניט אויפבויען. דער מייסטער מוז שוין ברענגען אַ פערטיגט ווערק, אויסשטעלען אַ פערטיגען בנין. און אפילו דאַן גליקט בלויז געצעהלטע, מען זאָל זייער ווערק אויפכאַפען און אָננעמען אַלס אַ מוז-זאַך. די גרעסטע מעהרהייט פון מייסטער מוז זיך נאָך לאַנג ראַנגלען מיט דעם אַרום און אויסקעמפען פאַר זייער ווערק דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ.

און מיר זענען אַזוי נאַאיוו און פול מיט צוטרויען. שטענדיג מיט דער נשמה אין דרויסען. מיר געהען בויען אַ לאַנד אין דער הויך. אַזוי פיל יאָהרען בלויז געריוישט, געדאַווענט נור די הויכע שמונה עשרה אָהן די שטילע, ווי אין אַ כאָר-שוהל. שאַדט דאָס אונז דען ניט? —

פערדריסליכער איז דאָס, וואָס די אַרומיגע וועלט האָט זיך אַלעמאָל און אויך איצט טועה געווען אין אונז. זי האָט אונז אין פיל הינזיכטען איבערגעשאַצט, אַנדערע מיינען, אַז

יודען זענען דורכאויס אָרגאַניזירט, קלוג, עגאָאיסטיש און געהיימניספול. מען האַלט אונז פאַר דייטשען אָהן דאָס דייטשע קעניגרייך. אַ קליינינקייט, דער יודישער קהל פון דער גארער וועלט מיט די זקני-ציון בראש! — אַלע יודען פון ארבע כנפות הארץ קומען אויס ביי די גוים, ווי איין גרויסער, אָרגאַניזירטער זעלבער, וועלכער וועט פלוצלינג אין איין שענעם טאָג טהון אַ שטעה-אויף און וועט איינגעהמען די גאַנצע וועלט. וואָס פאַר א ביטערע איראָניע דאָס איז פאַר די, וועלכע מוזען נאָך זיך אַליין דערווייזען און בעווייזען מיט פרעסע-אַרטיקלען, דאָס עס איז נוצליך צו פערמאָגען אייגענע היהנער, וועלכע זאָלען אויסזיצען אייער. מיר זענען דאָך אַזוי צושפליטערט און צופלאָסען. קיין טראָפען אָרגאַניזירטקייט. און דער עיקר אַזוי הילכיג. דער בעסטער בעוויז פון אונזער שוואַכקייט. מיר זענען איינגאַנצען, ווי אַ פושקע-צדקה; מיט אַ פּאָר קופערנע מטבעות, און ביי אַנדערע קלינגען מיר אָב ווי מיליאָנען מיליאַרדען, ווי אַ פאָלק פון בלויזע ראָטשילד׳ס.

עס נעהמט אָן אַ פערדריסליכער טרויער, ווען מען זעהט, ווי ווייט יעדער טראָפען פון ווירקליכער טעטיגקייט ווערט צעשריען און אויסגעפילדערט, דאַגעגען אויפגעטהון ווערט אַזוי קנאַפ. אַלע קוקען אויף יעדען יוד, ווי אויף אַ זעקעל, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט געלד, און מיר זענען נישט אומשטאַנד צו שאַפען די מינדסטע סומע געלד פאַר דעם יודישען לאַנד אָהן געוואַלד-געשרייען. זאָגט מען דאָך אויף אונז, אַז ווען עס ברעכט-אויס אַ פעלקער-קריג, שיקען מיר אַריבער דעם שונא אין אַ פעל פון אַנ׳אָקס גרודעס מיט גאָלד, פאַרוואָס-זשע זאָלען מיר נישט נעהמען אַזאַ פעל פון אַנ׳אָקס און דורך איהם באמת אויפבויען דעם יודישען ישוב? מען פאָדערט אַ ברייטע איינוואַנדערונג אין לאַנד און עס ווערט נישט געשאַפען דערצו די מינדעסטע סומע פון מיטלען, וועלכע וואָלטען אָהן צווייפעל, געקאָנט געשאַפען ווערען, מיר וואָלטען ווירקליך זיין אַנ׳אָרגאַניזירט פאָלק מיט אַנ׳אָרגאַניזירטען ווילען, מיט אַ פערשטענדניש פאַר אַ התמדה׳דיגער און שטילער בויאונגס-טעטיגקייט. מיר זענען

בלויז מכריז ומודיע, אַז מיִר ווילען. דערווייל זאָגען מיִר אויס אונזערע פּלענער, שרייען אויס אונזערע נצחונות און מפּלות. און אין ביידע פאַלען זענען מיִר גורם זיִך בלויז שאָדען. אונזערע מכּלומר׳שטע נצחונות רופען אַרויס צו אונז קנאה ביי די ניט־פריינד, און די מפּלות, וועלכע מיִר רעקלאַמיִרען, זאָל זיין מיִט אַ גוטער כּונה, רעקלאַמיִרען דאָך אונזער שוואַכקייט און שוצלאָזיִגקייט און ציהען צו צו אונז די האַנד פון דעם מערדער.

פערשווייגען, פערגלעטען, אַראָבשליִנגען די טרעהר, מאַכען זיִך פאַרב אין די באַקען, כּדי די שונאים זאָלען זיִך ניִשט פרעהען — דאָס וואָלט בעדאַרפט אונז אונטערזאָגען, אַ געזונטער איִנסטיִנקט.

מיִר זענען אַ פּרעסע־פאָלק. ניִשט האָבענדיִג קיין אַנדערע מיִטלען, כּדי זיִך דורך זיי צו פערטיידיִגען, האָבען מיִר דורכאויס אויסגענוצט די פּרעסע צו אונזער גונסטען, אָבער דאָס איִז אונזער גרעסטער פעהלער, וועלכער פערשאַפט אונז אונגעהויערע שאָדענס, ניִשט בלויז איִבער היִהנער און אייער שרייבען מיִר אָבהאַנדלונגען אין אונזער פּרעסע, נאָר איִבער אַלץ און אַלעמען, מיִר זענען דורכאויס דעקלאָטירט. איִבער יעדען אונזער מיִנדסטען שפּאַן ווערען צוטראָגען ידיעות איִבעראַל און יעדער מיִנדסטער ריִהר אונזערער ווערט צופּויקט. מיִר האָבען ניִשט אפילו קיין איין קלייניִקען סוד. און זיי, די אָריִמע און אונוויִסענדע פעלאַכען, האָבען גענומען און אַזוי גלענצענד אָרגאַניִזיִרט אַ יודיִשען פּאָגראָם, אַזוי געהיימניִספול און מייסטערהאַפט, אַז נאָך אַ ביִסעל, ווען עס געראָט זיי, חלילה, וואָלטען זיי געווען פערזייט אונזער לאַנד מיִט די ביינער פון דעם גאַנצען ישוב. ווי שטיִל דאָס איִז ביי זיי צוגעגאַנגען, ווי אָרגאַניִזיִרט! — וואָס פאַר אַ געניִטע האַנד האָט דאָס אַלץ צוזאַמענגעשטעלט. און זאָל זיין, אַז די דאָזיִגע האַנד איִז אַ פרעמדע, אַ דרויסענדיִגע — אָבער די פעלאַכען האָבען דאָך אויך געוואוסט דערפון. געוואוסט און געהאַלטען בסוד. ווערזשע איִז קליִגער? לעבענס־פעהיִגער? זיי, צי מיִר? — זענען זיי

רשעים, און מיר צדיקים, פֿיינע לייט, אָבער ווער קען בעסער זיך שיצען? — ווער קאָן בעסער אָנגרייפֿען? — ווער קאָן בעסער שאַפֿען אין דער שטיל? —

אין אַן ארץ־ישראל׳דיגער צייטונג שרייבט איינער, אַז באַלד נאָך די געשעהענישען האָבען מיר בדעה געהאַט צו באָיקאָטירען די אַראַבער און ביי זיי גאָרנישט קויפֿען. דער דאָזיגער שרייבער גיט דאָס צו פֿערשטעהן פּסיכאָלאָגיש. ריכטיג, אָבער נאָך וואָס דערצעהלט ער דאָס עפּענטליך? — האָבען מיר בדעה געהאַט, פֿאַר וואָס האָבען מיר דאָס נישט געטהון? — האָבען מיר נישט באָיקאָטירט די אַראַבער, טאָ נאָך וואָס דאַרפֿען מיר אויסזאָגען, אַז מיר האָבען געוואָלט? — איז דאָך שוין פֿיל גלייכער צו זיין גוט און וואויל און זיך מאַכען, ווי מיר האָבען גאָרנישט געוואָלט, איז דאָס פּאָליטיש קלוג? און נאָך ווען מען ברויכט צו ראַנגלען זיך מיט אַ מערהייט! טאַקע ווידער דאָס זעלבע. מיר האָבען בדעה געהאַט, און, זיי די אַראַבער האָבען גענומען און באָיקאָטירט. דאַגעגען ערקלערען זיי, אַז זיי ווילען נישט באָיקאָטירען און טראַכטען נישט און וועלען נישט.

עס האַנדעלט זיך וועגען אַ פֿאָלקס־אינסטינקט און וועגען פֿאָלקס־קלוגשאַפֿט, וועלכעס אונטערשיידעט זיך לחלוטין פֿון דער קלוגשאַפֿט פֿון דעם איינצעלנעם. יעדער איינצעלנער יוד פֿאַר זיך איז אפשר גאַנץ גענוג געשיקט. נאָר די יודען אַלס אַ פֿאָלק צייכענען זיך שוואַך אויס מיט פֿערנונפֿטיגער פּאָליטיק. דאַרף מען צו האָבען נאָך אַ סך ביישפּילען? — אָט דער אימפּעט, מיט וועלכען מיר האָבען אויסגעשריען איבער דער גאָרער וועלט, דאָס מיר געהען, מיר ווילען, מיר וועלען בויען אַ יודישער מדינה און דאַדורך אַזוי איבערגעשראָקען די אַראַבער, ווען אין אמת׳ן איז דער געפּילדער געווען גאָר אַ פֿריה־צייטיגער, — שוין די דאָזיגע אַרט, מיט וועלכער עס ווערט איצט אין ארץ־ישראל בעהאַנדעלט די פֿראַגע מכּח אָבשאַפֿען די אַראַבישע אַרבייטער און אַוועקשטעלען אויף זייער אָרט דעם יודישען פּועל, איצט, ביי אַזאַ אָנגעשטרענגטער אטמאָספערע

פון האַס און קנאה, ערלויבען מיר זיך אַזוי עפענטליך פון אַזעלכע זאַכען צו רעדען אָנשטאָט דאָס צו מאַכען דורך אַ שטילער און אינטענסיווער פאָלקס־התעוררות — שוין דאָס אליין דערווייזט אַן איבריגען מאָל, ווי ווייט אונפאָרזיכטיג און נאַאיוו מיר זענען אין אונזערע האַנדלונגען און בענעהמונגען, עס פעהלט אונז פשוט אויס אַלס צבור פערשטענדניש פאַר צווישען־מענשליכע און צווישען פעלקערישע בעציהונגען.

יאָ, אַ ביסעל מעהר פערשטענדניש פאַר שווייגען.

אָט נעהמט אונזער ישוב איבערהויפט. צייטענווייז בעפאַלט דיך אַ שטאַרקער מיטלייד אויף איהם און אויף אונז; ווי אַ וואונדער־קינד, וואָס ווערט לאָרנירט פון אַלע זייטען, איז דער ישוב. ניט נור לגבי דער דרויסענדיגער וועלט פערנעהמען מיר זיך צופיל מיט אינפאָרמאַציע, מיט ביולעטענען און פייער־ווערק, נאָר אויך לגבי אינעווייניג. אונזער קליינער ישוב זיצט שטענדיג פאַר דעם פאָטאָגראַפישען אַפּאַראַט. מען לאָזט איהם נישט אָבּעטעמען, יעדע מינדעסטע קליינינקייט, וואָס ווערט דאָרט אָבגעטהון, ווערט בעמאָהלט, בעשריבען און איבערדערצעהלט. יעדער פאַטש פון אַ פליגעל פון אַ ווינטמיהל ווערט בעזונגען. אונזער קליין לאַנד וויבעלט און שוויבעלט מיט קאָרעספאָנדענטען פון דער גאָרער וועלט. וואָס וויל מען האָבען פון אונז, און פאַרוואָס לאָזען מיר זיך ווערען אַזוי אויסגעקוקט? — און פאַרוואָס זענען מיר גאַסט־פריינדליך און פיהרען יעדען איינעם אומעטום? — פאַר וואָס זענען מיר אַזוי ביליג ביי זיך און זענען להוט צום אָנקוקען זיך ווי אַ גייציג כלה־מיידעל? —

איך האָב דאָס געפיהל, ווי די דאָרטיגע מענשען געהען אַרום צווישען פיער ווענד פון שפיגלען. דאָס לעבען קאָן מאוס און נמאס ווערען און צווישען שפיגלען ווערט גאָרנישט ניט געשאַפען. שטעהט איינער ביי אונז אין לאַנד און קלאַפט מיט אַ האַמער, ווערט ער אַ וועלט בעריהמטהייט. יעדער דאָרטיגער שילער אָדער ערד־אַרבייטער איז שוין אויף דעם לייוועגט און פאַר די אויגען טאַנצט פון דעם לייוועגט אַראָפּ פון אַלע

קינעמאַטאָגראַפֿען. אונזער ישוב איז ענטבלויזט. און אַלץ ביי אונז אין לאַנד זעהט אויס, ווי אויף אַן אויסשטעלונג. און דאָס שאַדט. עס איז, מעגליך, דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס מען האָט זיך ביז איצט אַזוי ווינציג בעשעפֿטיגט מיט אויפֿכאַוועון היהנער, וועלכע זאָלען אויסזיצען אייער, און וואָס דאָס ווערט אַ געגענשטאַנד פֿון פּרעסע-אַרטיקלען.

אויך אַביסעל מעהר פֿערשטענדניש פֿאַר שווייגען, פֿאַר שטילער און איינערליכער שאַפֿונגס-אַרבייט! —

און אויב דער גרויסער דיכטער האָט אויסגערופֿען פֿאַר זיין טויט: ליכט! ליכט! — טאָ איידער עטוואָס האַלט ביים געבוירען, מוזען מיר אויסרופֿען:

— אַביסעל מעהר דונקעלהייט. אוי, אַביסעל דונקעלהייט. לאָזט אונז אין דער שטיל אַרבייטען! —

אייראָפּאַ און אַמעריקאַ

אָנגעהויבען האָט זיך דאָס פֿון מאַכען=געוועהר=בעשטעלונגען. איך מיין אָט דאָס דאָזיגע הכנעה'דיגע פֿערהאַלטען זיך פֿון אייראָפּאַ צו אַמעריקאַ, דאָס געגליכען זיין ביי זיך צוגאָרנישט און אָנבויגען דעם קאָפּ מיט אונגעהויערער עהרפורכט פֿאַר דער מעכטיגער גביר'טע און דער איצטיגער איינציגער דעה-זאָגערין אויף דעם ערד=קוגעל. געשעהן איז דאָס דעמאָלט, אין יאָהר טויזענד ניין הונדערט פירצעהן, ווען די קוועקזילבערדיגע אייראָפּא, דער זודיגער קעסעל, האָט זיך אינגאַנצען אויסגעגליטשט און געהאַפּט די ביקס אין דער האַנד צו בעשיצען די גערעכטיגקייט. מען האָט געמוזט אין גרויס איילעניש צוגרייטען וואָס מעהרער ביקסען און קוילענוואַרפֿערס. אייראָפּאַ האָט זיך שטאַרק גענויטיגט אין מענשען=פֿלייש און אין פֿערניכטונגס-מכשירים. איז מען געווען אַזוי פֿערהאַוועט אין דעם אַריינוואַרפֿען וואָס מעהר מענשליכע גופים אין דעם גרויסען געשלעג, דאָס עס האָט אויסגעפֿעהלט הענד צום אויסאַרבייטען דאָס נויטיגע קלאַפּער-געצייג. מיר האָבען געמוזט אָנקומען צו דער הילף פֿון אַמעריקא. אַמעריקאַ האָט אונזערע בעשטעלונגען גאַנץ פֿריינדליך אָנגענומען. זי האָט געאַרבייט און מיר האָבען געשאָסען. זי האָט געבויט בנינים, און מיר האָבען פֿערניכטעט, בריקען אויסגעריסען און גאַנצע ישובים אונטערגעצונדען. מיר האָבען אַ תל עולם געמאַכט נישט נור פֿון קונסט=בילדער און קריגס=שיפֿען, נאָר טאַקע ממש פֿון

מענשען-לעבענס, הייזער און שטעדט. זעלבסטפערשטענדליך, דאָס פאַר דער דאָזיגער געפעליגקייט, וואָס אַמעריקא האָט אונז געטהון, האָט זי בעקומען גוט בעצאָהלט, און מיט גאָלד. ביסלעכווייז האָבען מיר אַריבערגעפעקעלט אַהין אַ שען ביסעל פון אונזער גאָלד און פערמעגען. פון אונזער בראָך איז אַמעריקאַ רייזיג געוואַקסען, און פון אונזערע ברוך-שטיקער האָט אַמעריקאַ פאַלאַצען אויסגעבויט ווען זי האָט זיך שוין פעסט געשטעלט אויף די פיס האָט זי אָנגעהויבען צו רעדען פון פיינע זאַכען, בתוכם, אויך וועגען יושר און פרידען. דאַן זענען געשאָנקען געוואָרען דער אייראָפּעאישער וועלט די פירצעהן פונקטען, איינער נאָך דעם צווייטען מענשליכער און ליבענס-ווירדיגער: אַ שען ביסעל מענשען זענען אַזוי אַרום אַוועק אויף יענעם עולם אַ דאַנק די דאָזיגע הויך-ווירדיגע און מענשען-פריינדליכע פירצעהן פונקטען. ווילסאָן האָט אַזוי לאַנג געלערענט מיט אונז מענשליכקייט און געזאָגט שטראָף-רייד ביז ער האָט זיין מדינה אויך אַריינגעשלעפּט אין דער מחלוקה. אמת, אין איין האַנד מיט דעם שטאַרקערען.

ווער-זשע האָט מנצח געווען פון די אייראָפּעאישע פעלקער, וועלכע האָבען זיך אַזוי בלוטיג געשלאָגען? — אַמעריקא. זי, די קלוגע „יוראָפּ" איז אַרויס אַ צוקאַליעטשעטע, מיט אַ שען ביסעל מיליאָנען הרוגים און פערוואונדעטע — גייסטיג פערוואונדעט זענען כמעט אַלע אייראָפּעער אַרויס פון דעם ווילדען פעלקער-שפּיל — און אויסער אַלעמען האָט זי אויך אָנגעוואוירען די מטבע, וועלכע איז אויך אַרויס פון דעם קריג אַ צושעדיגטע. דאָס האָט דער עיקר געווירקט. איז מען געוואָרען ביי זיך געפאַלען. — מיט אַ יחיד אין אַזעלכע פאַלען, ווען ער פערלירט זיין פערמעגען, פּאַסירט אויף פונקט דאָס-זעלבע. — דאַן האָט זיך אָנגעהויבען אַ פּיליגרימען-צוג אַהין, אין דער מדינה, וואוהין שוין פון פריהער האָט אַריבערגעפלאָסען דאָס גאָלד. דאָ, אין אייראָפּאַ, איז אַלעס צושעדיגט, מרה-שחורה'דיג און אויסגעפּאַטשט — תחילת האָט יעדערער געמיינט, אַז ער שמייסט אַ צווייטען, אַרויסגעוויזען האָט זיך

אָבער, אַז יעדער איינציִגער האָט זיך זעלבסט אָבגעשמיסען — דאַגעגען אַמעריקאַ האָט, קענטיג, נור לפנים גענומען אַן אָנטייל אין דעם געשלעג, כּדי זי זאָל אויך קאָנען מאָהנען אַ חלק, און מעגליך, אַז זי האָט דאָס געטהון פּשוט מחמת איבערפלוס פֿון כּחות, איז זי געוואָרען אַלץ געזונטער, קרעפּטיגער און פֿערמעגליכער. ווי באַלד אַזוי האָבען זיך אַ לאָז געטהון צו איהר אַ סך געסט און אַלערליי גוטע פריינד. צוערשט האָבען זיך אויסגעשטרעקט אַהין די אַרבייטענדע הענד. נאָכדעם, ווי מען האָט אויפגעהערט צו שיִסען איז שוין אָבער געוועזן שווער צו נעהמען זיך צו דער אַרבייט. די נאָכוועהעניִשען פֿון דעם קריִג האָבען געדויערט נישט וועניִגער, ווי דער קריִג. פּאַקטיִש געדויערן זיי נאָך ביז איצט. די מלחמה האָט זיך געענדיִגט, אָבער דער שלום איז נאָך אַלץ נישט אַריינגעטראָטען. דאָס רייסעניש צווישען זיך האָט אודאי נאָך נישט אויפגעהערט. אָנשטאָט צו אַקערן פֿעלדער און דרעהען מאַשינען דיִסקוסיִרט מען; מען ייִדעלט זיך און מען ווערטעלט זיך. פּויערים ווערען סיים-דעפּוטאַטען און פּאָלקס-לעהרערס — פעלד-מאַרשאַלען. דאָס זענען פּרוכטען פֿון אַ לאַנג-דויערענדען קריִג. די וואונדען האָבען זיך נישט פֿערהיילט. ווער עס האָט געקאָנט האָט זיך געווענדעט נאָך הילף אַהין, צו אַמעריקאַ. האָט מען אַ שיפּס-קאַרטע, מאַכט מען פּיס אַהין, אלא ניט, זוכט מען אַ קרוב אָדער אַ פעטער. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ זוכעניש און אַ פּלאַטעריש נאָך אַמעריקאַנער פריינד. האָבען אַ קרוב אין אַמעריִקא הייסט פֿיל מעהר, ווי בעזיִצען אַ הויז אָדער אַ שטיק פֿעלד אין איירָאָפּאַ. נאָך די הענד האָבען זיך אַ לאָז געטהון קיין אַמעריקא אַלערליי כּלי-קודש רבנים, חזנים, מטיפים, רעדנערס, אַרטיסטען, זינגערס, שפּילערס און קינסטלערס פֿון אַלערליי פאַכען. אַלץ, וואָס פֿערמאָגט עטוואָס אַזעלכעס, וועלכעס פֿרעהט מענשליכע הערצער, האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַהין. קונסט האָט אַלעמאָל אַ נטיה צו גאָלד און גייסטליכקייט געהט פֿון שטענדיג אָן צו אויסערליכער פּראַכט. ס'איז ווידער קיין חידוש נישט. איירָאָפּאַ איז אבל'דיג און אמעריקאַ — ששון וששונ'דיג: אַ רייכע

כלה מיט אַ סך נדן. ווי זשע זאָגט מען ניִשט, אַז זי איז אַ יפֿת־תּואר? — ביי אונז איז פֿינסטערליך, כמורנע און עס הערשט אַ מרה־שחורה. דאָרטען איִן אמעריקא איז ליכטיג און מען קאָן אָבעסען זאַט. — וויִנציִג מענשען וועלען זיך אָבזוכען אויף דער וועלט, וועלכע האָבען חשק צו געהן מנחם אבל זיין, ווי משמח זיין אַ חתן — מען האָט פֿאָרט ליב דאָרטען, וואו עס איז דאָ געגרייט אַ טיש, אַ ליכטיגע לאָמפּ ברענט און עס זיִדט אַ סאַמאָוואַר. דאָס זענען מענשליכע שוואַכקייטען, וועלכע צו בעקעמפֿען הייסט זיין בלויז דאָן־קיִכאָטיש, און עס גענוגענט זיי בלויז צו פֿערצייכענען. — נאָך די הענד און נאָך די כּלי־קודש האָבען זיך בעוויזען די טעאָרעטיקער און אויסטייטשער. און נאָך דער פּאָליטישער אַפּוטרופּסות פֿון אַמעריקאַ הויבט זיך אָן אויך איר גייסטיג דערזאָגען, ניִשט בלויז איִן אַמעריקא, נאָר אויך איִן איירָאָפּאַ הערען זיך וואָס מעהר אַלץ העכערע שטימען מכּח דעם, דאָס איירָאָפּאַ איז שוין צופֿוילט ניִשט בלויז מאַטעריאַל, נאָר אויך גייסטיג און מאָראַליש. דאַגעגען אַמעריקאַ בליהט און וואַקסט. איירָאָפּאַ — ווערט אונז פֿייערליך ערקלערט — איז שוין אַן׳אויסגעמאַטערטע זקנה. זי פֿוילט און פֿאַלט און איהר לידעל איז שוין אָבגעזונגען, דאַגעגען אַמעריקאַ איז יונג, פֿריש און שפּרודעלט מיט גייסט. איירָאָפּאַ איז פֿערזונקען איִן טומאה און אַמעריקא איז פּשוט מאָראַלישער. אַזוי אַרום ווערט אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז איירָאָפּא איז שוין קרוב צו ניִדערגאַנג. עס איז אפֿילו זעלבסט־פֿערשטענדליך ווי באַלד אַמעריקאַ איז רייך איז זי דאָך מן הסתּם אויך טאַלענטפֿול, און בעזיצט זי וואוילשטאַנד איז זי אויך זיכער אויך אָרענטליך, דעריבער מעג דער אַמעריקאַנער קלאַפּען דעם איירָאָפּעער איִן פּלייצע און קוקען פֿון אויבען. דאָך מיין איך, אַז ס׳איז ניִשט צו פֿערצייהען אַזאַ בעציהונג צו איירָאָפּאַ און זי איז אויף זיכער שעדליך. אמת, איירָאָפּאַ איז טאַקע מיד, אָבער ניִשט בלויז פֿון דעם לעצטען געשלעג. זי איז איינגעמאַטערט פֿון שטענדיג אָן. איירָאָפּא איז פֿון שטענדיג אָן געוועזן אַ שטרייט־פֿעלד פֿון רעליגיאָנען, נאַציאָנען, גאָט־זוכענישען און

פֿערשידענערליי געגענגעזעצטע לעבענס־און וועלט־עמפּפֿינדונגען. איירָאָפּאַ האָט געזוכט אַ גאָט און האָט נישט געפֿונען. אַמעריקאַ האָט נישט געזוכט און נישט געפֿונען דאָס איז דער אונטערשיד. אמעריקאַ האָט די אַלע וועהטאָגען פֿון איירָאָפּא, סיי אין רעליגיע, סיי אין קונסט און עסטעטיק, נישט אַדורכגעלעבט. זי האָט גענומען פֿון גרייטען. אָבער וואָס פֿאַר אַ גליקען איז דאָרטען? — דאָס פֿאָלק דאָרט איז נאָך מעהר פֿערשקלאַפּט, ווי אין אַ וועלכער ס׳איז אַנדער מדינה. עס בעשטעהט בלויז פֿון הענד, וואָס אַרבייטען און וועלכע הויבען זיך אויף פֿון דער אַרבייט בלויז דאַן, ווען דאָס אָרימע פֿאָלק דאַרף וועהלען זייבע שרייערס. אַרבייטען אין שאַפּ און „מאַכען אַ לעבען״ דאָס איז פֿערשטעהט זיך, אַ קליינע קונץ, און נאָך אַ קלענער גליק. ווען עס וועלען זיך אין אַמעריקא דערוועקען די גייסטיגע פֿאָדערונגען און דער מענש וועט אָנהויבען צו לעכצען נאָך אַ ביסעל אַ העכער און גייסטיגער לעבען, דאַן ווערט דער אַמעריקאַנער קראַנק אויף דערזעלבער קרענק וואָס מיר. און דאַן האָבען זיי נאָך אַ סך צו לערנען פֿון אונז. דאַגעגען די בעציהונג, וועלכע האָט זיך די לעצטע צייט אויסגעאַרבייט צו איירָאָפּאַ, איז זעהר אַ שעדליכע. איירָאָפּאַ איז נאָך גאַנץ ווייט פֿון אונטערגאַנג. ווי עס איז, אָבער עטליכע טויזענד יאָהר האָט זי נאָך, דוכט זיך, השק אַדורכצושלעפּען, און דאָ געהט מען גאָר איינרעדען איהר, אַז זי איז שוין אַ זקנה, און לויפֿען, לויפֿט מען פֿון דאַנען, ווי איינער זאָגט: ווער עס קאָן, זאָל זיך ראַטעווען! אַלע לויפֿען: ווער עס דאַרף און ווער עס דאַרף נישט. ווער עס פֿאָהרט אַהין מציל זיין דאָס לעבען אָדער זוכען אַ שטיקעל ברויט, און ווער עס יאָגט זיך אַהין נאָך סוקסעס. וואַשינגטאָן איז פֿול — איירָאָפּא לעדיג! האָט אויסגעשריען אַן׳אַמעריקאַנער זשורנאַליסט בשעת דער וואַשינגטאָנער קאָנפֿערענץ, וואוהין עס זענען זיך צונויפֿגעקומען פֿון דער גאָרער וועלט מלוכה־מענער, סתם שתדלנים און די אָנגעזעהענסטע זשורנאַליסטען און רעפּאָרטיערען. — עס זעהט שוין באַלד אַזוי אויס: וואו עפּיס אַ בעגאַבטער מענש לויפֿט ער אַוועק אין דעם גליקליכען לאַנד,

אין דעם ריזיגען שאָפּ, און דאָ בלייבען איבער הינטערשטעליגע, די אָרימע, די ברייטע און אויסגעמאַטערטע מאַסען. און דאָס ווערט געטהון אָנשטאָט עטוואָס אָבצוזאָרגען פון דעם לעצטען אונמענשליכען קריג, אָנשטאָט צו שאַפען פריידליכע און רעכט־ליכע בעציהונגען צווישען מענשען און פעלקער, אָנשטאָט אויפצובויען חורבות, אָנשטעלען אַלע אייראָפּעאישע אינסטרו־מענטען און אויסקלינגען און אויסזינגען די שענסטע און ביז איצט נאָך בעהאַלטענסטע טענער. — דאָס איז אַ מאַסען־פּסיכאָז, אַ היפּנאָז. אַ אונזיניגעס געלויפעריי פון דערשראָקענע. דאָס איז אַ לויפעניש פון אינערציע. דער שרעק נאָך פון דעם ערשטען שאָס פון יאָהר טויזענד גיין הונדעטט און פיערצעהן. נאָך וואָס לויפען מיר אין „שאָפּ" אריין? וואָס לויפען מיר? וואוהין?

זיידענוואַרג.

אַרומבלאָנקענדיג אין אַ הערבסט־אָוועגד אונטער דעם טריפענדען רעגענדעל, האָב איך אָנגעטראָפען אַ פאַרבייגעהענדיגען האַלב־בעקאַנטען יודען. ערגיץ וואו האָב איך דעם דאָזיגען מענש געזעהען: אפשר נישט געזעהען, און אפשר יאָ; גיכער יאָ. עס איז געווען אומעטיג אויפ׳ן האַרצען. האָט מען זיך צושמועסט. צוערשט פון צרות־ישראל. עס איז נישט גוט יודען איבער דער גאַנצער וועלט. אין דעם זענען מיר ביידע מסכים געווען. און דער יוד האָט אַ זיפץ געטהון, יענעם זיפץ, דעם אַמאָליגען, פון אַנ׳אַמאָליגען יוד, ביי וועלכען כלל־ישראל איז אויסגעוואַקסען ביז א נישטגעפעלשטער איינציגקייט, אַ קראַנקער ריז, אין אַ צוויי־קאַמף מיט אַ גאַנצער וועלט אומות. וואָס זאָלען מיר אַ סך רעדען, ליבער מענש? — האָט ער זיך בפשטות אַ זאָג געטהון — אין יודען איז אַודאי פאַרהאַן אַ סך זיידענוואַרג. און נאַכהער אַביסעל: יודען זענען אַ טייער פאָלק, נאָר זיי האָבען, נעביך, קיין מזל נישט!

דערנאָך האָבען מיר שוין גערעדט וועגען אַנדערע זאַכען שוין גאָר זייטיגע, אַזוי זיך דבורים, נאָר יענער דבור וועגען יודען האָט די גאַנצע צייט געטליעט ביי מיר אין האַרצען, ווען דער מח מיינער האָט נאָכגעהאַלטען דעם ווייטערדיגען לויף פון שמועס איבער די גלאַט־זאַכען. עפּיס האָט מיר געדאַכט, אַז דער יוד האָט געטראָפען מיט זיין פראַזע און געזאָגט פונקט דאָס, וואָס מען בעדאַרף. דערנאָך האָבען מיר זיך אָבגעזעגנט

זיך געווינשעוועט אַ גוטע נאַכט און אַל־דאָס־בעסטע. איך בין שוין ווידער געגאַנגען אַליין און נאָכגעדענקט וועגן דער פּרייהער אַרויסגזאָגטער פּראַזע. צו די רייד פון אַ פאָלקס־מענש קאָן מען זיך בעציהען אויף צוויי אופנים. מ׳קאָן אַ מאַך טהון אויף זיי מיט דער האַנד. ווי אויף אַ פערגליווערט אַרט דענקען און פיהלען, אַ ירושה־שאַבלאָן, אָדער פערקעהרט, מען געפינט אין זיי אַרויס אַ טיף פערשטענדניש, אַנ׳ערד־קראַפט, ווי דאָס שורשען פון די בלעטער פון אַנ׳אַלטגעזסנעם און איינגעוואָרצעלטען פערצווייגטען בוים ווי דער טיפער זין פון דער שפּראַך פון שטורם־ווינטען, ווי די קראַפט פון דער שוואַרצער ערד. אין די רייד פון דעם פאָלקס־מענש שפּירט זיך קיינמאָל נישט דאָס זאָגעכץ, ווי ביי אַנ׳אינדיווידועלען מח, נאָר עס אָטעמט אין זיי דער גרויזאַמער אמת פון דעם וועלט־גייסט.

איך האָב נאָך לאַנג געטראַכט אַרום דעם ביז דער דענקונגס־אַפּאַראַט האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַנדערע פלאָנטערנישען, און אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָבער צומאָרגענס פריה, ווען איך האָב נור געעפענט די אויגען, האָבען מיר פּלוצלונג אַ זעץ געטהון אין קאָפּ אַריין דעם דאָזיגען יודס רייד און זיך אַריינגעשניטען אין האַרצען. רבונו של עולם, יעדעס וואָרט איז דאָך צו קושען. אַלץ, וואָס עס איז דאָ צו זאָגען וועגען יודען, יודישקייט און דער יודען־פּראַגע איז, דוכט זיך דורך די דאָזיגע פּאָר פּראַזען אַרויסגעזאָגט געוואָרען. וועגען יודען האָט מען שוין אַ סך געזאָגט, אַ היבש ביסעל ביכער האָט מען וועגען זיי אָנגעשריבען. אַ היבש ביסעל געזעלשאַפטען האָט מען שוין געגרינדעט, זיי צו שטודירען, נאָר ביז היינט איז, דוכט זיך, נאָך גאָרנישט אַרויסגעזאָגט געוואָרען. אַזוי גוט, ווי גאָרנישט. נישט־יודען בעזיצען עפּיס אַ אונפערשטענדליכען ווידער־ווילען געגען אַלעס יודישעס פון די אורעלטסטע צייטען אָן און זעגען דעריבער אָרגאַניש נישט אימשטאַנד משיג צו זיין דעם גרונד־טאָן פון יודענטום. דער יוד ווידער, איז צופיעל אַרומגעוועבט מיט זיין „איך" און קאָן זיך פון איהם נישט אויסטהון. די צרומיגע שנאה דערלאָזט אויך נישט דעם יוד זיך

אַרויסצוגעפינען. אָבער אין די דאָזיגע צוויי צַרויסגעזאָגטע פּראַזען שטעקט דאָך אַ שטיק אמת. אַ טייער פאָלק, נאָר זיי האָבען נעביך קיין מזל נישט. אָט דאָס איז דאָס דאָך. אין דעם, דוכט זיך, שטעקט דער מהות פון דער פלוגתא צווישען יודען און וועלט.

דער יודישער שר. דער יודישער זשעני איז נישט קיין מזל־דיגער. ווארום עס זענען פאַרהאַן צוויי־ערליי זשעניס: גליקליכע און אומגליקליכע. פאַרהאַן זשעניס, וועלכע ווערען געבוירען אין אַ גליקליך העמדעל. אַלץ איז פאַר זיי צוגעגרייט, זיי קומען צום פאַרטיגען. ווי נור זיי בעטרעטען דעם באָדען פון אונזער זינדיגער ערד, אַזוי באַלד עפענען פאַר זיי זיך אויף טיר און טויערן. מען דערלאַנגט זיי תיכף דעם אויבען־אָן. אַלע מיילער און אויערן זענען אָפען צו פערנעהמען זייער תורה. דאַגעגען ווערען געבוירען אַזעלכע שאַפענדע גייסטער, ליידענדע גייסטער, פאַר וועלכע אַלץ איז פערהאַקט און צוגעשלאָסען. לאַנגע יאָהרען לאָזט מען זיי וואַרטען ביי דער טהיר. זיי מוזען יאָהרען־לאַנג אויסבעטלען ביי דער וועלט אויערן פאַר זייער תורה און חכמה. וואו, למשל, שטעקט דער סוד דערפון, וואָס אַ געטע האָט בעזעסען אויסער אַלע טאַלענטען אויך דעם טאַלענט פון קענען געאַכטעט ווערען ביים לעבען, ביי זיינע צייט־גענאָסען, און וואָס אַנדערע דיכטער און קינסטלער מוזען אַדורכלייטערען זייער חכמה אין בייזע שטורם־ווינטען, רדיפות, בזיונות און גאַנץ אָפט אפילו אויף שייטער־הויפענס? —עס האָט זיך נאָך קיינעם נישט איינגעגעבען דאָס צו ערקלערען מיט דעם מענשליכען פערשטאַנד. עס איז שוין אַ גורל אַזאַ. אַ גליקליכער אָדער אומגליקליכער שטערן, אונטער וועלכען איינער איז געבוירען. יודען געהערען צו די לעצטע. יעדען שפּאַן אונזערן, יעדען טראָפען פון אַכטונג און אָנערקענונג פון אַנדערע צו אונז מוזען מיר אויסהאָרעווען און אויסקעמפען מיט דעם לעצטען טראָפען שווייס. מיר זענען נישט קיין אָנערקענטע קינסטלער. יודען האָבען נישט קיין גליק אויך אויף אַנדערע געביטען.

מען דאַרף קאָנען גליקליך באַזעהן פעהלער. פאַראַן פעלקער, וואָס האָבען דאָס גליק צו באַגעהן די גרעסטע פעהלער מיט אַזאַ לייכטזיניגקייט, מיט אַזאַ גוטען הומאָר; עס איז פאַראַן אַ פעהיגקייט אַזאַ צו זיין ברוטאַל, אייגענוציג, עגאָאיסטיש-פערדאָרבען, און גראָד דאָס זאָל אָבגעהן ביי אַנדערע פאַר אַ פיינעם זשעסט אַזוי, אַז די אַנדערע נעהמען דאָס אויף מיט אַ שמייכעל, גוטמוטיג און מען איז מוחל. אָפטמאָל ווערען נאָך די אַלע פעהלערן און זאָגאַר פערברעכענס פערעכענט פאַר זכיות. עס זענען פאַראַן, אַזוי צו זאָגען גראַציעזע פערברעכער. יודען דאַגעגען אַלס פאָלק, זענען אויף אַ האָר נישט הומאָריסטיש און נישט גראַציעז. ביז גאָר שטרענג צו זיך, און די וועלט צו זיי איז נאָך שטרענגער. דער מינדעסטער פעהלער, וואָס יודען זענען ווען-עס-איז, נאָך פון די לאַנגסטע צייטען אָן, באַגאַנגען, איז שטענדיג צופויקט געוואָרען. וואָס מען האָט אַנדערע פערגעסען, האָט מען דאָס יודען געדענקט אויף דורי-דורות. אַ וויסט מזל אַזאַ: טהון יודען אַ שפּאַן, אַזוי הערט זיך דערפון אַ ווידער-קול אויף לאַנגע דורות און צייטען. עס שפירט זיך פון יעדער תנועה אונזערע אַ הויך פון אייביגקייט. מיר קאָנען זיך נישט טהון קיין ריהר אָהן לאָזען שפורען אין דער אייביגקייט. דעריבער איז רעכט, אַז אונז זאָל מען אויפוואַרפען פעהלערן, וועלכע מיר זענען אַ שטייגער, באַגאַנגען צוריק מיט צוויי טויזענד יאָהר, ווייל אַלץ, וואָס מיר האָבען אָבגעטהון, זעהט אויס ביי אַנדערע אין די אויגען פריש און צאַפּלדיג, ווי ערשט נעכטען איז דאָס געשעהן. צו אונז ווערט נישט אָנגעווענדט די געשיכטע און די היסטאָרישע פערספעקטיוו.

און נאָך: זיידענוואַרג. וויפיל אמת שטעקט אין דעם. ווי עניוות'דיג מען זאָל נישט זיין, אָבער מיט רעכט קאָנען מיר זאָגען, אַז דער כלל אונזערער איז אויף אַ האָר ניט ערגער פון אַנדערע געשטרעבט האָט ער צו זיין בעסער אין אַלע צייטען, מעגליך, אַז אין אַ סך הינזיכטען האָט ער דאָס דערגרייכט, איך ווייס נישט, ווי דער פרט, אָבער דער כלל — אויף זיכער. ביי אַנדערע אומות איז דער פרט בעסער און מאָראַלישער פון דעם

כּלל. יעדער פּרט איז גוט און העפליך. נאָר דריי-פיער פּערזאָן האָבען זיך צונויפגערעדט אין דעם נאָמען פון כּלל און האָבען אוועקגעלעגט אַנ׳אָנדערהאַלבען צעהנדליג מיליאָן יונגע און פרי־שע מענשען. צוליב׳ן כּלל מעג מען בלוט פּערגיסען. דערמיט שטימט־איין אפילו די היינטיגע מאָראַל. דאגעגען איז דער יו־דישער כּלל מאָראַליש גרויזאַמער פון דעם יחיד, די יודען האָ־בען געשטרעבט אויף דעם עולם ריין צו זיין. אָנשטאָט אָקסען קוילען צאָהלען דעם אויבערשטען מיט געבעט פון די לעפצען. אָט פאַר דער דאָזיגער שטרעבונג פון יודישען כּלל ריין צו זיין, אָהן אַ מינדסטען פלעק, ווי ריין זיידענס, האָט דער כּלל פון אַנדערע פעלקער פערהאַסט דאָס יודענטום מיט אַ טיפען אָרגאַ־נישען, בלוטיגען האַס, וועלכער לאָזט זיך נישט לינדערן דורך אַ פּאָר ביכער, וואָס מען וועט אָנשרייבען לטובת יודען, נישט דורך געזעלשאַפטען אַזעלכע און נישט דורך אַלע בעסטע ווי־לענס. צו יודען האָט מען טענות, ווי צו זיידענס, אויף וועלכען עס זעהט זיך אָן דער מינדסטער פלעק. און מען דערוועהלט זיי אויס פאַר קרבּנות טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך אָבגע־זאָגט פון מקריב זיין.

אָט אַזוי האָב איך געטראַכט צו מאָרגענס בעגינען און וואָס מעהר איך האָב זיך בעהעפט צו דעם דאָזיגען געדאַנק, אַלץ מעהר האָב איך זיך געשפּירט יוד און שטייפער זיך איינגעקיי־טעלט אין דער דורות־קייט. איך האָבּן געשפּירט, ווי איך לאָז זיך אַראָב אין געדיכטע ווייטקייטען און אין אַ שטאָק פינסטער־ניש פון אַ בייז מזל. דערנאָך האָב איך זיך אפילו אויפגעמונ־טערט און געקומען צו די לויטערע רעיונות. איך האָב זיך דער־מאָהנט אַלץ, וואָס דער געגען־צד האָט צו זאָגען אויף די ענט־פלעקטע עמפּפינדונגען. איך האָב דעסגלייכען דערזעהן דאָס שפּאָטישע שמייכלען פון יענע מייסטערס, וועלכע האָבען אָב־געפורעמט איין קעסטעלע פאַר אַלע אַרטען פון עהנליכע עמאָ־ציעס. יאָ, איך ווייס: נאַציאָנאַלער עגאָאיזם, איבערגעטריבענע חשיבות ביי זיך אין די אויגען און זעלבסט-געגנאַרעריי. נו, איז וואָס? האָב איך אָבער געהערט אַ שטים פון זיך — פאַרוואָס

זאָל איך מיר נישט ערלויבען כאָטש דאָס ביסעל, פערגעניגען, זייענדיג פון אור-אַלטע צייטען אַזוי געררודפ'ט און מבוזה פון אַלע? — פאַרוואָס? — פרעג איך. האָבען מיר דען פאַר דעם ביסעל פערגעניגען קנאַפּ בעצאָהלט? און גלאַט פאַר וואָס נישט?

די לינקע דיפּלאָמאַטיע.

ביסלעכווייז ווערט איינגעשטעלט דאָס גלייכגעוויכט אויף אונזער זינדיגער ערד, כ'מיין, אַזוי צו זאָגען, דאָס פסיכאָלאָגישע גלייכגעוויכט. די אַרט פון צווישען פעלקערליכע אויסערליכע און שפּראַכליכע בעציהונגען. די אָנגענומענע טיטולען און דער אָפיציעלער „לכבוד", וועלכער ווערט אויסגעדריידעלט און אויסגעצאַצקעט און מיט וועלכע רעגירונגס-פאָרשטעהער און קאַבינעטען-פערטרעטער, מענשען פון הויכען אַמט און פּאָסטען, זענען מכבד עהנליכע צו זיי לויט טיטול און ראַנג, און אויף אונזער שפּראַך ווערט דאָס בעצייכענט מיט דעם וואָרט „דיפּלאָמאַטיע". נישט לאַנג אַפילו האָט אַ פּלאַץ געטהון דער דאָזיגער לאַנג-אַויסגעצויגענער שטח פון דעם אויסערליכען פיינעם וואָרט, עס האָט זיך געדוכט, אַז אויב דער וועלט-קריעג וועט נישט בעשאַפען פאַר דעם מענש אַ ניי האַרץ, וועט ער לכל-הפחות אַ ביסעל אומבייטען די שפּראַך, אויף וועלכער עס ווערט געפיהרט דער וועלט-האַנדעל מיט מענשליכע נפשות און מיט לעבענס פון פעלקער, אַזוי האָט זיך געוואָלט גלויבען, נאָכהער איז פאָרגעקומען אַ מאָמענט, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז דער איינהייטליכער דיפּלאָמאַטישער שפּראַך-פראָנט איז דורגעריסען געוואָרען. איינע אַ מדינה מיט אַ בעפעלקערונג פון אַריבער הונדערט מיליאָן האָט זיך אַרויסגעריסען פון דער רייה. שטרעבענדיג איבערצובויען די וועלט אויף נייע יסודות, האָט די דאָזיגע מדינה זיך בעמיהט צו זיין ניי דורכאויס און איבעראַל,

אַזש בּיז אין דער שפּראַך. וואָס-וואָס דאָרט איז דערגרייכט געוואָרן, אָבער איין זאַך איז ווירקלּיך תּחילת דערגרייכט געוואָרען: די שפּראַך איז געווען אַ נייע, די אַרט רעדען צו אַ וועלט. אין בּריסק, דאָרט, וואו עס האָבּין זיך דאָס ערשטע מאָל צוזאַמענגעטראָפען פּנים אל פּנים אַ פאָרשטעהער פון דורות יונקערס מיט אַ „בּעשיצער פון אָרימע און דערדריקטע". אַליין אַ צווייג פון אַ שטאַם, וועלכער איז שוין דורות-לאַנג נישט געקומען צום עפענטליכען וואָרט, איז דאָס ערשטע מאָל אַ נס געשעהן: מען האָט אַ רעד-געטהון אין נאָמען פון פויערים און אַרבּייטער מיט אַ פּשוטע'רער און מער נאַטירליכע שפּראַך. און אַזוי האָבּען געפאָדערט די פאָרשטעהער פון פויערים און אַרבּייטער: רעדען שטענדיג אָפען אַזוי, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל וויסען, וואָס עס ווערט גערעדט אין זיין נאָמען. און עס זענען געווען צייטען, ווען זיי האָבּען ווירקליך זיך אויסגעצייכענט מיט זייער לשון. צוזאַמען מיט דער „יאַט", וועלכע מען האָט אַזוי אונבּרחמנות'דיג אַרויסגעשליידערט, האָט מען גלייכצייטיג אַרויסגעוואָרפען דעם גאַנצען מיסט-בּאַרג פון צערעמאָניאַל, פון גלאַטישקע און פיינינטשקע רייד. וואָס-וואָס, אָבער אין איבּריגער העפליכקייט און סאַלאָנאַרטיגקייט האָט מען קיינמאָל נישט געקאָנט בּעשולדיגען די רעגירער פון יענער מדינה. דעם לוקסוס פון בּלומען-שפּראַך האָבּען זיי זיך נישט פאַרגונען. זייערע ווערטער זענען שטענדיג געווען האַרטע, שטעכיגע און אָבּגעדונערט ווי האַרמאַטען. מיט וואָס-זשע אָבּער האָט זיך געענדיגט דער דאָזיגער גוואַלדיגער פּרוב? — מיט אַ מיטגעפיהל-אויסדרוק דעם וואַטיקאַן צום טויט פון פויפּסט.

דער דאָזיגער פאַקט איז, ווי מיר דוכט, זעהר וויכטיג, פיל בּעדייטענד און אָנזאָגענד, ווייל אין תּוך גענומען איז ער לחלוטין נישט דער איינציגער, נאָר דער כאַראַקטעריסטישער. פאַר דער דאָזיגער צייט, זינט די פאָרשטעהער פון פויערים און אַרבּייטער האָבּען זיך פעסטער אַוועקגעזעצט אויף דער כּסא הממשלה, האָבּען זיי אויף דעם דאָזיגען דרך שוין אַ סך דורכגעמאַכט און זיך אַ רוק-געטהון אויף אַ סך שריט פאָראויס. אויף

דעם געביט פון דיפּלאָמאַטיע-לשון און פון טאַנצען אויף אייער האָבען זיי זיך אַרויסגעוויזען ניט נור פעהיגע תּלמידים פון דער בורזשואַזער וועלט, נור, ווי עס שיינט, אויף אַ סך אַרי-בערגעשטיגען זייערע רביים. רעדט איינער פון זייערע, איז אסור אויב עס איז צו פערשטעהען אַ וואָרט, סתרי-תּורה. די קלעריקאַלען אין פראַנקרייך זענען פיל דורכלויכטענדער און דורכזיכטיגער, ווי די פאָרשטעהער פון אָרימע פויערים און אַרבייטער.

ס'אַראַ געניטע שאַך-געגג ווייזען אַרויס זייערע דיפּלאָמאַטען, וועלכע טראָגען שוין, אַגב, סמאָקינגען און וויפיל קונצען. היינט די שפּראַך! — אויב די שפּראַך איז דער מענש און דער סטיל איז אַלץ קאָנען מיר פיל אָבלערנען פון זייער איצטיגער שפּראַך. אַזעלכע ווערטלעך ווי „סאָוויעטישע קריזען" און פון „גוט אינפאָרמירטע קוועלען" קומט אונז אויס צו הערען נאָך אָפטער, ווי ביי דעם צד שכנגד. „קרייזען". „קוועלען" — דאָס קלינגט שוין אַ ביסעל אַנדערש, מיט דעם פאָלק, אָט דאָס פאָלק, פאַר וועלכען, זיינע רעגירער, איידער זיי זענען געקומען צו דער מאַכט, האָבען געפאָדערט צו פערעפענטליכען אַלע דיפּלאָמאַטישע און אונטערהאַנדלונגען-אָבמאַכען האָט דאָס שוין קנאַפּ צו טהון. היינט ווי אַזוי ווערט דורך זיי בעאַרבייט די „געזעלשאַפטליכע מיינונג". ווי אַזוי זיי קענען די מלאכה. ווי אַזוי מען שאַפט אַ גינסטיגע שטימונג און מען לאָזט אינפאָרמירען וועגען זיך די גאָרער וועלט. זייערער אַ מיניסטער ווייסט שוין גאַנץ גוט די קונץ, ווי אַזוי מען פאַררופט צו זיך קאָרעספּאָנדענטען, מען זאָגט עפּעס יאָ און עפּיס ניט. וואָס מען פערצעהלט און וואָס מען פערשווייגט און וואוהין מען צילט. מען שמועסט לאַנג וועגען כּפל-זאַך און דרך-אַגב לאָזט מען פאַלען דעם עיקר, בעדאַרף מען שיקט מען איבער אַ פריינדליכען גרוס דעם פאָרשטעהער פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלכער איז אייגענטליך דער שטאַרקסטער זייל פון דער איצטיגער וועלט-אָרדנונג, און מען זאָגט אים, אַז ער איז אַ בראַווער מאַן, דאַגעגען, דערלאַנגט מען אַ שטאָך אַן אַנדערן, וועלכער

מאָנט אַלטע חובות און מען גיט אים דיפּלאָמאַטישע אָנצוהערעניש. דערנאָך, ווען מען בעדאַרף, בעקומט מען אַ „דיפּלאָמאַטישע קרענק” — אַז מען מוז אָבּפאָהרען זאָגט מען. אַז מען איז געפאָרען אויף אַ קור-אָרט זיך ערהאָלען פון צופיל שווערער און אָנגעשטרענגטער אַרבייט, און ווען מען בעדאַרף לאַווירירט מען. עס געהען שטאַפּעטען: מען פאָהרט יאָ, מען פאָהרט נישט, מען בעטייליגט זיך און מען בעטייליגט זיך נישט. בקיצור, די אַלטע שפּראַך מיט דעם גאַנצען קלאַפּער-געצייג פון דער אַלטער וועלט, פון דער דאָזיגער וועלט, וועגען וועלכער מען האָט אונז אַזוי הילכיג אָנגעזאָגט, אַז מען געהט אַראָבוואַרפען פון זיך איהר שטויב, ווייל מען האָט זיך אונטערגענומען צו בעשאַפען אַ נייע וועלט, אַ נייע רעליגיע, אַ נייע קונסט. אַלע פאָרמען זאָלען זיין ניי. און געענדיגט האָט זיך עס מיט דיפּלאָמאַטישע שאַך-גענג, מיט פיל-פאַכיגער שפּראַכיגקייט און אויסדריקען מיטגעפיהל און בעדויערונג ביי חלילה אַנ'אומגליקספאַל, און, זעלבסטפערשטענדליך, בעגריסען צו אַ חתונה אָדער אַ ברית.

איך וואָלט וועלען זיך אויסדריקען קלאָרער. דער עיקר, אַפילו ביי אַ מלוכה, ווי ביי אַנ'איינצעלנעם מענש, איז דאָס קלאַפּער-געצייג, די מיטלען, מיט וועלכע מען געהט בויען דאָס לעבען. גוטע און הייליגע צילען האָבען אַלע. און, ווי מיט כוונות, קאָן מען מיט זיי אויספלאַסטערן דעם גיהנום. דער עיקר זענען אָבער די מיטלען, ס'הייסט, דער סטיל, דער מיין: די שפּראַך. זאָגט אייך איינער אַרויס אַ מליצה, איז אַ סימן, אַז דאָס האַרץ זיינס איז פערוואונדעט, און ווען איינער וויל אָבקומען בלויז מיט מליצות, אָדער ער בויט זיין עקזיסטענץ אויף זיי. איז אַ סימן, אַז דאָס האַרץ איז שוין פויל, און מיט אַנ'אויסגעפוילט האַרץ קאָן מען פאָרט לאַנג נישט עקזיסטירען. מען קאָן אַ ביסעל נאַרען אַ וועלט. אָבער נישט אויף שטענדיג. די רעגירער פון יענער מדינה האָבען דאָך שטענדיג געטענה'ט

אַז זיי זענען ניִשט קיין וועגעטאַריער, און דאָ גאָר אַזאַ ווע געטאַריִשע שפּראַך. און דאָ פירט מען מיִט דער וועלט אַ שמועס וועלכער פּאַסט זיך גאַנץ גוט אײן איִן דעם אַלוועלטליִכען מליצות-אָרקעסטער. און האָט מען שוין אָנגעהויבען זיִך דורכצושמועסען מיִט דער וועלט אויף מליִצה-לשון. קאָנט איר זיִכער זיין אַז דאָס איִז דער ערנסטער פּסיִכאָלאָגיִשער איִבערברוך און דער גרעסטער מאָראַליִשער אויסגליִטש, פּיִעל ערגער, וויִ ווען אַ שונא וואָלט פאַרנעמען גרויסע ערד=שטחים. וואָרום געוויִרקט האָבען זיי תחילת בלויז מיט דער רויקייט און האַרטקייט פון זייער שפּראַך, דאָס פּאָלק איִז געווען טיילווייז דערשראָקען און טיילווייז ענטציקט פון דער גאַנצקייט און אויסגעהאַלטענקייט פון זייער פאַרבענלאָזער שפּראַך. עס איִז געוועזן ניי און דערפרישענד. און אָבגעווענדט האָט זיך דאָס פון זייִ ווען עס האָט דערשמעקט איִן דער שפּראַך אַ ריח פון מליצה. וואָרום לאַנג קאָן די מליצה ניִשט זיין בלויז אַן איִמפּאָרט-אַרטיִקעל, עס מוז מיט דער צייט ווערען אויך אַן עקספּאָרט=סחורה, און נעמט מען רעדען אויך אין לאַנד גופא מיִט מליצה, מוז מען ווערען אַ וועגעטאַריער, און וועלען זיי פרובען איִן דער מדינה גופא וועגעטאַריער זיין איִז אַ גרויסער ספק, וויִ ווייט זיי וועלען זיִך קאָנען האַלטען אויף דעם כסא הממשלה. און עס וועלען ענטשטעהן נייע צייטען און פרייערע וויִנטען וועלען בלאָזען, נאָר די מיִליאָנען דערשאָסענע און אומגעקומענע וועלען צוריִק ניִשט לעבעדיִג ווערען און דער גרויסער חורבן וועט נאָך צענדליִגער יאָהרען ניִשט אויסגעהיילט ווערען. און זאָגען וועט מען: דאָס זענען קרבנות פון אַן'אייגענאַרטיִגען סטיִל. וועלכער איִז פערוואַנדעלט געוואָרען איִן אַ מליצה.

און מענשען, מענשען סתם, מענשען פון גאָר דער וועלט, די, וועלכע זענען ניִשט איינגעפּאַסט איִן קיין סדום-ראַמען און זענען ניִשט אָנגעקניפּט איִן קיין שום צייטווייליִגע און שיינבאַרע גרופּיִרונגען, נאָר שטרעבען צו פערלייכטערען דעם

מענש א ביסעל זיין שווערע עקזיסטענץ אויף דער ערד, עפענען פונאנדער ברייט און ווייט די אויגען, קוקען אדורך די דאזיגע נייע וועלט-בעגליקער און זאגען: ניין, דאס זענען די אלטע, איבערגעפארבטע און פערמאסקירטע וועלף, וועלכע קאנען זיך גוט צופאסען צום סדר-העולם; דאס זענען אלטע, מיט אן אלטען ארט, מיט אלטע גענג, וועלכע שטרעבען צו קולטיווירען די פויסט און ראפינירען די גייציקייט פון מענש צו מאכט. בלויז מאכט, דאס איז זייער בייטש. דערפאר האבן זיי געמאכט רייטען מענש אויף מענש און שלאגען שטענדיג אויף דעם קארק. דערפאר איז ביי זיי אויסגעוואקסען א ריזיגער און הויכער הפלגה-לייטער פון מושלים אויף מושלים, קעפ אויף קעפ, א גאנצע מדינה מיט מאכט-האבער און צו מאכט-שטרעבער. און מען הייסט כאפען און אריינכאפען, און מען רייצט שטענדיג די נידריגסטע אינסטינקטען, און מען זאגט, אז דער מענש איז בלויז א שטיק פלייש מיט א ביסעל בלוט, וועלכעס האט מורא פאר א בייטש, דאס איז די לינקע פויסט, וועלכע אמפערט זיך מיט דער רעכטער פויסט, און זיי ווילען ביידע דאסזעלבע. דערום די מליצה, און מליצה איז חנופה, און חנופה איז פויל, און פויל האט נישט קיין דויער. און ווידער אמאל שטעהט די מענשהייט פאר דעם שרעקליכען תהום, דעם קאפ הילפלאז געבויגען איבער דעם גיהנום. וועלכען מענשען האבען בעשאפען און רופען דאס אן לעבען. גארנישט איז נישט אומגעענדערט געווארען צו גוטען נישט דא און נישט דארט. דעריבער, מענשען-פריינד, נישט געשעמט זיך: צוריק די אלטע שפראך, די אמאליגע. די אור-אלטע, וועלכע רעדט בלויז צום הארץ און שימפט מיט אלע חושים דאס שווערד. און אהן שום מליצה. קיין אונטערשיד, ווען מען רעדט מיט גאט און ווען מיט וועלט. רופען און וועקען צו א פרידען, צו א שען לעבען און צו לויטערע אהן שום חכמות און קלארע דבורים.

דערקענסט דאס, מענש? דאס איז דער אלטער אמת, דער אויסגעלאכטער אמת. אונזער אמת. דער יודישער קוק אויף דער וועלט.

אונזער אינטעליגענץ און ארטאדאקסיע.

צוריק מיט העכער אַ האַלבען יאָהר הונדערט, אין אָנהויב פֿון דער השכלה=עפּאָכע, איז געמאַכט געוואָרען דורך דער יודישער אינטעליגענץ דער ערשטער גרויסער פעהלער: זי האָט גענומען אָבשפּעטען און חוזק מאַכען פֿון דעם יודישען סדר-לעבען, פֿון אַ גאַנצער און אייגענאַרטיגער קולטור, פֿון אַ מסורה מיט אירע אַלע מנהגים. און נישט בלויז עס איז פערזעהן געוואָרען דער עיקר. דאָס וועלען שפּייזען אַ פֿאָלק מיט ריינעם און בלוטלאָזען ראַציאָנאַליזם הייסט אייגענטליך אָב'סמ'ען אין איהם אַלע טעמים פון לעבען. נאָר דער הויפּט=פעהלער איז בעשטאַנען אין דער שלעכטער ערציהערישער מעטאָדע: צו נעהמען מיט פרעכע דבורים און געננ און טרעטען דאָס וואָס ביים פֿאָלק איז הייליג און טייער. דער דאָזיגער בעגאַנגענער פֿעהלער האָט אונז זעהר פיל געקאָסט און קאָסט אונז ביז'ן היינטיגען טאָג. פֿון דאַן אָן איז איינגעבראָכען געוואָרען די בריק, וואָס פירט פֿון דעם יודישען פרומען המון צו דער יודישער אינטעליגענץ; עס האָט זיך אָבגעריסען דאָס האַרץ פון דעם מח. און דאַן האָט זיך אָנגעהויבען דער ברוגז צווישען די פאָרשטעהער פון דער אָרטאָדאָקסיע, די טרייע היטער פון דעם טראַדיציאָנעלען יודענטום, און דער דענקענדער אינטעליגענץ.

איצט האָבען אַ סך — אמת ניִשט אַלע — זיך אַרומגעזעהן אויף וויפיִל דאָס האָט אונז געשאַדט. קיין נייע אמת'ע ווערטען האָבען ניִשט געשאַפען ניִשט די משכילים, ניִשט דער צווייטער דור נאָך זיי און דערווייל איז חרוב געוואָרען אַ גרויסע וועלט, אַ שענע, אַן'אייגענאַרטיגע, אַ ריזיגער בנין, וועלכער האָט ניִשט זיין גלייכען אין דער וועלט געשיכטע און וואָס יודען האָבען אויפגעבויט אין אַ משך פון אַ סך דורות מיט אַזוי פיעל ליבע און מסירת נפש, איצט האָבען מיר זיך אַרומגעזעהן, אַז מיר האָבען לחלוטין ניִשט געהאַט וואָס צו שעמען זיך מיט יודיש לעבען, מיט אונזער אַחדות, מיט אונזערע מדות טובות, מיט אונזערע שבתים און ימים טובים, מיט אונזערע תפילות און זמירות אונזער גאַנצע יונגע יודישע ליטעראַטור איז דאָך בלויז איין וועה־געשריי פון די קינדער, וועלכע זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון דעם תמימות'דיגען גן־עדן פון די אבות. אָבער דאָס לשון, ווי צו רעדען צום פאָלק, האָבען מיר פאָרט פערלוירען, וואָרום עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער אונצוטרוי צו דער אינטעליגענץ און ביז היינט איז פערבליבען ביים פאָלק, אַז אַ משכיל הייסט אַ לץ און אַן'אָבשפּעטער.

אָבער אויך די פאָרשטעהער פון דער אָרטאָדאָקסיע זענען דאַן בעגאַנגען אַ גרויסען פעהלער: זיי האָבען זיך אָנגעברוגזט אויף די מחללי הקודש און זיך... פערלוירען, וואָס האָבען געטהון די געטרייע היטערס פון דעם טראַדיציאָנעלען יודענטום, ווען עס האָבען אָנגעהויבען שטורמען די כוואַליעס פון דעם נייעם לעבען? — אָנשטאָט צו עפענען ברייט די אויגען, זיך איינקוקען אין דעם נייעם, זיך איינהערען, פערשטעהען און דעם דאָזיגען נייעם אַנטקעגענשטעלען דאָס העלע, און פרעהליכע ליכט פון יודענטום. האָבען זיי פון כעס אַראָבגעלאָזט די הענד. זיי האָבען נישט איינגעזעהן, אַז אַלענפאַלס, אַ טייל, מעגליך, אַז אַ גרויסער טייל פון די דאָזיגע משכילים האָבען פאָרט געהאַט גוטע כוונות: צו מאַכען דאָס יודענטום שעפערישער און צום לעבען קרעפטיג, אַזוי, אַז עס זאָל נישט אָבשטעהן פון דעם שענסטען און בעסטען, וואָס די מאָדערנע וועלט האָט בע־

שאַפֿען, ניט מעהר, וואָס די דאָזיגע משכּילים האָבען דאַן נישט פֿערשטאַנען, אַז צום פֿאָלק דאַרף מען צוגעהן מיט ליבע, פֿאָרזיכט, אָבשיי, מיט רחמנות דאַרף מען היילען זיינע וואונדען, און על פּי רוב דאַרף מען מעהר אָבלערנען פֿון איהם, ווי איהם לערנען.

און וואָלטען ביידע צדדים דאַן דאָס פֿערשטאַנען, וואָלטען מיר, מעגליך, דורכגעלעבט אַ פֿרידליכע עוואָלוציע און עס וואָלט געוועזען געשאַפֿען געוואָרען דער גליקליכסטער סינטעז פֿון אַ שען יודיש לעבען, איינגעוועבט אין טראַדיציע, און מען וואָלט מגדל געווען אַן אַנדער מין דור, אַ בעסערער ווי איצט, וועלכער וואָלט, זענענדיג צוגעפּאַסט צום נייעם לעבען. אויך געצויגען זיין יניקה פֿון יודישען עבר.

מעגליך... מעגליך... אָבער די פֿאָרשטעהער פֿון דער אָרטאָדאָקסיע האָבען זיך אַרומגעצוימט און געבליבען אין אַ פֿערגליווערטקייט. די משכּילים האָבען, אָנשטאָט מיט רחמנות די וואונדען פֿון פֿאָלק צו היילען — וויצען געשאַפֿען. דאָס פֿאָלק האָט אָנגעהויבען צו בעציהען זיך מיט אונצוטרוי צו זיין אינטעליגענץ און אויפֿגעהערט צו שעצען די געטרייע היטערס פֿון די טראַדיציעס וועלכע האָבען אַ דאַנק זייער פֿערלוירענקייט נישט געקאָנט שאַפֿען עפּעס פּאָזיטיוועס און מאַכטלאָז די פּויסטען געביילט און מיר זענען פֿערבליבען ביי אַ צובראָכענע קאָריטע און מגדל געווען אַ דור, וועלכע דאָס איינציגע גוטע, וואָס ער פֿערמאָגט אין זיך, איז דער צער אויף דעם וואָס ער איז פֿעריתום׳ט געוואָרען פֿון זיין גאָט.

אָבער אויך איצט ווערט דער דאָזיגער פֿעלער פֿאָרטגעזעצט. נאָך האָט די יודישע אינטעליגענץ נישט געפֿונען דאָס לשון, ווי אַזוי צו רעדען צום יודישען המון, און נאָך הערשט ביי דעם המון אַן אונצוטרוי צו זיין אינטעליגענץ, ווי דאָס פֿאָלק וואָלט נאָך געדענקט די טיפֿע בעליידיגונג, וואָס די ערשטע משכּילים האָבען איהם גורם געווען, טרעטענדיג אָהן

תבנה זיינע הייליגקייטען. מעגליך, אַז אַ גרויסע שטערונג צו דעם צוזאַמענרעדען זיך און שאַפען דעם סינטעז איז אַצינד אוועקגעשטעלט געוואָרען דורך די פירער פוןביידע צדדים, וועלכער צוכלאָזענדיג פון צו־גרויסער גייציגקייט דאָס פייער פון מחלוקת, האָבען זיי געשאַפען אַ קינסטליכע פייער־וואַנד. מיר דוכט, אַז עס איז אַזוי. די אינטעליגענץ און דאָס פאָלק וואָלטען אַצינד זיין אימשטאַנד צוזאַמענרעדען זיך און שליסען אַ שלום נאָך דעם לאַנגען ברוגז, דאָס פאָלק לעכצט נאָך זיינע בעזטע זיהן וועלכע בלאָנקען זיך אַרום עלענדע צווישען פרעמדע, און די געטרייע זוהן, די בלאָנדזשענדע נשמות זוכען וועגען, ווי זיך צו דערנעהנטערען צו זייער אורשפרונג, צוטוליען זיך צו די אַלטע קוואַלען און זיך דערקוויקען — טאָר מען אָבער אונזער תורה ניט צוזאַמענבינדען מיט אינטערעסען אָרטיגע און כוונות צייטיגע. טאָר מען זי נישט מאַכען אַלס אַ ווערקצייג פון פאָליטיק... עפּיס, דוכט מיר, ווערט ווידער אָבגעטון אַ פעלער פון ביידע צדדים. און ווען איינער זאָגט, אַז דאָס טוט ער לשם התורה, אויב ער זאָגט דאָס אַלעמאָל, און צו פיל מאָל, מוז ער אויך וועקען חשד. און עס איז לחלוטין נישט לפי רוח התורה, אַרויפצובערענגען אַ הייליגטום אַלע ווילע אויף די ליפען. עפּיס זענען די פירער צו־אימפעריאַליסטיש. גרייפען אַזוי אָן. און דאָס סיסטעם פון יודענטום איז בנחת. מיט דרכי שלום און אויף אָפענע וועגען. דאָס יודענטום איז ניט גייציג, און עס האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט אויסנוצען צוליב ערדישע צוועקען און פריווילעגיעס. און נור אַלס אַזעלכעס ווילען מיר דאָס זעהן.

אוי, די פירער, די פירער...

מיר דוכט, אַז נישט דאָס איז דער ריכטיגער וועג. די אינטעליגענץ מוז געפינען די שפּראַך, ווי אַזוי צו רעדען צום יודישען המון אַזוי ער זאָל גלויבען, מען מוז אָבוואַרפען אַלע מעטאָדען פון אַמפערן זיך און זידלען זיך און מבזה זיין איי־

נאָך דעם צווייטען, די אַלע מעטאָדען וועלכע ווערען בענוצט מיט אַזאַ חשק דורך די פֿיהרער פֿון ביידע צדדים.

ר׳ נחמן בראַסלעווער דערצעהלט אין זיינע „זיבען בעט־לערס" אַ מעשה וועגען צוויי פויגעל, איינע אַ זכר און די צווייטע אַ נקבה, וועלכע האָבען פֿעפֿלוירען איינע די צווייטע און פֿערבלאָנדזשעט אין צוויי מדינות, וואָס האָבען זיך געפֿונען אויף צוויי עקען וועלט. ווען עס פֿאַלט צו די נאַכט, הויבען אָן די צוויי פויגעל צו וואיען און קלאָגען און וויינען פֿון בענקשאַפֿט, אַז אַ שטיין קאָן צוגאַנגען ווערען, וואָרום דאָס חיות לאָזט זיי זיך אויס איינער נאָך דער צווייטער. דאָס דאָ־זיגע געוויין — זאָגט ר׳ נחמן — וואָלט סוף כל סוף דערגאַנ־גען פֿון איין עק וועלט צו דעם צווייטען און די גרויסע בענק־שאַפֿט וואָלט צוריק אָבגעפֿיהרט יעדען פֿון די צוויי פויגעל צו זיין בן־זוג: שטעלען זיך אָבער אויס אַרום יעדע פֿון די קלאָ־גענדע פויגעל שורות מיט פויגעל, וועלכע קומען צולויפֿען פֿון אַלע אַרומיגע פֿעלדער און וועלדער און טרייסטען אויף קולות די 2 אבלים. און אַ דאַנק די דאָזיגע נחמה־קולות דערגעהט ניט צו יעדען איינעם פֿון זיי דאָס געוויין פֿון דעם צווייטען.

ווער ווייס? — אפשר קאָנען דער יודישער המון און די יודישע אינטעליגענץ אויך זיך נישט צונויפֿרעדען אַ דאַנק די אַלע קולות פֿון נישט אַלע מאָל טרייע און פֿערנינפֿטיגע בעזאָר־גער. און דערום דערגעהט נישט צו די אויערען פֿון פֿאָלק דער וועה־געשריי פֿון דער אינטעליגענץ, עס מוז דעריבער דער שלום געשלאָסען ווערען צווישען די געפֿירטע, אויב די פֿירער האָבען נישט געפֿונען דעם וועג צו איהם.

דערום קוקען מיר צו מיט אַ טיפֿער שפּאַנונג, וועלכע ווערט בעגלייט מיט אַ פֿערשטענדליך איינערליכער אונרוהיגקייט צו דעם, ווי אין אונזער לעבען וויל בעקומען דאָס וואָרט די שטאַרקסטע קראַפֿט די פֿערשידענע טיילען פֿון דער אָרטאָדאָק־סיע, פֿון פֿערשידענע גרופּירונגען דער רעזערוו פֿון פֿרישע

כחות, וואָס דאַרף זיין פאַר דער אויסגעמאַטערטער אינטעליגענץ דאָס, וואָס דאָס דאַרף פאַר דער שטאָדט, עס איז צו האָפען, אַז ווייבאַלד די אמת׳ע זאָרגער לכבוד התורה וועלען זיך נישט לאָזען פערפירען און ווערען אַ ווערקצייג אין די הענד פון פערשטעלטע צוליב אַנדערע און ערדישע צוועקען, וועט די אַרבייט זייערע ווירקליך געהן אויף דעם וועג פון הרמת קרן התורה, וואָרום וועלענדיג בויען, וועלען זיי מוזען קומען אין בערירונג מיט דעם בנייעם, זיך איינהערען אין דעם בנייעם און זיי וועלען איינזעהן, אַז פערלוירען האָבען זיי אַ היבשען טייל פון זייער וואָג און השפעה אַדאַנק דעם אָנברוגז׳ן זיך. און נאָך וועלען זיי אפשר איינזעהן, אַז אונז אַלעמען בעוועגט איין און דערזעלבער תכלית: געבען אונזער נאַציע אַ לאַנגען דויער. וועקען צו איר און צו איר גייסט כבוד ביי זיך און ביי די פעלקער, אריכת ימים דעם יודישען שטאַם, בליהען און וואַקסען אין זיין אייגענאַרטיגען גייסט און שאַפען פאַר אונזער פאָלק די מעגליכקייט, עס זאָל צוגעבען דעם עולם העשיה דעם צלם אלקים.

טייטש-ווערטער.

שווער, פריינד מיינע, צונויפרעדען זיך מיט מענשען, אַז עס איז כמעט ווי לחלוטין איבערגעריסען געוואָרען די בריק צווישען מענש און מענש און מיר האָבען אויפגעהערט צו פערשטעהן דעם טייטש פון די ווערטער, וועלכע מיר אַליין ברענגען אַרויף אויף די ליפען. מיר האָבען ממש פערלוירען דאָס לשון.

איך וועל מיך בעמיהען צו ברענגען אַ פּאָר ביישפּילען.

איהר אַמפּערט זיך מיט אַ צווייטען איבער אַ זעהר וויכטיגען ענין, וועלכער איז אייך נוגע ממש אין לעבען אַריין, ס'הייסט איהר בעדאַרפט דאַדורך ענטשיידען, ווי אַזוי צו לעבען, און איהר זאָגט אַרויס דאָס, וואָס איהר האָט מכח דעם דאָזיגען ענין דורכגעטראַכט און אַרומגעטראַכט און דורכגעלעבט, און דאָס אַלץ, אַלע אייערע איבערלעבענישען און בעאָבאַכטונגען, דריקט איר אויס פאַר אייער צד שכנגד מיט ווערטער, אויף וויפיל אַ מענש איז איבערהויפּט אימשטאַנד זיין שטומע איננערליכע וועלט און זעהונגען איבערלעגען אויף ווערטער, ענטפערט אייך יענער אָב מיט אַזאַ זיכער און זיגעריש שמייכעלע: איהר זענט אָבער סוביעקטיוו! — און דערמיט, אַזוי מיינט ער און אַזוי מיינען אַלע אַרומיגע, האָט ער אייך געפּלעפט און אַרויסגעריסען פון אייער האַנד דאָס געוועהר. אָבער, אום גאָטעס ווילען, הייסט דאָס דען נישט חוזק געמאַכט פון זיך אַליין און פון דעם מענשליכען וואָרט? — אדרבא,

ה׳ואַי וואָלטען אַלע מענשען זיך ערלויבט דעם לוקסוס סוביעקטיוו צו זיין, וואָלטען מיר ווירקליך געקאָנט עטוואָס אָבלערנען פֿון דעם, וואָס זיי זאָגען אונז. אַ מענש איז סוביעקטיוו — לוינט זיך דאָך איהם אויסהערען און מיט זיינע רייד זיך רעכנען. און אומגעקעהרט: זאָגט אייך איינער, אַז ער איז אָביעקטיוו, איז דער פּשט, אַז דער גאַנצער ענין געהט איהם אָן, ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי, און וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, קאָנען מיר שוין געוואָר ווערען פֿון אַזאַ גאָטלאָזען אָביעקטיווען מענש? —

און ווייטער:

גאַנץ אָפט קומט אונז אויס צו הערען אַזעלכע טיפזיניגע און פֿייערליכע ערקלערונגען, אַז מיר לעבען אין אַ מערקווירדיגע עפּאָכע און מיר געפינען זיך אין אַ היסטאָרישען מאָמענט. דאָס לעצטע ווערט אָפט אַרויסגעזאָגט דורך אַ רעדנער פֿון דער בימה אַראָב, וועלכער צינדט גלייך דערמיט אונטער זיין אוידיטאָריע מיט צוהערער. נו, זאָגט אַליין, האָט דאָס אַ וועלכען-עס-איז טייטש? איז פֿאַרהאַן אין דעם אפילו אַ טראָפּען לאָגיק? — איז דען ווען-עס-איז געווען אַן׳עפּאָכע, וועלכע זאָל זיין נישט מערקווירדיג און איז דען פֿאַרהאַן אַפילו איין אויגענבליק אין דעם צייטען-און דורות-געוועב, וועלכער זאָל זיין נישט קיין היסטאָרישער? — דאָס איז דאָך בלויז וואָרט-שפּיל. און ווי-זשע מעג אַ מענש זיך ערלויבען צו קייען יאָהרען-לאַנג ווערטער-פּאַראַזיטען, בלוטלאָזע שאָלעכצער און דערמיט אָבקומען אַ לעבען? — וועט איהר זאָגען: וואָס שאַדט דאָס? ניין, עס שאדט זעהר פיל, וואָרום ווען איהר ווילט עפּיס אָבלערנען פֿון דער געשיכטע און איר ווייזט-אָן אויף עהנליכע געשעהענישען ווי איצט, ביי וועלכע מענשען האָבען געהאַנדעלט אַזוי און אַזוי און צו-וואָס זייערע האַנדלונגען האָבען דערפֿירט, פֿערשלאָגט אייך יענער די ציין: וואָס פֿאַר אַ גלייכעניש? — אונזער מאָמענט, אין וועלכען מיר לעבען, איז אַן׳אַנדערער אַ היסטאָרישער. די אוידיטאָריע אַפּלאָדירט, און איר בלייבט ווי אָבגעשמיסען. און אַזוי-אַרום קומט אויס, אַז אַ מענש בענוצט

זיך קיינמאָל נישט מיט די ערפֿאַהרונג פֿון עלטערען. נאָר אייביג טאַפּט ער אין דער פֿינסטער צוליב פּוסטען שטאָלץ. נאָך פֿערדריסליכער איז, ווען יענער טוט אייך אַ זאָג אין פּנים אַריין: פֿון אונז איז אָבגערעדט, מיר זענען דאָך אַנ׳איבערגאַנגס־עפּאָכע אַ דור המעבר. קיין טיעפֿערע בעליידיגונג איז שוין, דוכט זיך, נישטאָ פֿאַר אַ מענש, וועלכער האַלט זיך נאָך ביי דעם נאַרישען מנהג זיך זעלבסט צו אַכטען. דאָס בעדייט: זיך זעלבסט אָבגעווישט. וואָס זענען מיר, מ׳ששטיינס געזאָגט? פּגרים אַזעלכע, אויף וועלכע די קומענדיגע, די גליקליכע וועלען טון אַ שפּאַן אַריבער, פֿאַר וואָס־זשע עפּיס גראָד מיר? פֿאַרוואָס זענען מיר אַזעלכע זינדיגע? — איז דען נישט יעדע עפּאָכע אַנ׳איבערגאַנג צו אַ צווייטער, אַ העכערער אָדער נידריגער, דאָס איז אַנ׳אַנדער פֿראַגע, אָבער צו־וואָס שמייסען אונז מיט פּוסטע פֿאַראַזיטען־ווערטער און מאַכען אויף אונז אַ „אל מלא רחמים” מיט אַ אומזיניגען פּסוק און אַזוי אַרום אונז אַרויסגעבען אַ היתר צו זיין האָפֿנונגסלאָזע טויגעניכטסען און זיך נישט רייסען העכער? בעזונדערס לעכערליך איז דאָס, וואָס יעדערער, ווען ער זאָגט אָב דאָס דאָזיגע ווערטל, מיינט ער, אַז ער האָט עס דער ערשטער ענטדעקט און געגאַרט זיך אַליין, אַז דאָס איז ווירקליך עטוואָס טיפֿזיניגעס.

איז פֿאַרהאַן אַ וואָרט, הייסט דאָס: קאָנסעקווענצען. איז וואו איר שטעהט און געהט וואַרפֿט דאָס אייך יעדערער אין פּנים אַריין אַזוי ווי שטעכיגע בערלעך און בודיגעס אום תשעה־באב. זאָגט איהר אַרויס אַ וואָרט, אַ מיינונג, אַ השערה, אַזוי באַלד שלעפּט מען אייך ביי די פּאָלעס און מען פֿאָדערט פֿון אייך, אַז איהר זאָלט ציהען די קאָנסעקווענצען, רבונו של עולם, וואָס ברענגען אַרויף אויף זייער מויל די דאָזיגע מענשען? — ווי מעג מען דאָס אויף אונזער וועלט קאָנסעקווענט זיין? — קאָנסעקווענט זיין, אין מאָראַלישען זין, וואָלט געהייסען ווירקליך אונטערשטעלען די צווייטע באַק. זיך אויסטהון באָרוועס און נאַקעט און אַרומלויפֿען איבער די גאַסען און גוואַלדעוועןן און שדייען, אויף דעם, וואָס עס טהוט זיך אָב אויף אונזער

וועלט, קאָנסעקווענט זיין, אין עסטעטישען זין, וואָלט אפשר געהייסען, אַז ווען אַ מענש בעזיצט אַ ביסעל אַ לענגערע נאָז, זאָל ער זי אַרונטערשניידען, כדי זי זאָל אויסקומען עהנליך ווי אַלעמענס נעז, אָדער פערקערט, זיך צושטיקעווען אַ שטיקעל נאָר כדי אויסצוזעהן אַנדערש און מערקווירדיגער ווי אַלע. ווי קאָן דאָס אַ מענש זיך ערלויבען קאָנסעקווענט צו זיין? — דער ערד־קוגעל איז צו ענג. מענשען מוזען זיך אַלעמאָל צונויפרופען און צונויפקוועטשען צו לאָזען אָרט פאַר אַ צווייטען אונזער לעבען איז אַ לאַנגע קייט פון פשרות און נאָכגיביגקייטען. און דאָ חאַפּט מען אייך פאַר דער פאָלע און מען הייסט אייך זיין קאָנסעקווענט.

דערנאָך קומט אונז אַזוי אָפט אויס צו הערען, ווי מענשען בענוצען זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג מיט אַזעלכע צושוואומענע און אויסגעלאָשענע בעגריפען, ווי יונג און אַלט, דאָס אָבגעלעבטע און דאָס נייע א. ד. גל. און מיט וואָס פאַר אַנ׳ענטוזיאַזם ווערט געשימפט דאָס אַלטע און בעשפיגען און געטראָטען מיט די פיס און אויסגעלאַכט און בשעת מעשה טראָגט מען אייך אונטער דאָס לעצטע וואָרט. די נייסטע דערגרייכונג אַלס דאָס איין און איינציגע רפואה־פושקעלע, דער געלייטערטער גאולה־פראָשעק. אוי, הייליגע, און זעהר אָפט גאָרנישט הייליגע נאאיוויטעט. ווען און וואו איז נישט געשטאַנען אַ יונגערמאַנטשיק אויף דער טריבונע און נישט אָנגעזאָגט די לעצטע בשורה און נישט געכּעס׳ט זיך, למאי מענשען ווילען נישט אָננעמען זיין איין־און איינציגסט רעטונגס־מיטעל. דערהויפּט איז דאָס שכיח אין קונסט. אָט גייט ער אַרויף דער טריבונע, דער יונגער מענש, טוט אַ קלאַפּ אויף דעם בעלעמער מיט דעם פויסט — אין דער היים האָט מען פריהער רעפעטירט און דרעסירט די האַנד, ווי אַזוי שענער פויסט צו ווערען — און רופט אויס: דאָס נייע גייט! גרויסער גאָט, ווי אַזוי זענען דאָס מענשען אַזוי תּם׳עוואַטע, אָדער אונפאַראַנטוואָרטליך אָדער אונפאַרשעמט אָדער גאָר נאאיוו, ווי קינדער. גוואַלד, וואָס בעדייט דאָס אַזויגס? ווען איז געבוירען

געוואָרען דאָס נייע? און ווען איז עטוואָס פאָרגעקומען? — עפּיס אַזעלכעס ראַדיקאַלעס? — ציִ איז וואַסער געוואָרען טרוקען, ציִ צוקער ביטער, ציִ האָט דער הימעל געניִדערט צו דער ערד? — פאַרוואָס איז עפּיס אַציִנד אַנדערש, וויִ נעכטען? — ציִ איז מען היינט פייערדיִגער פון ירמיהו, ציִ אויפריִכטיִגער פון סאָקראַטיוס, ציִ פערביִסענער פון בייראָן, ציִ בייסענדער און שאַרפזיניִגער פון היינע, ציִ וואַלגערן זיך איצט אַרום, אַ שטייגער, אַזעלכע שענהייטען וויִ בערעניִקע אָדער קלעאָפּאַטרע? ציִ האָט מען אפשר איצט שוין רעפאָרמירט דעם שפּיִגעל און צוגעטראַכט אַ נייעם אַזעלכען, וועלכער מאַכט פון העסליך — אַ געטליִכע געשטאַלט? — ציִ ווייסט ניִשט אָט יענער יונגערמאַן, וועלכער קלאַפּט אָן טיִש און זאָגט אָן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ער איז יונג און ניי, אַז היִנטער אים שטעהט שוין אַ צווייִטער בחור׳ל און וואַרט מיט אונגעדולד, אַז ער זאָל גיִכער ענדיִגען, וואָרום יענער וויִל שוין אַרויפקלעטערן אויף זיין אָרט און אויך קלאַפּען אָן טיִש? — וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס פאַר אַ ווערטער. אַזעלכע אָבגעבליאַקעוועטע און נשמהילאָזע, וועלכע מאַכען אָן אַזאַ שטויב און מען קאָן פון זיי ניִשט פּטור ווערען? —

און וויפיל מאָל קומט אונז אויס הערען, וויִ מען זשומעט אונז איִן די אויערען: דאָס לעבען האָט דאָך בעוויזען, אַז דער און דער האָט געהאַט רעכט. דאָס לעבען האָט זיך אַרויסגעוויִזען פאַר אים! און דאָס דיִנט אַלס דער שטאַרקסטער אַרגומענט צו בעווייזען די גערעכטיִגקייט פון אַ וועלכען עס איז פרעדיִגער פון אידעען, — אַנ׳אומפּאָרצייענדער ווערטער: און בעגריִפען־שפּיִל. וואָרום פון ווען אָן איז דאָס לעבען אַזאַ פיינע און איידעלע זאַך, דאָס עס בעזיצט די רעכט צו בעשטעטיִגען אָדער צו פערלייקענען אַנ׳אידעאַלע פאָדערונג פון דער גערעכטיִגקייט? איִן אַלע דורות און צייטען האָבען מענשען, געצעהלטע, פערשטעהט זיך, געריִסען זיך און געראַטשקעוועט אויף אַלע פיִער, כדי נאָכצולויפען און אָנצוכאַפּען דאָס לעבען פאַר די וואזשעס, וויִ מען טוט מיט אַ ביִסטרע פערדיִל און

דאָס אַ ציִה טון אַבּיִסעל אויף דער שנור פון גערעכטיִגקייט און אַזוי אַרום אַריינטריִפען אין דעם גרויסען תהו ובהו פון רייסעניִש און כאַפּעניִש, דאָס הייסט, אין דעם תהום פון גנבה און גזלה, געצעהלטע ליִכטיִגע טראָפּענס פון איידעלקייט, ליִבּע און גערעכטיִגקייט. דערצו האָבען דאָך געשטרעבט אַלֶע טרוי־מער, קעמפער, מאַרטיִרער, מוסר'ניִקעס, געיאָגט זיִך נאָכדעם און געבראָכען רוקען און לענד, וואָרום דאָס לעבען האָט שטענדיִג אַלע טרוימען און איידעלע וואונשען צוטראָטען מיִט די פּיִס, וואָרום דאָס לעבען איז שטענדיִג געווען און וועט זיין געגען, חאָטש עס זענען שטענדיִג געווען און שטענדיִג וועלען זיין יחידים, וועלכע וועלען זיִך אַקעגענשטעלען. באופן, אַז ריִכטיִג איִז צו זאָגען: דאָס לעבען איִז מיִט איִם — אַ סימן, אַז ער איִז אומגערעכט. און דאָ כיִכיִקעט מען: דאָס לעבען! — דאָס לעבען! — און אויף די טרוימער: בטלנים! בטלנים! — יאָ, בטלנות! — וואָס איִז דאָס פאַר אַ וואָרט? וואָס פאַר אַ טייטש האָט דאָס? דערמיִט ווערען בעצייכענט מענשען מיִט אָפענע קלוגע אויגען און וואַכזאַמע הערצער, וועלכע האָבען דורכגעקוקט דעם פוסטען הו־האַ און פון איִם זיִך אָבגעקערט, מיִט דעם וואָרט ווערען אויסגעשעפּט אַלע פאָרשער און טרוי־מער. נו, און וואַלגערן זיִך אין טאָג־טעגליִכען קויט, אייביִג האַווען און פערשוואַרצט ווערען צוליב אַ גאָרניִשט, אָדער אויסשנאָרען ביי דער וועלט אַ ביִסעל כבוד, זיִך אָנטון אַ גאָרסעט אין אַלע יאָרען נאָכמאַלפעווען — וואָס איִז דאָס? ניִשט קיין פוסטע און נאַריִשע בטלנות? —

געוואַלד, ווי אַזוי רעדט מען זיִך צונויף מיִט מענשען, אַז מיִר פערשטעהען ניִשט אייגער דעם טייטש פון דעם צוויי־טענס ווערטער? —

ליצנות.

(צום „משפט״ איבער׳ן חדר.)

די פראגע וועגען דעם יודישען חדר איז ווידער אמאל, צום זיבען און זיבעציגסטען מאל, ארויפגעשוואומען אויף דעם שטעהענדיגען אויבערפלאך פון יודישען לעבען. אבער דאסמאל האט די דאזיגע פראגע בעקומען אנ׳אויסטערליש אויסזעהן. צום חדר איז מען צוגעגאנגען נישט ווי צו א געגענשטאנד, וואס פאדערט בעהאנדעלט צו ווערען דורך שקול הדעת, אלזייטיג און היסטאריש בעלויכטען ווערען דורך קריטיק. דער חדר איז אנגעקלאגט געווארען צום „געריכט״ און מען האט איהם אוועקגעזעצט אויף דער „בעשולדיגונגס-באנק״. דער דאזיגער יום-הדין פון חדר איז געפייערט געווארען, ווי מען זאגט, מיט גרויס פאראד. אין א פול-געפאקטען זאל, ביי א צערמאניאל, מיט ריכטער, עדות-זאגער, פערטיידיגער און בעשולדיגער, האט מען דעם חדר ארויפגעשלעפט אויף א אויטאדאפע, דאס פובליקום בעקומט ווארט און א פרייען צוטריט צו דער ביהנע. די אודיטאריע און די ביהנע ווערען צונויפגעשמאלצען. יעדערער איז פובליקום און שוישפילער גלייכצייטיג. א וויץ, א גלייכווערטעל, אנ׳אנעקדאט— אלץ ווערט געלאזט אין קאן. דא האט מען געמשפ׳ט און נישט בעלויכטען, אפילו נישט געקריטיקירט, ממש, ווי אין מיטעל-אלטער, ווען מען פלעגט משפט׳ן טויטע געגענשטאנדען. עס האבען בלויז אויסגעפעלט די ליכטער, קיטלען און דער טאצען-פויק.

מען זאָגט, אַז דער זאַל איז געווען איבערפולט און אַז ס'איז דאָרט צוגעגאַנגען לוסטיג און פרעהליך. דאָס פּובליקום האָט זיך ממש געוויילט. דער דאָזיגער פּרט איז זעהר וויכטיג. כּדי דורך איהם אַריינצודרינגען אין דעם מהות פון דער דאָזיגער ערשיינונג און זי תּופס צו זיין ריין-פּסיכאָלאָגיש.

וואָס זענען אויסען געווען די, וואָס האָבען איינגעאָרדענט די דאָזיגע שפּיל? — פּעדאַגאָגיש-קולטורעלע צוועקען? זיכער נישט. דאַרף מען דען צו-שאַנד און צו-שפּאָט מאַכען דאָס אַלטע, כּדי צו דערווייזען, אַז זיין צייט איז שוין אַריבער? זענען דען חוזק און שפּאָט אַ מיטעל צו שאַפען דורך זיי נייע ווערטען? — פּאַך-לייט שאַפען אַנדערש. קולטור-מענשען וויסען פון אַ סך אַנדערע מיטלען, ווי אַזוי צו ווירקען און בעאיינפלוסען. פּעדאַגאָגיש גענומען, איז חוזק אַודאי אַ שלעכט מיטעל צו ווירקען. און וואָס איז אויסען געווען דאָס ברייטע פּובליקום, וואָס איז געקומען צום „געריכט" אין געדיכטע מאַסען? צו הערען קלוגע רייד? מיר דוכט זיך, אַז מענשען זענען גאָרנישט אַזוי להוט נאָך קלוגע רייד. שטעלט אַוועק די טיפזיניגסטע דראַמע אָדער זאָל ווער פּראָקלאַמירען עכט-נביאישע רייד, וועלען מענשען, חלילה זיך נישט שטופען קעפּ אויף קעפּ, נישט אַנדערש, אַז דאָס פּובליקום האָט דאָ דערשמעקט עפּיס אַ ריח פון שפּיל, פון פערוויילונג, פון שפּאָט, אַנדערש גערעדט: דער גאַנצער ענין שמעקט, דוכט זיך, מיט ליצנות. וואָס איז אַזוינס אַן עפענטליך געריכט איבער אַ געגענשטאַנד? הייסט דאָס קריטיק? ניין, דאָס האָט אַזאַ שייכות צו קריטיק, ווי ליצנות האָט אַ שייכות צו אַנאַליז. מען קריטיקירט וואָס אָדער וועמען, ווייל מען וויל דאָס טיפער תּופס זיין און אַלזייטיגער בענעמען, און מען לצ'עוועט אָב פון אַ זאַך, ווען מען האַלט זיך אויף דער אויבערפלאַך, מען חאַפּט אָן ?אַ צופעליגע תּנועה, אַ פּינטעלע, אַן אויסערליכע העויה, מען זאָגט, אַז דאָס איז דער מענש און מען נעמט דאָס אויף שפּאָט. קריטיק וויל פערפיינערן און פערשענערן, ליצנות מאַכט אַ בלבול. קריטיק שטרעבט אויפצוהויבען און וועהטאָגט פון רחמנות איבער דער מענשליכער

אונפאָלקאָמענהייט, ליצנות האָט הנאה פון דער דאָזיגער אונפאָלקאָמענהייט און כיכיקעט אויף דעם. ליצנות שטאַמט אַממייסטענס פון גייסטיגער אָרימקייט און פוסטקייט, ווערט בעגלייט פון אַ געניץ, ליצנות נידערט אַראָב צו די געמיינסטע אינסטינקטען פון מענש און יוען פירער האָבען גאָרנישט וואָס צו געבען מעהר דער אָבגענאַרטער און פערשקלאַפטער מאַסע, הויבט מען אָן זי, די מאַסע, צו האָדעווען מיט פערוויילונגען, „ברויט און פערוויילונגען”. וואָס ווייניגער ברויט צום זאַט ווערען, אַלץ מעהר ווערען איינגעאָרדענט שפילען און קאָמעדיעס פאַר דעם אָרימען פאָלק.

דער בעסטער ביישפיל פון איצטיגער תקופה: דאָס, וואָס עס קומט פאָר דאָרט, אין יענער מדינה, וואו עס שטעהט אַ געוויין איבער אַ שטיקעל ברויט. די ערד האָט געגעבען קנאַפּ איהר פרוכט, אַ מעסטעל ווייץ ווערט פערבעהאַלטען טיף אין די דאָרפישע שפייכלערס, נאָר דער רייטוואָגען פון פראָגרעס ווערט דורכגעפירט דורך יענעמס פערשוועכטע און צוטראָטענע הייליגקייטען. רבנים שלעפּט מען דיספוטירען איבער גאָט און אום דעם פאָרכטיגען יום־כפור ווערען איינגעאָרדענט פאַראַד־מיטינגען מיט מוזיק אין גאָטס־הייזער, נאָכדעם, ווי די מתפללים ווערען פון דאָרט אַרויסגעטריבען. דאָס איז נישט צוליב דעם, ווייל עס פעלט אויס פלעצער פאַר שפיל, נאָר מיט אַ כונה צו מאַכען שפּאָט פון יענעמס אַ וואונד, און דער עיקר, דער אמת'ער עיקר, כדי צו שאַפען פערוויילונגען פאַר די ענטטוישטע און הונגעריגע.

דאָס איז ליצנות.

נישט האָבענדיג די מעגליכקייט צו שלעפּען רבנים צו דיספוטען, איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרען אויף דער גאַס דער יודישער חדר, אונזער ציטריגער גלאַנץ פון אַמאָל, דער אונשולדיגער פראָדוקט פון יודיש לעבען דורות לאַנג צווישען וועלף, דער מאַקסימום פון אונזער גייסטיגער אָנשטרענגונג און

אויפאָפּפערונג אין אַלע צייטען, דער קוואַל פון בעגייסטערונג פון דורות, אויף וועלכען קומענדיגע דורות וועלען קוקען מיט שטוינען און עהרפורכט. וואָס פאַר אַ קראַפט האָט יאָהרהונדערטען אַלע פרימאָרגען בעגינען, כאור, אויפגעהויבען אַלע פערשלאָפענע און שוואַכע יודישע קינדערלעך, אין פערשידענע מדינות ביי פערשידענע לעבענס-אַרטען, און זיי אַוועקגעפירט אין דעם אָרימען צימער׳ל אַריין, אָפט ענגען, קאַלטען און שמוציגען, און געלערנט האָט מען דאָרט אַ תורה, וואָס איז קנאַפּ וואָס געשאַצט געוואָרען אויף דער דאָזיגער ערד, האָטש געטליכט האָט אין די ביינער, אַ פייער, אַז טייערער איז זי פון גין-גאָלד? — וואו האָבען יודען גענומען מוט און קראַפט דורכצוטראָגען אָט דאָס דאָזיגע איינציגע דורות-לאַנג ברענענדיגע ליכט דורך בייזע בלאָנדזשענדיגע ווינטען? — דאָס זענען פראַגען פאַר פסיכאָלאָגען, דאָס זענען רעטענישען אפילו פאַר די, וועלכע גלויבען נאָך אין דעם, אַז אַ מענש איז פעהיג צו ריינע טהאַטען אָהן אייגענוץ. — יאָ, עס האָט געהאַט פעלערן, מערסטענטייל ריין-אויסערליכע. יאָ, עס האָט זיך אויסגעלעבט, ווידעראַמאָל ריין אויסערליך, ווייל אַלץ ענדערט לפנים זיין אויסערליכען לבוש. דאָס חדר איז געווען אָרים און שמוציג, ווייל אויך אַזוי איז געווען די שטוב, אין וועלכער עס האָבען געוואוינט אונזערע אָרימע, אָבער האַרציגע פאָטערס און זיידעס. אָבער לאַנג, לאַנג, וועלען מיר נאָך מוזען זיך אַריינטראַכטען, כדי צו פערשטעהן דעם מהות פון חדר, זיין ראָלע אין אונזער געשיכטע, דעם סוד פון זיין דויער, און דער עיקר, האָטש פערשטעהן מקנא צו זיין די, וועלכע האָבען אויפגעשטעלט אַזאַ בנין און אין אים אַריינגעגעבען אַזאַ נשמה, און זיך בעמיהען צו זיין קלוגע יורשים. צו פערשטעהן, ווי אַזוי איבערצוגיסען אָט די האַרציגקייט, אָט די געמיטליכקייט, אָט דעם דאָזיגען הויך פון אייביגקייט, וועלכער האָט אַרומגעשוועבט צווישען די ענגע ווענד פון דעם אָרימען צימער׳ל. יאָ, צו דערגעהן דעם סוד, ווי אַזוי איבערצוגיסען דאָס אַלץ אין די נייע כלים, אין די נייע בנינים, וועלכע האָבען אפילו הויכע

פענסטער, נאָר קאַלטע ווינטען בלאָזען אַרום אין זיי.

וואָרום אפילו אין פעדאַגאָגיק בעדאַרפען מיר ניט בלויז נאָכטון, ווי די מאַלפעס, נאָר בעמיהען זיך צו פערשטעהן אונזער אייגענעס און דאָס איבערגעניסען אין נייע פאָרמען.

איז דאָס נישט קיין צופאַל, וואָס מען האָט אויסגעקליבען אַלס אָביעקט פון ליצנות גראָד דעם חדר, ווייל געמיינט האָט מען מיט דעם ליצנות צו טרעפען פונקט אין דעם פינטעל פון מוט פון פאָלק און זיין קרעפטיגקייט.

דער חדר איז נאָך עד-היום בעליבט און פאָפולער. דער בעסטער בעוויז איז דאָס, וואָס דער זאַל איז געוועז פול געפאַקט. אַזוי איז דאָס. פובליקום האָט ליב, ווען מען חוזק'ט אַביסעל אָב גראָד פון דעם, וואָס איז אים ליב און הייליג, האָטש אין האַרצען שמייכעלט עס פון דעם חוזק-מאַכען. פיקאַנט איז דאָס אָבער. און דאָס האָבען גראָד פערשטאַנען די, וועלכע האָבען איינגעאָרדענט די דאָזיגע שפיל, כדי צוצוציהען אויף אַ ווײלע צו זיך די אויפמערקזאַמקייט. אָרים, אָרים פובליקום, לאָז זיך אַליין נישט אויסלאַכען. קויף נישט קיין בילעט צוליב אַ ביסעל שפאָט. ווער עס וויל ווירקליך ווירקען לטובה פון זיין נאַציע אָדער פון זיין קלאַס, קאָן געפינען אַנדערע מיטלען, לויטערע און זויבערע, און ווער עס שטרעבט צו טיילען זיך מיט זיינע געדאַנקען און געפיהלען, דער אָרדענט נישט איין קיין ליצנות-פערוויילונגען

פובליקום, מאַך נישט פאָפולער קיין לציםו

אונזער חומש'ל.

איך ווייס: איר וועט לאַכען פון מיר און אויף זיכער זאָגען, אַז דאָס איז אַנ'עכט-יודישע טבע — אומעטום קומען צו געהן מיט דאָס אונזעריגע און אַלעמאָל אויפוואַרפען אַ וועלט, אַז זי מיינט בלויז אונז, אין דער צייט, ווען זי, די וועלט, האָט דערביי קיין מינדעסטע כונה נישט אונז צו טרעפען און האָט אונז אפילו אין דער לינקער פאה נישט. וואָס זאָל מען טון, אַז עס איז פאָרט אַזוי. קוקט זיך נאָר גוט צו, וועט איר זיך איבערצייגען, אַז אַזוי איז עס. באופן דאָס זעהר אָפט הויבט אָן צו דוכטען, אַז דער גאַנצער וועלט-טאַראַראַם, פון קדמונים אָן, איז בעשטאַנען און בעשטעהט בלויז אין דעם, צי יאָ אונזער חומש'ל, צי נישט. אַרום דעם געהט דאָס גאַנצע האַמפּערניש. קוקט זיך נאָר צו, וועט איר זיך איבערצייגען, אַז איבער דער גאָרער וועלט, אומעטום, וואו נאָר עס רודערט זיך, הער שמועסט, ווען עס ברעכט נאָך אויס אַ שטורם, אָדער עס פּאַקערט זיך פונאַנדער אַ בעוועגונג, שטענדיג, איז דער חומש'ל אינמיטען.

אָט נעמט האָטש אַלע גרויסע לענדער-ערָאָבערונגען. דאַן, ווען דער אייראָפּעער לאָזט זיך אַוועק צו די ווילדע שבטים, כדי מיט זיי צו טון די גרויסע גנאָד, אַרויספירען זיי פון דער אונגעהויערע פינסטערניש אויף דער ליכטיגקייט און זיי מזכה זיין מיט דעם גרויסען גליק פון בעטייליגען זיך אין דער אייראָפּעאישער קולטור און ציוויליזאַציע, מיט וואָס לאָזט

זיך דער אייראָפּעער אַוועק צו זיי, צו די ווילדע? מיט אונזער תנכ״ל. אמת, דער גרויסמוטיגער אייראָפּעער בענוגענט זיך נישט בלויז מיט דעם הייליגען ספר, און, כדי ער זאָל זיך פיהלען אויף אַ סך פעסטער, פירט ער גלייכצייטיג מיט מיט זיך פולווער און אויך קאַלט געווער. שוין דער פאַקט אַליין וואַרפט אַ חשד אויף דער גוטער כונה פון דעם אייראָפּעער און עס דערלאָזט די השערה, אַז מיט דעם תנכ״ל מיינט ער גראָד נישט אַזוי ערנסט און ער פירט דאָס מיט בלויז לפנים, דערביי מעג אויך געזאָגט ווערען, אַז אפשר וואָלט דער דאָזיגער שבטים־בעזיגער געווען פיל אויפריכטיגער, ווען ער וואָלט צורוה לאָזען דאָס געטליכע ספר בשעת ער האָט בלויז אין זינען זיינע ערדישע צוועקען. ווי עס איז, אָבער אַ פאַקט זעהען מיר, אַז דער מענש מוז אַלעמאָל אָנקומען צו דער הילף פון דעם הייליגען תנ״ך, כמעט, ער קאָן כמעט קיין שפּאַן נישט טהון אָהן דעם, די סבה דערפון איז זעהר איינפאַך. דער מענש האָט, קענטיג, נישט קיין מוט צו זיין בלויז מענש, דאָס הייסט, בלויז חיה, און טאַקע בריש גלי, ער מוז שטענדיג איינהילען אַלע זיינע מעשים אין אַ פיינעם טוך, און עטוואָס שענערס אָדער הייליגערס, ווי דער תנ״ך, האָט, זעהט אויס, דער מענשליכער מח, נישט דאָס מענשליכע האַרץ ביז היינטיגען טאָג נאָך נישט צוגעטראַכט. נעמט מען דאָס תנכ״ל. ווי די מעשה איז — מיר זענען אינמיטען.

און אָט וואָס איך מיין צו זאָגען. עס קאָן גריילין זיין, אַז די דאָזיגע ערשיינונג גופא פערשאַפט אונז טאַקע אַלדאָס בייז. יענער, דער עראָבערער, שיסט מיט פולווער און טויט: פיינד ווערען די בעזיגטע אונזער חומש׳ל. עס קומט אויס, ווי בלויז דאָס וואָלט אָנגעשיקט פלאַמען־צונגען, פערשקלאַפט אומשולדיגע מענשען אומגעבראַכט און פערניכטעט גאַנצע ישובים. קוקט־זשע זיך אָבער איין ווידער, וועט איר זעהן ממש פלאי־פלאים! ניט אייביג קאָן דער מענש זיין פערשקלאַפט, ווי נישט אייביג איז דער מענש אומשטאַנד איבערצוטראָגען דעם יאָך פון אונאויפהערליכער פרייהייט. די פערקנעכטעטע הויבען אָן ענדליך

צו קעמפֿען פֿאַר זייער בעפֿרייאונג און ווידער אַ אַמאָל מיט דער הילף פֿון אונזער חומש׳ל. קוקט זיך נאָר גוט צו, וועט איהר זעהן: וואו ערגעץ קומט פֿאָר אַ בעוועגונג פֿון רעפֿאָרמאַציע, אַ שטרעבונג צו בעפֿרייען דעם מענשליכען גייסט פֿון אונטער דעם מענשליכען יאָך, פֿון פֿערדרעהטער סכאָלאַסטיק פֿון אויסגעמאַרחעוועטען פּלפּול — קערט מען צוריק צום תנ״ך, דער אורשפּרינגליכער קוואַל פֿון אָיפּריכטיגען מענשליכען פֿערשטאַנד און גייסטיגער זויבערקייט, דאָס בוך, אין וועלכען יאָ און ניין זענען נישט קיין צוויי אַרטען פֿון שכל׳דיגער אויפֿפֿאַסונג, נאָר דונערן־אָב מיט אַ געמיטליכער קראַפֿט. אין די דאָזיגע פֿאַלען דינט שוין אונזער חומש׳ל. נישט אַלס אַ פֿערניכטענד געווער, נאָר אַלס אַן׳אונברחמנות׳דיגער שטורם־ווינד, וועלכער צושמעטערט איינגעבראָכענע בוימער, וואָרצעלט־אויס דאָס פֿערפֿוילטע און ריינִיגט־אָב די אַטמאָספֿערע פֿון דורות שימעל. דאָס ספר ווערט דאַן אַ וואָג־שאָל צו דערגעהן דורך דעם, וועלכעס איז ריין־מענשליך און וועלכעס שטאַמט פֿון שדים און בליהט אַרויס פֿון גאָטלאָזען פּלפּול, ווי אַ שימעלבלום. מען קאָן זאָגען, אַז דער מענשליכער מח בעוועגט זיך אין די אָנגעצייכענטע ראַמען פֿון דעם געטליכען ספר, וואָס פֿערהיט אים אַלע מאָל פֿון ראָסט און פֿערשקלאַפֿונג.

און טראַכטענדיג דערפֿון, ווערען קלאָר נאָך און נאָך אַ סך זאַכען. דערהויפּט ווערט פֿערשטענדליך דער אונגעהויערער האַס, וואָס אַלע, אָהן אונטערשיד, שפּירען צו אונזער חומש׳ל, סיי די זיגער און סיי די בעזיגטע האָבען עס פֿיינט, וואָרום אַלע געדענקען בלויז דאָס בייזע, וועלכעס ווערט דורך איהר פֿערשאַפֿט. אויף דעם פּולווער טראָגט אויך די מענשהייט נישט קיין גוט האַרץ, אָבער זי האָט אים פֿאַר אַ מורא׳דיגען דרך ארץ, אַן׳עהרען־פּוכט, וואָרום די קראַפֿט פֿון פּולווער לאָזט זיך שפּירען גאַנץ ממשות׳דיג. און יעדע אָנגעזעהענע קראַפֿט, מעג זי זיין ווי אַ בייזע, רופֿט אַרויס צו זיך אַ פֿאָרכטיגען אָבשיי. אָבער דאָס חומש׳ל, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס איז אַזוי וועלט־בעוואוסט איז דאָס נאָך צלין געבליבען

אונפערשטענדליך, און, אויב איר ווילט, לחלוטין נישט אָנערקענט, ווייל סוף כל סוף מאַכט דאָס נישט קיין בעזונדער אויפזעהן מיט זיין אויסערליכער ממשות׳דיגקייט. אַזוי קנאַפּ זעט דאָס אויס, און בכלל אונפערשטענדליך. אַביסעל צואיינפאַך און אַזאַ לאַנגער דויער! — הויבט מען אָן דאָס הושד זיין, אַז עס שטאַמט פון נישט גוטעס. ברענט מען דאָס.

און דאָס קומט טאַקע פאָר אַצונד אין רוסלאַנד.

אין דער דאָזיגער אומגליקליכער און אויסגעהונגערטער מדינה, דאָרטען, וואו עס הערשט אַנ׳אייביגער צער און צאָרן און מענש צו מענש איז אַ טיגער — דאָרט ווערט מיט אַ מורא׳דיגען האַס און נקמה-דורשט געברענט דאָס געטליכע ספר.

אָט וואָס עס דערצעהלט אַ מענש, וועלכער איז נישט לאַנג אַנטרינען געוואָרען פון דער דאָזיגער מדינה:

— וואָס ווייסט איהר, וואָס פאַר אַ חשכות דאָרטען איז. איר געפינט גאַנצע שטעדט, אין וועלכע עס איז נישט בנמצא קיין יודיש ספר. נישט קיין חומש׳ל, נישט קיין סדור׳ל, אפילו נישט קיין תהלים׳ל. יודען ווילען זאָגען אַביסעל תהלים, זיך אויסוויינען דאָס האַרץ, איז נישטאָ אין וואָס. דער נייער דור וואַקסט-אויף בלויזע עם-הארצים און דער אַלטער פערגעסט ביסלעכווייז דאָס געטליכע וואָרט. וועט איר פרעגען: סטייטש, וואו איז אַהינגעקומען דאָס יודישע ספר? אַ סך איז צוריסען געוואָרען אויף שמות און אַ היבש ביסעל איז אַוועק מיט דעם פייער. אין ראַטען-רוסלאַנד שטעהט אַ פלאַם פון דעם יודישען ספר. אַלעס, אַלעס, סיי די נייסטע ספרים, וועלכע ציהען אַ יניקה פון דעם אור-אַלטען תנ״ך-קוואַל, און סיי די עלטערע און די עלטסטע, ביז דעם חומש׳ל, איז אַוועק מיט דעם פייער.

אין יענער אומגליקליכער און פיל-ליידענדער מדינה בושעוועט אַ גרויסער כעס אויף דעם יודישען ספר. עס פערפאָלגען דאָס און וואַרפען דאָס אין די פייער-אָרעמס סיי די, וועלכע באָדען זייער צאָרן און זייער אייגענע חיה-רעה אין טייכען יודיש בלוט, און סיי זייערע געגנער, וועלכע וואַרפען ארויף אויף דעם יודישען ספר די שולד פון קלעריקאַליזם, פיגסטערניש און

פֿערשקלאַפֿונג, נישט קוקענדיק אויף דעם, וואָס די־זעלבע מושלים פֿערשפּרייטען צווישען פֿאָלק טורגעניעוו׳ס ווערק אַ שטייגער, וועלכע פֿערהילכען און בעזינגען די אַריסטאָקראַטישע נעסטען.

זאָגט־זשע אַליין, כ׳בעט אייך, ווי־זשע אַזוי זאָל מען דאָס פֿערשטעהן? ווי אַזוי זאָל דאָס דער פּשוט׳ער מענשליכער שכל אויפֿפאַסען? — אויב נישט אַלס אַן אויסבּרוך פֿון האַס און נקמה צו דעם ריינעם און זויבערן. אין אַ סביבה, וועלכע איז אָנגעזאַפּט מיט האַס און מאָרד, און חשך, חשך, אָהן אַ סוף חשך, מוז ענדליך אַרויסגעטריבען ווערען דאָס, וואָס עס איז ריין־מענשליך, זויבער און אויפֿריכטיג, דאָרט איז נישטאָ קיין אָרט פֿאַר אונזער חומש׳ל.

ווי־זשע דען אַנדערש קאָן מען פֿערשטעהן די אונגע־הויערע און אונענדליכע רדיפֿות אויף דעם געטליכען ספר? אויב נישט, אַז דאָס מיינט מען צו פֿערמיסטיגען און אומצו־ברענגען דעם ריינעם קוואַל פֿון מענשליכער פֿרייהייט? —

יאָ, איך ווייס: איהר וועט אויף זיכער לאַכען פֿון מיר און זאָגען, אַז דאָס איז גאַנץ קרום אַזוי אויסצוטייטשען אַזעלכע לאָגישע גענג פֿון אַ מלוכה, וועלכע קעמפֿט אין פֿלוג בלויז פֿאַר פֿרייהייט. קוקט זיך אָבער גוט צו, וועט איהר זיך איבערצייגען, ווי ווייט פֿערשיידען זענען די גענג פֿון דעם שטן, וועלכער טוט זיך אין יעדען דור איבער אין אַ נייעם לבוש און וואַקסט אַלעמאָל גראָד אויס דאָרט, וואו מען האָט אים אַממינדעסטענס ערוואַרט.

און נאָך: אַ סך גענג האָבען אַלעמאָל איין און דאָס זעלבע פּנים. אָט זעט, למשל, דיזעלבע גבורים, וועלכע זענען נישט אומשטאַנד צו בעשיצען דאָס לאַנד פֿון באַנדיטיזם, נישט צו בעזיגען דעם הונגער און נישט אַרויסצוטרייבען די פֿינסטערע כחות, וועלכע בושעווען אונאויפֿהערליך אין לאַנד, זענען, זעט אויס, גרויסע העלדען צו בעקעמפֿען אונזער חומש׳ל.

דערמאָנט דאָס אייך נישט אָן די אַלטע צייטען?

געגען די אויסערליכע שונאים איז די דאָזיגע מדינה שטענדיג געווען שוואַך, נאָר דער אינערליכער פֿיינד, דער יוד־

איז אַלעמאָל געקרייצט געוואָרען.
אָבער גענוי ווי אַמאָל.
חאָטש גאָר פון אַנ׳אַנדער זייט.

איז דאָס דען נישט אַ גענוגענדער בעווייז, אַז שטענדיג איבעראַל, אין אַלע לענדער, ביי פערשידענע אומשטענדען, געהט אַ גרויסער און גרויזאַמער קאַמף מיט דער זויבערקייט פון גייסט, מיט דעם אויפריכטיגען מענשליכען פערשטאַנד און מיט דער וואָג־שאָל פון דער מענשליכער אויפריכטיגקייט — מיט דעם יודישען ספר התנ״ך?

דער יודישער גייסט האָט בעשאַפען אַ מורא׳דיג ספר, וועלכעס איז שטאַרקער פון דעם מענש.

דאָס דאָזיגע ספר איז מורא׳דיג־שטרענג און אָהן פשרות. עס לאָזט גאָר נישט פערגלעטען און גאָרנישט פערקוקען. דאַגעגען דער מענש זוכט זיך שטענדיג היתרים׳לעך און אויסרעדעכצער. אונזער חומש׳ל איז דעם מענשענ׳ס אייביגע שטראָף־הזכרה און געוויסען. די מענשהייט קאָן דאָס נישט לחלוטין מבטל זיין, אָבער אָננעמען דאָס קאָן זי אויך נישט. דעריבער פלאָנטערט זי זיך שטענדיג אַרום דער דאָזיגער פראַגע. אונזער חומש׳ל שטעהט דער מענשהייט ווי אַ ביין אין האַלז. דעריבער הערשט אויף דער וועלט אַזאַ כעס אויף דעם.

העברעער.

געווידמעט דעם יודישען ליטעראַטען און זשורנאַליסטען פעראיין אין ווארשא.

איך וויל פרובען אַריינטרייבען אַ פּאָר טראָפּענס ליכט אין דער שטילער און גליקליכער טראַגעדיע, וועלכע עס לעבען איבער די געטרייעסטע און פערשוויגענסטע פון דער יודישער נאַציע, אונטערערדישע זינגער און קינסטלער — די העברעער.

אין פּוילען, אַממייסטענס אין פּוילען, ווערט דער נאָמען העברעער אַרויסגעזאָגט מיט אַ בעזונדער שפּאָט-גרימאַסע אויף די ליפּען. יעדער סתם איינער פּרובט אָבצומאַהלען דעם העברעער, ווי אַ משוגה-טרוימער, אַמענש נישט מן הישוב. אַ בוידעם-מענש. מכל-שכן, אַז אַזוי און נאָך ערגער קומט דער העברעער אַרויס ביי זיינע פּראָפעסיאָנעלע ניט-פריינד.

וואָרום די העברעער און נישט-העברעער זענען נישט מחולק צווישען זיך בלויז אין דער שפּראַך-פראַגע. נישט בלויז אין דעם אַליין געהט דאָס, פּונקט ווי די חסידים און די מתנגדים, אָדער די פרומע און די אַמאָליגע אַפּיקורסים האָבען זיך נישט געאַמפּערט צווישען זיך בלויז איבער אַ היטעל צו אַ שטריימעל, אָדער קורצע צו לאַנגע קליידער. עס איז אַ פּלוגתא איבער אַ סך וויכטיגערע און תוכיגערע ענינים. דאָס זענען צוויי פערשיידענע און געגענזעצטע אויפפאַסונגען, צוויי אַרטען פון האַלטען זיך און פון צוגאַנג צו זאַכען. איך וועל מיך בלויז אָבּרופען וועגען איין צד: דער העברעער איז אָנגעלאָדען מיט אַ גרויסען גייסטיגען באַגאַזש, אַ ירושה פון לאַנגסטע דורות. עס

איִז אַ סך לייכטער אָנצוהויבען, למשל, ציִהען אַ פֿאָדים פֿון אַ יונגע קולטור, ווי טראָגען אויף דעם קאָפּ אַ זיִסע לאַסט פֿון דורות מיִט ברענענדיִגסטע מחות און פֿלאַמענדיגע הערצער און פֿרעגענדע געמיִטער, תנאים, גאונים, חסידים, למדנים, דיִכטער, קעמפֿער און מאַרטיִרער. דאָס איִז רייכטום, און רייכטום פֿערפֿליִכטעט.

העברעאיִש, — דאָס איִז אַ לאַנג-אויסגעצויגענע, גראָדע און פֿערעקשנ׳טע ליִניע, אויבען, אין דער הויך, אַ היִמעל, וואָס איִז בעפֿעריִלט און אויסגעשטערנט מיט גרויסע מחות און הערצער. מען מוז אַלע מאָל פֿעררייסען דעם קאָפּ אַרויף, צו דער הויכער קולטיר-געביידע, און זיך בעראַטען מיִט פֿערשוואונדענע אָבער איִן דער איִדען-וועלט לעבענדע גייסטער. דאָס איִז קאָפּ-שוויִנדלענד און עס מאַטערט איין. דערום, ווייל העברעאיִש איִז אַ שווערע טהאַט און אַ דאַנק דעם פולען באַגאַזש, קומט דער העברעער אַרויס אַביִסעל ניִשט בעוועגליִך, טאַקע שווער-פעליִג. דאָס געזיִכט אָבגעצערט און אָפט מיִט אַ טיִפֿען קנייטש, וויִ אַלע די וועלכע ליידען פֿון דער פֿריִסטער יוגענד און דער בליק. — שטרענג ערנסט. פֿערשטעהט איִהר: דאָס זענען די עלטסטע קיִנדער פֿון דעם וועלט-גייִסט. מען מוז אויסשפּיִלען אויף אַ זער אַלטען איִנסטרומענט די בייעסטע מעלאָדיען, מיִט רעספּעקט, און פֿעראַנטוואָרטליִכקייטס-געפיהל פֿאַר דעם אַלטען, וויִעלכעס האָט אונז אונגעהויער אַריִבערגעשטיִגען מיִט קראַפט און אמת — דערום די לפנים׳דיגע פֿערעלטערקייט און טיִפֿע זאָרג. —

און אָט קומען מענשען זעהר פֿערנינפֿטיגע און נודגע-פּראַקטיִשע און רייצען זיך: אָבער דאָס לעבען! דאָס קאָכעדיִגע לעבען(

יאָ, מיינע הערען, דאָס לעבען קאָכט! עט איִז דערפֿון קיין סימן ניִשט, אַז מען מוז אַלעמאָל שטעהן ביי דעם קאָכעדיגען קעסעל, וויִ אַ געניִטער קוכער, און זיין דאָס דער קאָך-לעפֿעל. עס זענען פֿערהאַן פֿערהוילענע, וועלכע הייצען אונטער די מאַשין פֿון שיִף. ווי איינעם וואויל געפֿעהלט.

אַ קליין ביישפּיל: עס איִז, למשל, גאַנץ אַנגענעם פֿאַר

אַ דיכטער אָדער קינסטלער האָבען אַ חברותא. וועלכע זאָל אים מיטהעלפען צו בעקומען די אונשטערבליכקייט טאַקע באַלד, אויף דער הייסער מינוט; אָנגעשריבען דאָס ליד. די פּאָעמאַ, די נאָוועלע, מען איז פּעראייניגט. עס קאָכט און עס שוימט. די פּערניִנפטיגע קריטיק חאפּט באַלד אָן ביים דופּק, פּראָקלאמירט איהר וואָרט און דאָס ליטעראַרישע מיידעל שענקט דערפאַר דעם אַנערקענטען איהר ליבענס-ווירדיגען בליק. עס איז אָבער אַ פֿראַגע, צי פאַר אַ קינסטלער איז דאָס נויטיג. צי איז דאָס ניִשט גיכער שעדליכער, ווי נוצליך. אַלענפאַלס, אַ העברעער זיין: הייסט בעזיצען די קראַפט און דעם מוט צו שטעהן אָן אַ זייט און אויסוואַרטען. וואָרום... דאָס לעבען איז לפי שעה געגען. דאָס הייסט, דאָס אויבערפלעכליכע, דער פאָראיבערגייענדער יריד, די גייסטיגע שוואַרצע בערזע, וועלכע בענוצט זיך מיט אַ צייטווייליגער מהומה. אָבער די בעהאַלטענע קרעפטען, וועלכע טליען און וועלען סוף-כל-סוף אַמאָל אויפשטורמען, אָבער דער גישט-אַרויסגעזאָגטער טרוים פון פאָלק צו העכערער קולטור, אָבער דער צענטר פון עהרע, וואוהין דאָס פאָלק שיקט זיין ברכה און לייטזעליגקייט, איז אין דעם אויפבויען פון דעם העברעאישען טעמפּעל.—

דערווייל. — דערווייל מוז דער העברעער זיין אָבגעזונדערט. אַוועקשטעלען אַ וואך אום בלויז צו בעשיצען אייגענע ברעגען און זיך האַלטען אָן אַ זייט. איינזאמקייט — דאָס איז דעם העברעערס פיינסטער געשאַנק. דער העברעער מוז אַביסעל זיין טויבליך און שטומליך, זיך מאַכען צו-ניִשט און וויסען חכמת הנאַרישקייט. דאָס איז אַ קלוגע טאַקטיק אַזאַ אַרויפצונעהמען אויף זיך אַ פערטיידיגונגס-קאָליר. אַש-קאָליר. מיט דער ערד געגליכען. בלאָטע שבבלאָטע, ווען מען בעדאַרף, זאָל אַנ'אַנדערער בלאָזען שופר. אָט אַזוי טוען די אַלע זעלטענע פויגעל, וועלכע זעגען פערבליבען אין צאָל-קליינע משפחות און קאָנען ניִשט זיגען בצבור, צולאָזען זיי זיך אין די שפּאַלטען און לעכער פון הויכע און איינזאַמע פעלזען און זענענדיג שטאַרקער איינציגווייז, ווי מענגעסווייז, קאָנען זיי אַזוי אַרום פערטיידיגען

זייער עקזיסטענץ אויף דער בייזער און גרויזאַמער וועלט. יאָ, מיינע הערען, שטאַרק זענען די דאָזיגע פֿויגעל מיט זייער אַליינקייט, שטאַרקער ווי אַנדערע. וואָרום עס איז גאָך אַ פֿראַגע, וואָס הייסט שטאַרק זיין, צי וואַרפֿען זיך אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אין די אויגען און פֿאַרלעזען פֿאַר עטליכע מיידלעך פּאָעמעס אָדער איינאָרדנען צוזאַמענפֿאָהרען, צי בעהאַלטען זיך אין דער שטיל טהון אַנ׳אַרבייט און גראָבען טיף, ווי קראָטען, זענענדיג בטבע איינזאַמע, איז די העברעער ווירקליך שווער צו פֿעראייניגען זיך אפֿילו צווישען זיך. ליטעראַטען, נישט קיין פֿעדער־פֿאַך־מענשען, איז איבערהויפּט שווער צו פֿעראייניגען זיך. דאָרט, וואו עס זענען נישטאָ די באַגעטעסטע, די אָט באַלדיגסטע, די ערדישסטע צוועקען, פֿעראייניגען זיך מענשען שוואַך. עס איז דאָך אַנ׳אָפֿענער סוד, אַז פֿון דער שוין עקזיסטירענדער פֿעראייניגונג פֿון דער מערהייט געניסען קנאַפּ די ליטעראַטען און נישט זיי האָבען אַ השפּעה אויף איהר און נישט אַ דאַנק זיי וואָלט זי עקזיסטירט אפֿילו איין טאָג.

און אויב איהר ווילט, זענען די העברעער פֿיל מער פּאַקטיש פֿעראייניגט צווישען זיך ווי אַנדערע. מ׳קאָן אָבזיצען מיט אַ מענשען ביי איין טיש פֿופֿציג יאָהר, עסען צוזאַמען אין איין בופֿעט און נישט האָבען קיין געמיינזאַמעס אויף אַ האָר. עס איז אַ לפֿנים׳דיג צוזאַמענגעקומען, אַ קינסטליך צוזאַמענרוקען זיך אויף איין באַנק אויס לאַנגווייליגקייט. דאַגעגען העברעער — דאָס זענען אויסגעשטרעקטע הענד פֿון ווייטע ברידער, וועלכע רעדען זיך איבער, שרייען זיך איבער און ווינען זיך צונויף אויף אַ שטרעקע פֿון דורות, איבער ווייטע ים׳ען. עס ציהען זיך גין־גאָלדענע פֿעדים פֿון בן־סירא ביז עמנואל הרומי, ביז מיכה יוסף לעווינזאָן, ביז אורי ניסן גנעסין. און מען איז פֿעראייניגט אָהן קינסטליכע מיטלען מיט אַ מיטגליד־אָבצאָל, מיט אַ וואַרים גלאָז טיי פֿון בופֿעט. שוין דאָס אַליין, דאָס אַרומטראָגען זיך מיט אַזאַ זיסען, שווערען און דערווייל אונאויספֿיהרבאַרען טרוים, מיט אַ וועלט פֿון קלינגענדיגע טענער, אוראַלטע און אייביג־יונגע העברעאישע טענער צווישען אַ וועלט פֿון

גלייכגילטיגע און אָבשפּעטער — דאָס אַליין פּעראייניגט העברעער פֿון אַלע צייטען. מען קלאַפּט נישט אין די פּויקען, עס שטעהט נישט קיין זיילען־שטויב פֿון נעמאַכטער פרעהליכקייט. נו, איז וואָס? אַ העברעאישער דיכטער הייסט נישט בלויז אַ שען ליד אָנשרייבען, אַ פיינע סקיצע, בעזיצען טאַלענט. דאָס איז עטוואָס מער. דאָס איז גייסט, כאַראַקטער. דאָס איז קאָנען שווייגען און בעזיצען די גרעסטע קראַפט־געדולד. און דער עיקר: דאָס איז טראַדיציע.

יעדער עכטער העברעער איז אַליין אַנ'אינזעל פאַר זיך. ער לעבט אין אַ העכערע ספערע און חבר'ט זיך מיט מענשען, וועלכע האָבען געלעבט אין פערשוואומענע צייטען און זענען געווען עהנליך צו איבערמענשען.

דערמיט ערקלערט זיך, וואָס אין דער יודישער ליטעראַטור זענען פֿאַרהאַן טאַלענטען, און אין דער העברעאישער — פערזענליכקייטען.

דער מוסר־השכל? מכח דער טאַקטיק. צי קאָנען און מעגען די העברעער נעמען אַנ'אַקטיווען אָנטייל אין דער שוין עקזיסטירענדער פעראייניגונג פון ליטעראַטען און זשורנאַליסטען? ניין. ווארום דאָס וואָלט געהייסען דאַרפען פירען אַנ'אונאויפהערליכען קאַמף אויף שריט און טריט נישט בלויז פאַר שפּראַך, נאָר אויך פאַר דעם, ווי אַזוי אַרויפצוצוועגען דעם אייגענעם שטעמפעל אויף אַלץ און אומצוענדערן דעם איצטיגען הערשענדען גייסט, וועלכער איז נישט טראַדיציאָנעל. דאָס וואָלט געהייסען דאַרפען פיהרען אַנ'אונאויפהערליכען קאַמף איבער אָן אַ שעור קלייניגקייטען. קעמפען איבער קלייניגקייטען הייסט זיך מאַכען לעכערליך און זיך פערוואַנדלען אין אַ פאָליטיק־טרייבער. ניין. עס לוינט זיך נישט. העברעאיש, ווי אַלע איידעלע ענינים, קאָן זיך נישט שטיצען אויף וואַהל־מאָדוסען און הענד־הויבעניש. פאַר מענשען פון קונסט איז גלאַט נישט אָנשטענדיג צו טרייבען פּאָליטיק, פיהרען דיסקוסיעס, איינאָרדנען באָקס־מיטינגען און אויסקעמפען פאַר זיך אַ וואָרט צו דער טאָג־אָרדנונג. זיי

האָבען גאָר קיין צייט נישט פאַר דעם. דערפאַר ווילען זיך שוין זאָרגען פאַרטיי-לייט. אויב שוין יאָ זיך פעראייניגען איז אויף טעטיג צו זיין צו שאַפען אַרום אַן'אָטמאָספערע, וועלכע זאָל זיין גינסטיג פאַר דער העברעאישער קולטור און קונסט. און דאָס איז מעגליך בלויז ביי פאָלקאָמענער זעלבסשטענדיגקייט.

ליידער, האָבען די העברעער אין פוילען — אין רוס-לאַנד יאָ — ביז היינט נאָך נישט בעוויזען אַזאַ טעטיגקייט. עס איז אַ שאָד. דאָס פובליקום הערט די קולות בלויז פון איין צד און ווייסט גאָרנישט פון די אַנדערע קרעפטען, וועלכע ברויזען און רייפען זיך אין דער שטיל.

דערווייל לאָזען זיך הערען די, וועלכע ווילען דאָס.

צו געזונד! און זאָל זיי וואויל בעקומען!

די אַטמאָספערע פון
„שטומען עין".

האבען מיר שוין, הייסט עס, אַ פרישע שפּאָגעל־נייע פראַגע אין אונזער יודיש לעבען: וועגען דער אָרטאָגראַפיע, דאָס הייסט, וועגען דער אויסלעגעכץ פון די אָדער יענע יודישע ווערטער. צי זאָל מען אַ שטייגער שרייבען דאָס וואָרט „לעבען" מיט'ן שטומען עין אָדער אָן אים א. ד. גל.? — די דאָזיגע פראַגע, ווי מען זאָגט, זאָל זיין איינע פון די וויכטיגסטע און אָנגעווייטאָגסטע פראַגען אונזערע, און האָט אַפילו געדינט אַלס איינע פון די הויפּט־מאָטיווען, צוליב וועלכע עס איז צונויפגערופען געוואָרען דער ערשטער יודישער ליטעראַטען־און זשורנאַליסטען צוזאמענפאָר אין וואַרשאָ. אָבער נישט בלויז דאָרט, אויף דעם זשורנאַליסטען־צוזאַמענפאָר, האָט די דאָזיגע פראַגע פערנומען דעם בכבודיגסטען אויבען־אָן. עס איז געוואָרען די פראַגע מיט דער „ה" הידיעה. וואו מען געהט און שטעהט, אומעטום, וואו אַ פּאָר מנינים פון אחינו בני ישראל קומען זיך צונויף אָדער פאָהרען זיך צונויף, מעג זיין צו בעהאַנדלען ענינים, וועלכע זענען גאַנץ ווייט פון אויסלעגעכץ, ווערט באַלד אַריינגעוואָרפען דער אָרטאָגראַפיע־ענין, ווי אַ ברענענדיגער פאַקעל, ווי אַ בריענדיגער לאָזונג און באַלד ווערט די לופט אַרום אייבערפולט מיט פולווער.

קאָן מען דען האָבען עטוואָס דאַגעגען. וואָס די דאָזיגע פֿראַגע ווערט איבערהויפּט אַוועקגעשטעלט? געוויס נישט. דער דראַנג צו אַן׳איינהייטליכען פּרצוף פֿון דעם געשריבענעם יודישען וואָרט איז געוויס אַ גערעכטער, און צווישען אַלע אַנדערע אונזערע אינטערעסען און בעדערפֿענישען קאָנען מיר פֿאַר אים אויך אָבטיילען אַ ביסעל צייט און אָרט. אלא, וואָס דען? מען האָט שוין צופֿיל איבערגעזאַלצען, הימעל און ערד און אויסלעגעכץ! צו וואָס מיר זאָלען זיך נישט נעמען טון, שטעלט זיך אַוועק דער שטומער „עין". ווי אַ ביין אין האַלז, אַזוי אַז פֿאַר די עיקר-זאַכען בלייבט שוין קיין צייט און קיין אָרט נישט.

דערנאָך איז די אויסלעגעכץ-פֿראַגע שוין געוואָרען אַ מין וועלט-אַנשויאונג, אַ טערמאָמעטער אַזאַ, לויט וועלכען עס ווערען געמאָסטען די טעמפּעראַטור פֿון יעדען איינציגען, זיין פֿאָרט-געשריטענקייט, יוגענדליכקייט, פֿעהיגקייט צו קאָנסעקווענטישקייט און טרייגלויביגקייט צו די נייעסטע אידעאַלען. איז מען פֿאַר דעם שטומען „עין", איז דאָס אַ בעווייז, אַז מען איז אַ שוואַרצער קאָנסערוואַטאָר, אַן׳אָבגעשטאָרבענער מענש, אַן׳אָבגעשלאָגענע הושענה און אַ מוטלאָזער בירגער, דאַגעגען אַלץ, וואָס עס איז ניי, יונג און שמעקט מיט פֿרישען בעז, בעקעמפֿט מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון יוגענדליכקייט דעם אָבגעשטאָרבענעם אבר המדולדל, וועלכער רופֿט זיך „שטומער עין". —

מיר זענען בייגעווען טאַקי אַ פֿאַקט, דאָס אויף אַ פֿערזאַמלונג פֿון ליטעראַטען — בלויז ליטעראַטען — וועלכע איז פֿאָרגעקומען פֿאַר דעם צוזאַמענפֿאָר, כדי אויסצוקלויבען דעלעגאַטען, איז להלוטין נישט גערעדט געוואָרען וועגען ליטעראַרישע דאגות. נישט עס זענען אַרומגערעדט געוואָרען קיין פּראָפֿעסיאָנעלע ענינים, נאָר עס זענען גלייך בעשאַפֿען געוואָרען די גרופּירונגען לויט דער אָרטאָגראַפֿיע. גלייך ווי די ליטעראַטען, טאַקי די, וועלכע שאַפֿען ליטעראַטור, האָבען שוין גאָר קיין אַנדערע זאָרגען נישט, און גלייך ווי יודישע קינסטלער פֿערמאָגען אַרום זיך אַפֿילו אַ ביסעל פֿרישע לופֿט צום אָטעמען און שאַפֿען.

עס איז אַפֿילו נישט פֿערשטענדליך. וואָס געהער זיך אָן די פֿראַגע פֿון אָרטאָגראַפֿיע, וועלכע איז דאָך אַ צווייג פֿון פֿילאָלאָגישער וויסענשאַפֿט, צו פּעדאַגאָגען, ליטעראַטען און מכּל־שכּן צו פּאַרטיי־לייט? — דער פֿאָלקס־לערער האָט דאָך בלויז די אויפֿגאַבע צו ערציִען. ד. ה. איינצופֿלאַנצן אין דעם קינד דאָס, וואָס עס איז שוין אָנגענומען און אָנערקענט געוואָרען פֿון די פֿריִערדיגע דורות און אויסצולערנען אים די שוין אַלעמען בעוואוסטע כּללים, דער ליטעראַט קאָן דאָך זאָגען. איך בין אין דער דאָזיגער פֿראַגע אַ זינדיגער מענש. איך פֿערשטיי אין איר גאָרנישט און זי אינטערעסירט מיך נישט. נאָט אייך דאָס וואָרט און לעגט דאָס אויס ווי אַזוי איהר ווילט, אַבי עס זאָל אַרויסקומען געזאָגט, וואָס איך האָב געוואָלט. מכּל־שכּן, אַז די פּאַרטיי־מענשען האָבען געוויס דערבײַ נישט צו זאָגען און נישט זיי זענען בערופֿען צו ענטשיידען די דאָזיגע פֿראַגע, וועלכע וואַרט אויף אירע פֿאָרשער און פֿאַך־מענשען. און דאָך איז דאָס געוואָרען אַ ברייט און גאַנגבאַר דיסקוסיאָנס־אַרטיקעל און אַנ׳ענין פֿון הענד־אויפֿהויבעניש. היינט טעמפּעראַמענט! וויפֿיל טעמפּעראַמענט ווערט אין דער אָרטאָגראַפֿיע־פֿראַגע אַרייַנגעלעגט סײַ דורך די רעדנער און סײַ דורך דער אודיטאָריע. שטעהט אויף דעם סדר היום די אָרטאָגראַפֿיע, אַזוי ווערט דער זאַל איבערפֿולט, אַלע פּלעצער בעזעצט. אַלע בלוטען לויפֿען אַריין אין די פּנימער. עס צינדט זיך אָן אַ העליש פֿייער, עס ווערט אַ קאָכעניש, אין זאַל איז לעבעדיג, אַלע ליידענשאַפֿטען ווערען אויפֿגעבראַזט און פֿון הענד ווערען פֿויסטען.

ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשעהן, אַז דערוואַקסענע מענשען מיט אינטערעסען און זאָרגען זאָלען אַוועקלאָזען אַלץ און זיך אַריינלאָזען אין אַנ׳אותיות־קאַמף דערבײַ אַריינלעגען דערין דעם גאַנצען ברען פֿון זייער נשמה? און ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט דערלאָזט ווערען, אַז אַ שטומער עין זאָל זיך אַוועקלעגען אויף דער וואג־שאַל פֿון אַ מענשענס גורל און בעשטי־

מען זיין פּיזאָנאָמיע, דעם קאָליר פֿון זיין פּאָן און די קראַמפּס פֿון זיין בעגאַבונג? ווי אַזוי איז בכלל דער דאָזיגער נישט וויכטיגער ענין אַרויסגערוקט געוואָרען ביז צו לעכערליכקייט אין דעם פֿאָדערגרונד, אין דער צייט, ווען אַלעס איבעריגע איז נאָך דערווייל נישט בעזאָרגט געוואָרען, ווען עס איז בכלל נאָך גאָרנישט בעזאָרגט געוואָרען? — מיר דוכט, אַז איך ווייס, ווי אַזוי. וואָרום איך דערקען דיך, יוד, נייער יוד, נייעסטער יוד, גאָר-גאָר נייעסטער יוד. דאָס ביזטו דאָך דער איינקעל פֿון יענע, וועלכע האָבען זיך געלאָזט ביז אין בלוט אַריין צוליב אַ דגש חזק, און ווי דו זאָלסט זיך ניט פֿערמאַסקירען, נייער מענש, זעט מען בחוש, אַז אין דיר האָט זיך דערוועקט דער אוראַלטער יוד, וועלכער בעצייט זיך צום אות נישט, ווי אַ יעדער אַנדער מענש, נאָר צו אַנ׳איבערמענשליכען און איראַציאָנעלען געגענשטאַנד. ביי יודען איז דער מענש, גאָרנישט, דער בוכשטאַב — אַלץ. דאָס וואָרט איז נישט קיין צייכען, וועלכער דינט אַלס אַ מיטעל אויסצודריקען לויט אים געדאַנק און געפֿילען, נאָר עטוואָס פֿיל וויכטיגערס און העכערס, צוליב וועלכען עס לוינט זיך צו שטרייטען מיט אַלע וועלט-כחות, און צוליב אַנ׳אות איז כּדאי אַז די גאַנצע וועלט זאָל חרוב ווערען.

און נאָך: דאָס איז דער שטן, וועלכער האָט זיך אַריינגעלעגט צווישען יוד און יוד, מענש און מענש, דאָס זאָרגט ער דערפֿאַר, אַז עס זאָל ביי אונז אייביג שטעהן אַ בהלה, אַ צונגען-קאַמף, אַ ווערטער-באָקס, און אַז מיר זאָלען זיין לעכערליך און קליין. דעריבער רוקט ער אונז אַלעמאָל אונטער קליינליכקייטען. וואָס קנאַפּער דער געגענשטאַנד, אַלץ העלישער דאָס מחלוקת-פֿייער. איין יוד קאָן שוין נישט אָנקוקען דעם צווייטענס פּנים, נישט ער וויל דאָס אָנקוקען. די שפּיץ-נעגעל בודק׳ט מען איינער דעם צווייטען, נאָר דעם מענש האָט מען ביי אונז פֿערזעהן, דעם מענש האָט מען פֿערשריען, מען אַכטעט נישט איינער דעם צווייטען און נישט מען הערט אויס איינער דעם צווייטען, איז רעכט אַ דגש, אַ בוכשטאַב, אַ נאָדעלפּאָדעם, אַבי מען זאָל זיך אַרומרייסען און אַביסעל אויסלע-

דיגען דאָס פּולע מויל שפּייעכץ אויף אַ צווייטענס פּנים. עס איז שוין כמעט נישטאָ קיין צוויי יודען, וועלכע זאָלען זיין אימשטאַנד זיך צוזאַמענצוריידען, מכל שכן צו אַכטען איינער דעם צווייטען אָדער ליב האָבען, איין יוד זיצט צום צווייטען מיט די פּלייצעס, ווי די כינעזער. עס האָט אַלעמען אָנגעכאַפּט אַנ׳אונגעהויערער האַס, ווי אין אַ צוזאַמענער שטוב, אין וועלכער אַלץ געהט מיט די פוטער אַראָפּ און די בני־בית קלאַמערן זיך אַריין איינער דעם צווייטען אין די האָר און געזיכטער. מען כאַפּט זיך אָן אין קלייניגקייטען. גראָד אין קלייניגקייטען. איבער דעם זיך אַרומצורייסען איז פיל געשמאַקער, ווילט איר, הייסט עס, אמת׳ער דעקאַדענס, ענטאַרטונג. אין דעם עיקר פילט מען קיין טעם ניט, דאַגעגען זויגט מען די פינגער, נאָר דער בוכשטאַב און דער דגש איז נאָך, קענטיג פערבליבען ביי אונז, וועלכע פערבינדען נאָך איין יוד מיט דעם צווייטען און צוליב וואָס אַ יוד צינדט זיך נאָך אָן און ברענגט אויס אַ ביסעל ליידענשאַפטען.

עס איז שווער צו לעבען אין אַן אַטמאָספערע, אין וועלכער עס געוועלטיגט דער שטומער עין.

דאָס מחלוקת לשם קונסט.

אויף די עמודים פון צייטונגען — אפילו פון פּראָווינציעלע — און אויף פערזאַמלונגען, האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט דאָס היילִיגע מחלוקת צווישען די אָנהענגער און פערטיידיגער פון דער אַזוי גערופענער אונזער אַלטער דיכטונג און צווישען די כהנים גדולים, די אָנזאָגער פון די נייע, אָנקומענדע און שוין געקומענע פאָרמען פון קונסט. אויף איין פערזאַמלונג איז דאָס דאָזיגע מחלוקת געווען ממש אַ בלוטיגס. און עס האַלט שוין אַזוי ווייט, אַז אפילו אויף פערזאַמלונגען פון פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען און זאָגאַר ביי אונזערע „צעירים" פון „ציון", וועלכע האָבען שוין, קענטיג, נישט קיין אַנדער אַרבייט, ווערען געפיהרט דיסקוסיעס איבער דעם, ווער פוןביידע צדדים איז גערעכט. אָנגעהויבען האָט זיך דאָס, אמת, פון אַ קריטיש אַרטיקעל וועלכעס איז געווען געווענדעט געגען איין ביכעל פון אַ מאָנאַט-שריפט און געגען איינִיגע ווערק פון אַ פּאָר דיכטער, נאָר פלוצלונג האָט דער גאַנצער ענין בעקומען אַן אַנדער ווענדונג און עס איז בעשאַפען געוואָרען אַ שטרייט-פראַגע צווישען אַלט און ניי. מילא ווי אַזוי אַזעלכע זאַכען געשעהען קאָן מען פערשטעהן. עס טרעפט אָפטמאָל, אַז ווען עס איז אפילו נישטאָ קיין געגנער, בעשאַפט מען איהם קינסטליך און מען טראַכט איהם אויס פונקט ווי קליינע קינדער שאַפען אַ גולם, כדי איהם צו בעקעמפען און גבורים צו זיין, און ווי אַ מלוכה טראַכט אַמאָל אויס אַ פערשווערונג, כדי ביי דעם עולם צו וועקען

פּאַטריאָטיזם. איין זאַך איז אָבער יאָ קלאָר, אַז סוף כּל סוף זענען די דאָזיגע אַלע קעמפער, וועלכע האָבן זיך אויסגע־שטעלט אין די רייען, לחלוטין נישט אויסן די קונסט. עס גלייבט זיך נישט, אַז די דאָזיגע אַלע אונזערע מענטשן געהט ממש אין לעבן אַריין דער גורל פון דער צוקונפטיגער דיכטונג און זאָגט אייך אַ ייִד, אַז ער איז אימשטאַנד זיך אָנצוצינדן צוליעב בלויזער קונסט, מעגט איהר איהם אַביסעל חושד זיין. וואָלט זיך דאָ געהאַנדעלט וועגן בלויזער פּאָעזיע וואָלטען, מיין איך, די געמיטער געווען אַ סך גלאַטער. עס מוז דערום זיין דערביי אַן׳אַנדער אורזאַך, אַ סאָציאַלער, אַזוי צו זאָ־גן. שטורעמט איינער די אַלטע ווערק פון דיכטער און קינסט־לער, מיינט ער אפנים דערביי צו טרעפן דעם קליינבירגער מיט זיין גאַנצער וועלט־אָרדנונג און פּאַטשט מען „בראַוואָ" די נייע זינגער, אין דער מיין צו בעגריסן דערמיט די נייע און גליקליכע צוקונפטיגע מענטשהייט. ווי באַלד אַזוי, מוז די דאָזיגע פראַגע וויִרקליך אַריבערגעהן צו די פּאַסענדע אָרגאַנען און די פראָפעסיאָנעלע פעראיינען וועלען זי שוין מסתּמא ענטשיידען, ווי געהעריג איז.

אין דעם דאָזיגן גאַנצן טאַראַראַם־ענין זענען אָבער פאַרהאַן אַ פּאָר מאָמענטן, אויף וועלכע עס לוינט זיך יאָ, ווי מיר דוכט, אָבצושטעלן זיך.

ערשטענס, קומט עפּיס גראָד אויס אַזוי, אַז אין צענטר פון דעם נייעם, אַרום וועלכן עס קומט פאָר דער הייליגער קאַמף, ווערן גראָד אַרויסגעשטעלט די נישט־וויכטיגסטע פון די יונגע קינסטלער, די מינדערווערטיגע, אָט די, וועלכע מעהר ווי זיי זינגען פערבלענדן זיי די אויגן מיט שטיקענדע גאַזן פון מכלומר׳שט טיפע ווערטער און פערטומלען די מחות מיט אַ פוסטן אַליאַרם, צווייטענס, פאַרוואָס מיינען מענשן, אַז ווער עס דערלאַנגט אַ שטאָך דעם אויבערשטן שיכט פון שמאַלץ, מיט וועלכע עס איז בעוואַקסן דער קליינבירגער, דער לאָזט דאָס בלוט פון דער אמת׳ער דיכטונג, וועלכע ווייסט אפשר נישט פון קיין שיכט, פון קיין צייט און פון קיין געזעלשאַפטליכע

אָרדנונג? דריטענס, ווי אַזוי האָט זיך איינגעגעבען אויפצוהויבען אַזאַ שטויב, אַז עס זאָל אַריינשלעפען אויך מענשען, וועלכע מיינען ערנסט מיט דער קונסט? —

איך וועל מיך פּרובען ענטפערן על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

ווי אַזוי קומען די דאָזיזע אין צענטר? דורך אַ קלאַפּ אָן טיש און אַ הויכען געשריי. אָט אַזוי לערנט אונז די געשיכטע פון קונסט אין אַלע צייטען: אַממייסטענס זענען די שרייערס אויבען-אָן. אַן׳אמת׳ער דיכטער קומט שטענדיג פאַר דער צייט, אָדער נאָך דער צייט, אָבער קיינמאָל נישט מיט דער צייט. ער בעזינגט דאָס הערליכע, וואָס איז שוין פערשוואונדען, אָדער דאָס, וואָס עס דאַרף אָנקומען אין דער פערהוילענער ווייטער, גאָר ווייטער צוקונפט. ער מוז יעדעס מאָל קומען מיט נייע עמפּפינדונגען און אַהנונגען, וועלכע זענען נישט פערשטענדליך פאַר זיינע מיטבירגער און צייט-גענאָסען. אלא נישט, איז ער אַ מיטלויפער פון זיין צייט אָדער אַן׳אַגענט פון אַ מאָדנער בעוועגונג. ווי די פריהסטע-פויגעל, וועלכע זינגען אין די פראָסטיגע פריהמאָרגענס און האַפּענדיג אַ ציטער זאָגען זיי אָן די בשורה פון דעם פריהלינג. אַזוי מוז אַ דיכטער לעבען אין אַן׳אַרומיגער קעלט און זיינע ביינער מוז אַדורכנעהמען דער פראָסט פון אונאַנערקענונג. איז אַ דיכטער אָנערקענט ביים לעבען איז ער אויף ניינציג פּראָצענט פון הונדערט אַ פערשטעלטער דיכטער און אַן׳אָנגעשטעלטער שיקכלי-זמר ביי זיין דור. אמת׳ע זינגער זענען אונבעדינגט אונפערשטענדליך, עלענד, האָבען נישט קיין קאָלעגען, בעווייזען זיך נישט מאַסענווייז ווי די שאָף, קומען נישט מיט קיין געשריי, הענגען נישט אויס קיין פלאַקאַטען. אַז דאָס זענען געקומען מיר די יונגע און די נייע, בעהאַלטען זיך נישט אויס פחדנות אונטער קיין שילדען און ריכטונגען, נאָר זיי קומען עלענד, אַליינינע, איך בין איך. נישט אַלט און נישט ניי, איך בין די אייביגקייט, אין רעד פון ששת ימי בראשית ביז סוף כל הדורות. איך געהער נישט צו קיינעם און בעדאַרף נישט

קיינעם. איינזאַם. אויף דעם פרייען פעלד, נעהמט אַנ׳אמת׳ער דיכטער אויף דעם קאַמף, נישט ער בעהאַלט זיך אונטער די פלייצעס פון וועמען-נישט-איז, און שטאַלץ אויפהויבען דאַרף זיין זיין קאָפ, וועלכען ער טאָר נישט בויגען אפילו פאַר זיין מאַיעסטעט די ברייטע אַרבייטער-מאַסען. אַ פחדן איז דער, וועך עס פער־רופט זיך אויף אַ גרופע אָדער אויף אַ ריכטונג און האָט נישט די העזה צו שטעהן איינער געגען אַלע. אַלע פחדנים און שרייערס זענען שטענדיג פון אויבן-אָן, ווייל זיי האָבען קיין צייט נישט און קיין מוט צו ליגען טיף בעגראָבען אונטער שניי און זיך אויסוואַרימען אין פראָסט. דאַגעגען מוז די קריטיק שטענדיג זיין אונגערעכט לגבי דעם אמת׳ן דיכטער, וואָרום זיי איז דער ריח פון דעם מענש, פונקט ווי אַ הדס, ערשט נאָכ־דעם, ווי ער ווערט צוריבען, און עהרליכע גייסטער רעדען שטאַרקער פון קבר אַרויס, ווי פון זייערע גופים לעבעדיגערהייד.

און אָט אַזוי זעהען מיר, אַז אפילו די, וועלכע מיינען אַנ׳אמת מיט דער קונסט, פאַלען אָפט אַריין אין פערבלענדע־נישען און אין מיאוסע טעות׳ן, זיי ווייסען נישט, אַז אמת׳ע קונסט איז אויסער צייט און סאָציאַלער אָרדנונג. זי שטרעבט דאָך אַרויסצוגעפינען פון דעם מענש דאָס, וואָס איז אין איהם אייביג און אונשטערבליך, זי וויל דערוויזען, אַז דעם מענשענס נשמה איז שטענדיג איין און דיזעלבע, צי ער איז אַ פאַסטוך, צי אַ קעניג, צי ער האַקט אַ שטיין.

עס איז אַנ׳אלף-בית-עם-הארצות-קונסט און ריכטונג צו פערקניפען מיט פאַראיבערגעהענדע ערשיינונגען און פאָרמען. עס איז פאַרהאַן אַ קונסט אַזאַ, וועלכע איז אַ שפּיגעל. וואַסער איז זי. וואַסער איז אַ שפּיגעל. וואַסערדיג זענען די דאָזיגע שפּיגעלדיגע קינסטלער. קליינינקע, מלאכים׳לעך אַזעלכע, וועלכע ווערען געבוירען אויף איין טאָג, זאָגען-אָב זייער זמר׳ל און מאַכען באַלד פּיס. אויף מאָרגען איז שוין נישטאָ זייער געביין, דערפאַר לעבען זיי איין טאָג, אַבער אַ גוטען. שוימען, רעש׳ן, פילדערן. זיי זענען פון אויבען, ווען די אמת׳ע דיכטער מוזען זיין ל״וו־ניקעס. וועלכע מען האַפּט נישט אויף דעם ביכער-מאַרק,

דער זיסער קריטיקער קושט זי נישט מיט זיינע ליפּעלעך און דער שאַרף־נאָזיגער פּערלעגער טאָרקעט זיי נישט: שרייב ברוּדער׳ל, שרייב! און אַ רעש מאַכען זיי און קלינגען מיט די שפּאָרען. עס איז אַ גאַנג אַזאַ. רווישיגע טריט, און דערביי וואַרפט מען אום בענק און טישען, כדי מען זאָל זאָגען, אַז זיי זענען גרויס, ווי אַלעקסאַנדער פון מוקדון. אַ שאָד, וואָס מיר האָבען קורצע זכרונ׳ס און מיר פערגעסען, וויפיל אַזעלכע שטרויענע מלאכים האָבען מיר געזאַלבט פאַר אונזער קורצע ביסעל יאָרען, ווי לאַנג אונזער ליטעראַטור איז אַלט, און וויפיל אַזעלכע קאָרטען־קעניגס האָבען מיר פאַר דער דאָזיגער צייט אַוועקגעזעצט אויף דעם כסא השירה און צומאָרגענס זיי באַלד אַראָבגעשלידערט.

אין אַזאַ פוסטען טומעל האָבען מיר געלעבט די גאַנצע יוגענד־יאָרען פון אונזער ליטעראַטור, נאָר אָנשטאָט דערפון עפּיס אָעצוּלערנען, גייט מען מאַכען אַ נייעם גערודער. מיר האָבען נאָך נישט בעוויזען צו רעווידירען דאָס אַלטע און אוועקוואַרפען דעם שוים און אויסטיילען דאָס, וואָס עס האָט ווירקליך אין זיך אַ וואָג און אמת, איז שוין ווידער געוואָרען אַן׳אָנגעלויף און אַ פערבלענדניש. דאָס אַרבייט מיט דער אמת׳ער טאַצען־פויקער, פון רעכטס און פון לינקס דער זיידענער יונגער־מאַנטשיק, דאָס קעסט־קינד פון דעם גייסט, אויף פּראָסט־לשון הייסט דאָס דער געערטער קריטיקער, אָט־אָ דער, וועמען עס איז שטענדיג קאַלט, וואָרום ער האָט גאָרנישט ביי דער נשמה, און ער מוז גריזשען די ביינער פון דעם קינסטלער. נאָגט ער אַזוי לאַנג ביינער ביז ער הויבט אָן קלאַפּען דעם דיכטער אין דער פּלייצע און אים דעות זאָגען. מיר זענען נאָך נישט פּטור געוואָרען דעם פון רעכטס, דער פּאַראַזיט נומר איינס, איז שוין אָנגעקומען דער זיידענער יונגערמאַנטשיק פון לינקס, דאָס קעסט־קינד ביי דעם פּראָלעטאַריאַט. היט אייך דיכטער און קינסטלער: דער וואוילער יונג גייט! — ער זיצט אויף קעסט ביי דער צוקונפטיגער מענשהייט און ווייל ער איז ביי איר אַן׳אָנגעשטעלטער, גייט ער אונז איינרעדען, אַז מיר זענען נישט

געבוירען געוואָרען, אַז עס איז פאַראַן אַ דיכטונג וועלכע הייסט פּראָלעטאַרישע. עס איז פאַראַן אַ פּראָלעטאַרישער הימעל און פּראָלעטאַרישע ערד און אַ נשמה אַ פּראָלעטאַרישע און אַז אַלץ, וואָס איז געשאַפען געוואָרען ביז אַהער, איז גאָרנישט מיט נישט. דעריבער ברודער, איידאַ, מאַכט אַ ליאַרם, מיר באַרשירען. אַלץ, וואָס איז געווען, איז מקוה־וואַסער, דאַגעגען מיר... מיר... יאָ, איר העלדישע, זענט אויך מקוה־וואַסער, פון אַ רויטער מקוה־וואַסער, זענט איר, און געקומען אָנצינדען אַ ברודער־קריג צווישען דער ענגער משפחה פון קינסטלער, וועלכע איז פעראייניגט צווישען זיך אין אַלע צייטען און דורות; וואָרום אַלערליי דיכטונגען און אַרטען פון קונסט און פּאָעזיע שטרעקען זיך אויס פריינדליכע הענד, וואָרום קיינעם גייט נישט אָן וואוהין יענער רופט, דער עיקר איז דאָך ווי אַזוי קלינגט די שטים, און צי דרייסט איז זיין רוף און צי הויך איז זיין קאָפּ און צי בלוטיגט אין אים דאָס האַרץ און צי איז ער נאָענט צו די זינדיגע קוועלען.

היט אייך יודישע קינסטלער און דיכטער: דער וואוילער יונג גייט!

איך מוז דעריבער אונטערשטרייכען, אַז די דאָזיגע קינסט־ליכע איינטיילונג אויף יונג און אַלט איז געמאַכט געוואָרען דורך מענשען זייטיגע מיט מטומטומדיגע מחות און כוונות אויך זייטיגע.

קונסט־מעקלערס, לאָזט צו־רו דעם קינסטלער. ער איז אַ פייער, וואָס אַקערט און זייט. ער איז אַן אַרבייטער, וואָס שאַפט די גיטער פון רוי־שטאָף, און איר קומט און מאָנט דעם מער־ווערט. איר זענט די מעקלערס. איך בעטען פאַל די מילען, וואָס צומאָלען דעם ווייץ.

ווינט־און וואַסער־מילען, שטילער אַביסעל! פערקלאַפּט נישט מיט אייער אַליאַרם די מחות.

דער קראַנקער צענטער.

סאַמע אין צענטער פון אונזער גייסטיג לעבען, פונקט אויף דעם אָרט, וואו עס בעדאַרף צו קלאַפּען אַ צאַפּעלדיג האַרץ און פון וואַנען עס זאָל אַלע מאָל אָנקומען דער צופלוס פון פרישע כחות, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ טיפע וואונד, וועלכע איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שווערע סוכאָטע-קרענק. אונזער גייסטיגער צענטער איז געפערליך קראַנק אויף טובערקולאָז.

מען קאָן נישט זאָגען, אַז עס האָט זיך אָבגעשטעלט ביי אונז דער שאַפונג-פּראָצעס, פערקערט, געשאַפען ווערט גראָד פיל, פיליייכט מער, ווי אין דער פריערדיגער תקופה. עס פעלען, חלילה, נישט אויס ביי אונז קיין טאַלענטען. אדרבא, עס איז ממש אַ געדרענגעניש אין דעם מין. שוין אַ צו גרויס געדרענגעניש. אַצינד שרייבען כמעט אַלע גוטע לידער און נישט קיין שלעכטע נאָוועלען. אָבער אין דעם בעשטעהט טאַקי אונזער קרענק, וואָס מיר פערמאָגען אַזאַ שפע פון טאַלענטען. בלויז טאַלענטען. טאַלענט ווערט ביי אונז בעצייכענט ווי עטוואָס זעלבסטשטענדיגעס, אַלס אַ זאַך אַן און פאַר זיך, וואָס פליסט נישט אַרויס פון אַ גאַנצען שטייגער לעבען, דענקען און האַנדלען, נאָר, ווי אַ העכערער געשאַנק. דער קינסטלער קוקט אויף זיך, און אַזוי קוקען אויף אים די אַרומיגע; ווי אויף איינעם, וועלכער פערמאָגט אַ כשוף-שליסעלע צו דעם אוצר פון די מוזעס, און מיט וועלכען עס איז געשעהן אַ נס. דערום טראָגט ער אַרום זיין דיכטונג, אַוועקגעלעגט אין אַ בעזונדער קניפּיקעל אָדער ער

האַלט זי איינגעפּאַסט אינווייניג, ווי אַ קאַלעכדיג איי, וואָס ער לעגט פּלוצלונג פֿון דער העלער הויט. אָט איז פֿאַר אונז דוכט זיך, אַ מענש סתם, און פּלוצלונג האָט ער געטון אַ פֿליה איבער אונזער קונסט־סאַלאָן ווי אַ הוהן און אַראָבגעוואָרפֿען דאָס בענדעל לידער אָדער נאָוועלען.

און אָט דאָ שטעקט דער אַבסורד. טאַלענט אַלס אַ זאַך בלויז פֿאַר זיך איז אַ אומגעזונדע ערשיינונג. טאַלענט הויבט זיך אָן דאָרט, וואו עס הויבט אָן צו פֿוילען. נישט דער עפּעל איז טאַלענטפול, נאָר דער וואָרים, וואָס אין דעם עפּעל. ווען אַ מענש לעבט און זידט, ווען ער האָט ווערמען ליב אָדער פֿיינד, ווען ער קעמפּט בלוטיג אָדער דאָס האַרץ שאַלט אין אים פֿון פֿרייד, דאַן האָט ער קיין צייט נישט צו זיין טאַלענטפול. נישט ווען אַ מענש איז יונג זאָגט ער שירה, נאָר ווען עס יאָגט אים אָן די עלטער און עס בעפֿאַלט אים אַ שרעק, אַז באַך אַ ביסעל איז אַלץ פֿאַרביי. טאַלענט איז אַ זאַך, וועלכע מען מוז פֿאַרצייען דעם יחיד, אָבער נישט בויען אויף דעם די גאַנצע עקזיסטענץ פֿון אַ פֿאָלק און אַ קולטור. פּאָעזיע און קונסט אַלס אויפֿשטורמענדע נאַאיווע קראַפֿט און וועה־געשריי פֿון אַ מענשען, וועלכער האָט זיין נשמה געוואָלט אויסשפּייען אין פֿאָלק אַריין, וועלכער האָט געלעכצט צו בעהעפֿטען זיך צו גייסטיגע אוצרות פֿון אַ דורות־קולטור, וועלכער האָט געגאַרט צו זיין מיט אַלע ברידער גלייך, נאָר האָט נישט געקאָנט, וואָרום ער איז איבערגעוואַלד אַנדערש און אָט פֿון דעם נישט קענען ווערט קונסט געשאַפֿען. די דאָזיגע פּאָעזיע און קונסט האָבען אַ ווערט, ווייל אונטער זיי שטייס אַ קעמפֿענדע און רעליגיעזע פּערזענליכקייט, וועלכע האָט געזינגען ווי די פֿערמשפּטע שעכערעזאַדע האָט דערציילט מעשיות, כדי צו דערהאַלטען דאָס לעבען; פֿאַר אַ בענדעל דיכטונג דאַרף מען אַוועקגעבען אַ לעבען; אָבער פּאָעזיע און קונסט לשם וואוילטאָג, אָן אַ טראָפּען נאַאיוויטעט בלויז דערפֿאַר, ווייל מען קאָן אָנשרייבען אַ שען ליד אָדער אַ שען בילד, מעגען זיי זיין ווי שען, זענען זיי נישט מער ווי אַ שפּילכעל, וואָרום עס איז פּשוט קענטיג דער ווילען

עפּעס צו צייכענען אָדער דערציילען. ווען מען שרייט פֿון ווייטאָג און עס קומט אַרויס אַ געזאַנג דאַן ווערט געשאַפֿען אַ קולטור, אָבער ווען איינער זינגט, ווייל ער איז אַ דיכטער פֿון בערוף, קומט דער טאַלענט אַרויס אַזוי בולט, ווי אַ האָרב, און מען דאַרף זיך מיט אים שעמען ווי מיט אַן׳איבערפֿלוס פֿון אויסערליכען טעמפּעראַמענט.

און אויב איר ווילט קאָן מען גאָר לייקענען אין דעם גאַנצען ענין פֿון טאַלענט. כדי אָבצומאָלען אַ שען בילד אָדער אָנשרייבען אַ גוט ליד, בעדאַרף מען גאָר נישט צו האָבען אין זיך גאָטס אַ פֿונק. עס איז אַן׳אומנות אַזאַ. אַ שטיקעל אויג, מיט אַ ביסעל געהער, אַ טראָפּען פֿערשטענדניש פֿאַר מישעכץ פֿון פֿאַרבען, וויסען דעם בוי פֿון אַ זאַץ, אַ קליינע קונץ!

נעמט, למשל, אָט דעם געביט פֿון פּאָעזיע. דערמאָנט זיך נור, וויפֿיל צענדליגער טויזענדער גוטע לידער עס וואַלגערן זיך אַרום אין דער וועלט־ליטעראַטור. אַ מלאכה אַ גרויסע פֿון די אַלע לידער אויסקאָמבינירען נאָר איין בענדעל פֿון נישקשה׳דיגע געדיכטען. בלויז פֿון יעדען דייטשען דיכטער אַ האָר פֿון דער וואָנסע און מען האָט אַן׳אייגענע פּאָר וואָנסען. די מאָדערנע שפּראַך דיכטעט דאָך שוין פֿאַר זיך. אַזאַ איבערפֿלוס פֿון ווערטער און ניואַנסען. מען דאַרף נאָר נישט זיין קיין גאָר גרויסע קאַליקע, וויסען, וואו עס געפֿינט זיך דאָס גוטע ליד, בעזיצען שפּראַך־מיטלען, אַ געוויסע איבונג. און עס איז גאַנץ לייכט אָנשרייבען אַ בענדעל לידער, אַפֿילו גוטע, און דאָך נישט זיין קיין דיכטער. און פֿערשטייט זיך, דערביי שם׳ך, אַז מען איז טאַלענטפֿול.

יאָ, טאַלענטפֿול — דאָס איז שוין פּשוט אַ בעליידיגונג.

און אָט מיט אונז איז טאַקי געשען דער דאָזיגער פֿאַל: דער מענש מיט טאַלענט שטייט אין צענטער. עס שוויבעלט און גריבעלט מיט באָוועלען־זאַמלונגען און לידער־בענדער. און אַלע שרייבען שען. און אַלע שרייבען פֿיין.

אָבגעריסען האָט מען זיך פֿון דורות מיט גייסטער און אויב איר ווילט אַפֿילו פֿון דעם לעבעדיגען לעבען. מען האָט

אָנגעהויבן פֿלומרשט אַליין פֿון דאָס ניי. אָבער נישט אַ קולטור ווערט געשאַפֿן, נאָר ביכער, ביכער, לידער־זאַמלונגען, אָבער נישט קיין דיכטער האָבן מיר. שמות־בלעטלעך, אָבער ניט קיין קולטור־ווערטן. נישט בוימער זעגען אונזערע דיכטער, וואָס זויגן פֿון טיפֿע וואָרצלען, נאָר חנ'עוודיגע בלומען־טעפּ, חנ'דעלעך, טאַלענטפֿולע כלי־זמר, נישט קיין פּערזענליכקייטן און נישט אויף אַ האָר נאַאיוו. קולטור? וואָס מיר קולטור? וואָס קערט מען זיך אָן מיט אַ נעכטן און וואָס מיט אַ מאָרגן? און אַפֿילו דער היינט איז אַזאַ שמאָלינקער, אַ איכיגער. נישט איך בעדאַרף דאָס פֿאָלק און נישט דאָס פֿאָלק בעדאַרפֿט מיך. און נישט אַ בוך איז דאָס דם התמצית פֿון אַ גאַנץ מענשליך לעבען. פֿון פּיין, פֿון אַ קאַמף פֿאַר אַ דור, אָדער געגען אַ דור, פֿאַר אַ שטאַם, אָדער געגען, ווי עס איז געווען דאָס ספר, אָדער דאָס בוך פֿון דעם קלאַסיגער, נאָר עס איז טאַלענטפֿול, דאָס בוך איז זיך בעזונדער און דער מענש איז זיך בעזונדער.

גיי־זשע ווייס, וואָס פֿאַר אַ ווערט קען האָבן אַזאַ בוך און וואָס פֿאַר אַ דויער, מ'שטייגס געזאָגט, עס איז דאָך בלויז איבערזעצונגען פֿון פֿרעמדע קולטורען, נישט קיין אייגענע ווערט געשאַפֿען, נישט מער, האָט יענער געזאָגט גד גדוד יגודנו, זאָגט מען ביי אונז יגודנו גדוד גד און מען איז אַ נאַציאָנאַלער דיכטער. דיכטער? — ווער? וואָס? אַ דיכטער איז דער, וועלכער ווערט אויפֿגעפֿרעסען אַלע זיינע יאָר פֿון אַנ'אידעע־פֿיקס, פֿאַר וועלכע ער גייט ביז אין בלוט אַריין, און דאָ גאָר לידער־שרייבער, און שוין דאָס וואָרט „אידעע” אַליין איז שוין צו שאַנד און צו שפּאָט. נאָר מען וויגט זיך ווי אַ שפּיעל אויף דעם אויבערפֿלאַך פֿון דעם זילבערנעם פֿאַס, אַי אַהין, אַי אַהער. מען מאַכט מאָלערישע זיגזאַגען, ווי אַנ'אָבגעריסען בלאַט אויף דעם ווינד, — מען איז טאַלענטפֿול.

אמת, אמת, אַפֿילו די דאָזיגע קרענקליכע ערשיינונג איז נישט בלויז אונזעריגע, נאָר אַנ'איבערגעזעצטע פֿון אַנדערע, ביי אַנדערע שטייט אָבער אויף דעם פֿעלד אַ פֿויער און אַרבייט, ביי אַנדערע בליען אָבער נאָך צווייגען פֿון קולטור, און אַפֿילו

אויף דעם געבִיט פֿון קונסט האָט מען נִישט אִיבערגערִיסען אַלע בריקען, וואָס פִירען צו דעם עבר, אָבער ביי אונז האָבען זִיך דאָך אַלע אָנגעזעצט אויף דעם לִיד און דער נאָוועלע. טראַדִיציע אִיז דאָך דִי גרעסטע שאַנד. אָבער מען אִיז טאַלענטפֿול!

און קוקענדִיג אַזוי, ווערען פֿערשטענדלִיך אַ סך זאַכען, דערהויפט ווערט קלאָר דער פּרצוף פֿון דער אייגענאַרטִיגער און קוריאָזער סביבה, אִין וועלכער עס בלאָנקען זִיך אַרום לבנה־מענשען, וועלכע דִיכטען און שפִּילען שטענדִיג, אפִילו אִין לעבען, ווי שלעכטע און פּראָווִינציעלע אַרטִיסטען. מענשען אָן אַ נעכטען און ממילא אָן אַ מאָרגען. מען גלויבט נִישט אִין זִיך, נאָר מען אִיבערגלויבט אִין זִיך, מען קוקט נישט אויף זִיך, ווִי אויף אַ מענש, וועלכער בעדאַרף גיין אִין שפּאַן מִיט אַלע מִיטמענשען, נאָר ווִי אויף אַן׳אִינסטרומענט, וועלכער אִיז בעשאַפֿען אויסצוזִינגען מעלאָדיען, דִיכטעט מען שטענדִיג, אַפִילו ווען מען רעדט מִיט אַ לעבעדִיגען מענש. אִיך בִין אַ שרייבער און אַלץ גייט מִיך אָן ווי דער פֿאַר־אַ־יאָרִיגער שניי. מִיט אַלעמען אַ כפּרה. „ליטעראַט“, — דאָס אִיז שוין אַ ספּעציעלע כת אַזעלכע. אִיז מען שרִיפֿטשטעלער, ווערט מען אויס מענש, נאָר שוישפִּילער. וואָס מִיר פֿאָלק, וואָס מִיר מענש? עס אִיז פֿערהאַן איין אָבגאָט: דִי רעצענזיע, לויט וועלכער מען ווערט אָבגעשאַצט אויף דעם בִיכער־מאַרק, וואו שבחים גייט מען קויפֿען אָדער אויסבעטלען, ווִי פֿלייש אִין יאַטקע. יעֶדער לִיטעראַט האָט אַ ווערט אויף אַזוי פִיל אויף ווִיפִיל מען האָט זִיך אִיבער אִים אָבגערופֿען, און אִיז נִישטאָ קיין גלויבען אִין מארגען בעדאַרף מען אַריינכאַפּען כאָטש פֿאַר דעם היינטִיגען טאָג. דערום שטייט אַזאַ ווײ־געשריי: שרייב איבער מִיר. דו, פֿאַרוואָס שרייבסטו נִישט אִיבער מִיר? מונטער מִיך, בלאָז, בלאָז מיין שטִיקעל פֿונק, וואָרום אויב נִיט, ווער אִיך אויסגעלאָשען און קאָן נאָך איינשלאָפֿען.

דערום אִיז אַזוי לאַנגוויילִיג דִי סביבה, אִין וועלכער עס שטייט אַ גרויסער געניץ און עס הערשט אַן׳אַבערגלויבען אִין טאַלענט. און ווִי באַלד אָבגעֶטער, בעדאַרף מען דאָך אַלעֶ מאָל ביִיע. ערשט נעכטען אִיז געשטאַנען אויבען־אָן איין טאַלענט,

קומט אַ צווייטער און טוט אַ שטאַרקערען קלאַפּ אָן טיש, בעוויזט אַ ביסעל מער פֿייערוועדק און קונץ-שטיק, טוט מען אַ שליידער אַראָב דעם נעכטיגען אָבגאָט. און אַזוי גייט מען אַרום דערשראָקענע, מוטלאָזע, אָן אַ גלויבען אין זיך אייגער שרייט דעם צווייטען, אַז יענער איז שוין אַ מת, און וויל מען אַראָבשמייסען איין דיכטער, שלאָגט מען אים מיט אַ צווייטען, פּונקט ווי די ציגיינערס, וועלכע שלאָגען איינער דעם צווייטען דורך וואַרפֿען אַ קינד אין קאָפּ אַריין. און אַלע גייען דורך דער ליטעראַטור ווי בשעת אַ פּאַראַד, נישט לאָזענדיג קיין שפּורען. קיינער זיצט ניט פֿעסט אויף דעם בענקעל. און מען שעצט נישט זיך און נישט אַ צווייטען. עס איז אַ בהלה. ווי אויף אַ שיף בשעת טרינקעז זיך. לויף. חאַפּ ווער עס קאָן, נישטאָ קיין זיכערהייט אַז דער שר האומה שמידט אַנ׳אייזערנעם אוצר אום אָבצוהיטען די דאָזיגע דיכטונג און אַז אויף מאָרגען וועלען דיזעלבע שמות זיך נישט וואַלגערן אין דער בלאָטע. אָן אַ אידעע. אָן טראַדיציע, פֿרוכטלאָזער דעקאַדאַנס. אַלץ פֿליסט אין דער דאָזיגער בהלה. עס פֿליסט אין דעם תהום פֿון פֿערגעסענהייט אַריין, וואָרום טאַלענט און דעקאַדאַנס קאָנען בלויז זיין אַ טרויעריגע ענדע, אָבער נישט דיגען אַ התחלה פֿון אַ יונג-שפּראָצענדיגער קולטור.

שלום-עליכם.

אָנשרייבן אַן אַרטיקל אין וועלכן שלום-עליכם דער שריפטשטעלער זאָל בעקומען די געהעריגע, קריטישע אָפּשאַצונג — נישטאָ דערפון קיין שווערערע ליטעראַרישע אויפגאַבע. דאָס פרייע וואָרט איבער שלום-עליכ'ן קאָן אויסרעכענען אויף אַ זעהר קנאַפער צאָל אויערן. היינט אויגען! גזלנ'ישע אויגען! נישט ווילענדיג זעט פאַר זיך דער קריטיקער אונצעליגע אָנגעשטעלט שטעכיגע אויגען, וועלכע בלישטשען אויף אים מיט אַ טענה: סטייטש, שלום-עליכם, אונזער שלום-עליכם! דער איינציגסטער, פיליכט, ביים פאָלק בעליבטער שריפטשטעלער; אָט אָ דער, וועלכער האָט אין זיך פערמאָגט די קראַפט אַוועקצוזעצן אַ גאַנץ פאָלק מיט ליבע איידעלעך מיט ווייבער און קינדער און זיי דערציילען אַזעלכע לוסטיגע מעשיות, דאָס אַלע זאָלען זיי קייכען פון געלעכטער. שוין דער נאָמען, דער קלאַנג פון די דאָזיגע צוויי ווערטער בעזיצען דעם צויבער אַרויסצורופען אַ גוט-מוטיגען שמייכעל אויף די ליפען, אומעטום, אין ווארשא און אין ניו-יאָרק, אין דעם פערוואָרפענסטעם יודישען ישוב, וואו נור עס קלינגט און עס אָטעמט דאָס יודישע וואָרט. עס איז שוין ענטשטאַנען אַ ספּעציעלער שטאַט פון מענשען, וואָס לייענען גוט אַ בלעטעל שלום-עליכם איז זייער פאַך און שטאָלץ. איז עפּעס אָנגענעם נאָך דעם אַלעם אַ קרום טון זיך אויף דעם דאָזיגען בערימטסטען און בעליבסטען?! נישט איין קלוגיטשקער וועט אויף דעם דאָזיגען געהערטען קריטיקער אָפּזאָגען אַ גלייכ-

ווערטעל, וועלכעס איז גענומען געוואָרען טאַקע ביי שלום־עליכ'ן. מען וועט טייטלען אויף דעם דאָזיגען מענטש מיט די פֿינגער, מען וועט שמוכען דערביי... מען וועט... מילא, זאָל מען...

עס איז פֿאַראַן, חוץ דעם, נאָך עטוואָס אַזעלכעס, וועלכעס פֿאַלט תחילת ווי אַ שווערע לאַסט אויף דער פֿעדער ביים אָנהויב פֿון איר בעוועגען זיך און דערשטיקט שיער דאָס גליענדע און צאָרנדיגע וואָרט: דאָס געפֿיל פֿון אָבשיי און אַכטונג צו דעם גרויסען נעלם, פֿאָלק איז זיין נאָמען, ביי וועמען שלום־עליכם איז בעליבט, ווי אַ שטאַרק אייגענער, גאָר־גאָר נאָנטער, כמעט אייגען בלוט און פֿלייש. דאָס פֿאָלק האָט שלום־עליכם'ן געקרוינט און געזאַלבט און אים אָנגעטון אַ פרעליך מענטעלע. זאָגט מען שלום־עליכם מיינט מען דעם יודישען הומאָר, יודיש געלעכטער. איז שוין דער מחבר פֿון טוביה געוואָרען אַ מין קדושה, דעם פֿאָלקס אייגענטום, כמעט ווי אַ היילי־גער פֿאָלקס־מנהג, פֿון וועלכען פֿיינער טאַקט האָט אַלעמאָל פֿערבאָטען אָפצושפעטען. ריכטיג, ריכטיג, און דאָך... עס איז אַזוי און נישט אַזוי. וואָרום גראָד די ליבע צום פֿאָלק און די אַכטונג צו איט וואַרפֿען אַרויף די שווערע פֿליכט צו לאָזען פֿאַלען אויף דעם דאָזיגען געזאַלבטען שריפֿטשטעלער די ספֿק־טראָפענס. ווייל אַזוי, בערימט און אַזוי הויכגעשעצט, ווייל אַזאַ לאַנג־דויערנדער און הילכיגער ראָמאַן צווישען אַ טויזענד־האַרציגען המון און זיין שרייבער מוז דאָס נאָכגעקוקט און איבער־געשעצט ווערען, שוין נישט רעדענדיג דערפֿון, וואָס די ליטעראַריש־קינסטלערישע עקשנות וואַרפֿט בכלל אָפּ יעדער צוים, וועלכע שטייט דער קריטיק אויף איר וועג.

און אָט מערקווירדיג: שלום־עליכם ביים אָנהויב פֿון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט איז פֿערלאָפֿען דעם מבין און זיך פֿער'גנב'ט גלייך אין די ברייטע הערצער פֿון זיינע ברייטע לעזער־מאַסען. ערשט נאָכדעם, אַז דער המון האָט אָנגעהויבען צו יוכצען פֿון פֿרייד און געלעכטער האָט די אַנאַליזירענדע קריטיק גענומען נאָכבאָמקען, ווי בעקומענדיג בטילות און מורא־

האָבענדיק צו פֿערשפּעטיגען, און מהאי טעמא שוין אָפּט אַריבערשרייענדיק דעם המון. דערום: די גרויסע עהרע פֿון ענטדעקער פֿון שלום-עליכם'ן געהער דעם המון, דער ריז = דאָס קינד, וועלכער האָט הנאה, ווי אַ קינד, צו הערען דערציילען אַ מעשה גראָד נאָכדעם, ווי ער האָט זי שוין געהערט אונצייליגע מאָל, און גראָד ווען אַלע וויִרקענדע פּערזאָנען זענען אים גוט בעקאַנט. און שלום-עליכם איז טאַקע געוועזען דער שליח צבור, וועלכער האָט איבערגע'חזר'ט פֿאַר דעם פֿאָלק אין דער הויך זיין שטיל און ליידענד לעבען. „אוי איז דאָס אַ שלום-עליכם, אַ לץ, אַ חברה-מאַן! ער טוט אייך אַ בעשרייב און אַ מאָהל אָפּ דעם דאָזיגען טוביה אָדער מנחם-מענדלען אַזוי ווי ער שטייט און גייט מיט אַלע פּיטשעווקעס”. און בעליבט איז שלום-עליכם פֿאַר די דאָזיגע פּיטשעווקעס. דער פֿאָלקס-מענש פֿערשטייט קונסט אויף אַנ'אייגענאַרטיגען שטייגער: הערט ער, למשל, מיט זיינע אייגענע אויערען, ווי אַ האָן האָט געקרייט, ווערט ער לחלוטין נישט נתפּעל. שטייט אָבער אין ביכעל, דאָס אַ האָן האָט געקרייט בעקומט ער, אַ ווילדע התפּעלות און זאָגט מיט קוויקעניש: „דער דאָזיגער שרייבער איז שוין איינמאָל אַ מזיק, אַלץ און אַ דורכגעטריבענער! — דעסגלייכען, ווען ער זעט אין ביכעל אַ שיכּור'ן זיך שאָקלען קאָן דער פֿאָלקס-מענש זיך גאָר נישט אָפּלויבען פֿון חידושים, חאָטש אָדער גראָד דערפֿאַר, וואָס שיכּורים וואַלגערען זיך פֿאַר זיינע אויגען אָן אַ שעור אין די בלאָטעס.

און אָט האָט שלום-עליכם גענומען דערציילען וועגען דעם האָן, וואָס קרייט, וועגען איינעם אַ טוביה מיט טעכטער און אַ פֿערדיל, אַ מעשה מיט אַ שדכן, וואָס פֿירט צונויף צוויי ווענד און אַוועקגעשטעלט אין ערשטער רייע דעם קאָמי-וואָיאַזשאָר, אַ פֿריש צוגעקומען פֿאַרשוינדעל אין יודיש לעבען, אָבער אַ פּיפּיגס. וואו מען פֿערזייט דאָס נישט וואַקסט דאָס. אַלעס, וואָס ער, שלום-עליכם, מיט זיינע אויגען און וואָס אַלע יודען האָבען מיט זייערע אויגען געזען האָט דער שרייבער אויפֿגעכאַפּט. דאָס ערשטע און דאָס בעסטע גרינע ראש-חדש-רעטעכעל,

ווי נור עס איז אויפגעקומען, האָט דאָס שלום-עליכם מיט זיין פאָטאָגראַפיר-אַפּאַראַט אויפגעכאַפּט. דערום איז ער געוואָרען אַזוי איינגעבאַקען ביים יודען אין האַרצען. אגב, דער מחבר אַליין גאָר נישט קיין פּערפאַסער פון טוביה אָדער מנחם-מענדעל, נאָר ער איז טוביה און ער איז מנחם מענדעל. בלוט-אייגענע. בעשרייבט מען אָדער מען לאַכט אויס איז טאַקע זיך אויך, אַלע, יודעלעך, זענען מיר ברידער. און אַלע זענען מיר משונה-פאַרשוינען-פּערזענישען. אַ לאַנגער סורטוק מיט אַ דאַרען קאַפּעליוש, אָדער פּערקערט, אַ קורצער פּידזשאַק און אַ היטעל מיט אַ דאַשעק, אַ קאָלטענעוואַטע באָרד אָדער אַ געשוירען בלאָנזשע-בערדיל מיט אַ רעגען-שירם אונטער די אָרעמס. אוי, האָבען מיר אַ שפּראַך, צובראָכען און צוריבען. מיט פּסוקים אומגעדרייטע. די יודישע אכסניות זענען איבערפולט מיט וואַנצען, בערדיטשעווער טראַמוואַיען מיט דעם אייגעם פערדיל, בלאָטעס-סליאָטעס. אוי, זענען מיר חוזק. מיר אַלע. און אויך איך פּאַני שלום-עליכם. אָט אַזוי איז דאָס יודישע לעבען. אָט אַ דאָס איז דאָס. נור אַזעלכעס האָט דאָס געזעהן שלום-עליכם. און דערציילט ער וועגען דעם פערכליסנעט ער אזש זיך פון הנאה. טוט ער דאָס אַ שפּעט אָפּ פון די דאָזיגע פאַרשוינדלעך. און אָט דאָס זעלבע פאַרשוינדעל, דאָס קעסט-איידימעל, דאָס בערדיל, דער הילוך, דאָס אַלעס, וואָס דער יוד האָט ערשט באַגעגענט אויפ'ן גאַס געפינט ער טאַקע באַלד ביי שלום-עליכ'ן, מיט דער זעלבער קללה, מימרא אָדער גלייכווערטיל, נאָר אַ סך נאָך איבערטריבענער און געפעפערטער — פאַר וואָס זאָל דער יוד זיך נישט קייכען פון געלעכטער? —

האָבען יודען געזאָגט: שלום-עליכם שוין איינמאָל אַ לץ! די קורצסטע און שאַרפסטע בעצייכנונג. דער אָנהויב: אַ פּשוט'ע און בפירוש'ע כונה אָפּצוחוזק'ן. און גאָר פּלוצלונג אַרויף אויף דעם סאַמע אויבען-אָן פון יודישע ליטעראַטור. ליצנות און לייכטער חוזק זענען געוועזען דער הויפּט-עלעמענט. דער אויסגאַנג-פּונקט און די ענד-ציל. פון דעם אייגענעם „איך" אַ בער געמאַכט. פון זיך זעלבסט אַ לעקיש געשאַפען.

אָן אַ מינדסטער אַכטונג צום יוד אַלס מענש. אַ עכט יודישע תנועה, פראָדוקט פון אונזער דערשלאָגענהייט. פון משכיל'ישע וויצען האָבען יודען אָנגעקוואָלען, וואָרום שוואַך צו פערטיידיגען אייגענעם כבוד. ביי אַנדערע פעלקער וואָלט ווער אַזוי ווירקליך חוזק געמאַכט וואָלט אים די געזעלשאַפט פון זיך אָפּגעשטויסען, און ביי אונז איז מען נאָך אַ קלוגינטשקער.

אַ פּאַטאָלאָגיש-קרענקליכע תאוה אָפּצושפּעטען פון קאָפּעליוש. פון פנים און פון אייגענער וואונד. קראַצען די וואונד, די יודישע קרענק. אונזער קרענק — שלום-עליכם'ס קרוין.

אַ שוואַכער קינסטלער איז געוועזען שלום-עליכם. ביז-גאָר אַ שוואַכער. ער האָט נישט פערמאָגט דעם גליקליכען געשמאַק פון קאָנען אַריינדרינגען און פערשטיין, פון פערפיינערען און דערהויבען. מען טאָר נישט געבען בלויז דאָס וואָס עס איז דאָ, וואָס עס וואַרפט זיך אין אויג, וואָרום גראָד דאָס איז ליגען. ער האָט אפילו נישט פערמאָגט די רו און נישט געגעבען זיך די מי אַריינצוקוקען אין נשמה פון פאָלק און צו אַכטען, צו לייטערען און פערעהרליכען. אָבער ער איז אויך נישט געוועזען רעאַליסטיש-אויפריכטיג, און נישט קאָרעקט. אַרויפגעוואָרפען זיך אויף דעם פאָלק'ס לעבען, ווי אַ הונגעריגער הייישעריק און דערפון שטיקער געריסען. „ער האָט אָפּגעשילדערט דעם פאָלקס ימים-טובים און וואָך, זיינע ליידען און פריידען, זיינע אַלע מנהגים און תנועות ווי זיי שטייען און גייען" — דאָס איז די גאַנגבאַרע מימרא וועגען שלום-עליכם'ן. און דאָס ווערט פערערכענט אַלס דער גרעסטער שבח. דאָס, זיין גרעסטער פעלער. ווי מען שניידט אויס אַ שטיק פלייש פון אַ לעבעדיגען אָרגאַניזם, בשר מן החי, וועלכעס וואַרפט זיך, זשיפּעט און רינט אָפּ מיט בלוט, אַזוי האָט ער אונ'ברחמנות'דיג געשניטען אברים'ווייז צאַפּעלדיגע שטיקער יודיש לעבען. ער האָט פערגוואַלדעוועט דעם יודישען „ביט" און געפאָדערט פון דעם אָן רחמנות-טראָפען, אַז ער זאָל אים דערצעלען מעשיות און

וואונדערבאַר: זייענדיג שטענדיג פֿאָטאָגראַפֿיש קומען זיינע מעשיות דאָך אויס זעהר און זעהר ליטעראַריש, אויסגעטראַכטע און צוגעשראַכטע, און כאָטש די פּאַסירונגען לויפען, ווי ביסטרע פֿערדלעך, דאָך מאַטערען זיי דעם פֿיינעם אויער מיט זייער געשוויגטע לייכטקייט. מאָטעל דעם חזנ׳ס דערציילט אַזוי, ווי ער וואָלט דערציילען, ווען ער וואָלט געווען נישט מאָטעל, נאָר שלום-עליכם דער שריפֿטשטעלער. מאָטעל איז אויף אַ האָר נישט נאַאיוו, כאָטש ער מאַכט זיך פֿאַר אַזעלכען און ער און זיין מחבר בעמיען זיך, אַז ער זאָל אַזוי אויסזען. אַז איר טוט זיך אָן אַ כח און לייענט איבער דאָס בוך איבער מאָטעל דעם חזנ׳ס, וועלכע ווערט פֿעררעכענט דורך די פֿיין-שמעקער מבינים פֿאַר איינס פֿון שלום-עליכם׳ס בעסטע ווערק, האָט איר דאָס געפֿיל, ווי דאָס דאָזיגע בחור׳ל מיט דעם נאָמען מאָטעל דערציילט פֿאַר אייך אַ מעשה ספּעציעל צום דרוקען. ווען ער זאָגט אייך: „וואויל איז מיר, וואָס איך בין אַ יתום!” טאַפּט איר דען נישט אָן דאָס דאָזיגע פּראָסטע שטיקעל אַרבייט מיט די הענד? וואָס פֿאַר אַ יתום האָט זיך ווען אַזוי אויסגעדריקט? — וואָס פֿאַר אַ זין האָט בכלל אָט די דאָזיגע מכלומרשט תמימות׳דיגע, אָבער אין תוך אַריין נאַרישוואַטע פּראַזע און אַ דאַנק וואָס האָט זי זוכה געווען אַזוי בערימט און איבערגעקייט צו ווערען, אויב נישט אַ דאַנק איר טעמפּקייט, וואָרום טעמפּקייט איז בכלל פֿון נאַטור קלעפּיג און אָנשטעקענד? — קיין טראָפּען מיטגעפֿיל האָט נישט שלום-עליכם צו זיין מאָטלען. רחמנות אויף די העלדען איז בכלל אַ זעלטענהייט ביי דעם מחבר פֿון מאָטעל דעם חזנ׳ס. אַלע זיינע העלדען זענען פּראָסט און פּשוט זיינע דינער און אָנגעשטעלטע מיטאַרבייטער, וועלכע האָרעווען פֿאַר זייער האַר מיט דעם בלוטיגען שווייס, הודען, פֿידען, לויפֿען, האַווען, יאָגען זיך איבער אַלע וואָקזאַלען, אַקערען מיט די נעזער די ערד, וואַלגערען זיך אויס אין אַלע שלעכטע אכסניות, שלעפּען זיך, ווי טוביה מיט׳ן פֿערדיל און טיאָפּקען בלאָטעס, כדי צו ברייגנען פֿאַר זייער האַר, שלום-עליכם, שטאָף פֿאַר מעשיות. און כאָטש דער מחבר בעהאַנדעלט זיינע העלדען

גוט-ברודעריש, קלאַפּענדיג יעדען איינציגען פון זיי אין פּלייצע, דאָך איז ער, ווי אַנ׳עכטער בעל-אבית עקספּלאָטאַטאָר, וועלכער פערמאַסקירט זיין האַרטהאַרציגקייט דורך אַ גוטמוטיג שמייכעלע אויף די ליפּען און דורך אַ גוט-ברודעריש פערהאַלטען זיך. שלום-עליכם איז זיך ממש מחיה, ווען ער שטעלט אונטער זיין העלד אַ פּיסעל און מאַכט פון אים אַ לעקיש. לאַכען פון אַ צווייטענס אונגעשיקטקייט איז אַלעמאָל אַ בעווייז פון אַ נידריגער שטופע פון אינטעליגענטישקייט. אָבער שלום-עליכם קייכט פון געלעכטער און לאַכט אַלע יודעלעך אויך מיט, און ווייסט וואָס שלום-עליכם קאָן און וואָס פאַר אַ מזיק ער איז. אַזוי האָט דער בערימטסטער און בעליבסטער יאָרען-לאַנג געשאַרזשירט דאָס יודישע לעבען און זיינע ליבע יודעלעך זענען געשטאַנען פערגאַפט און אים געפּאַטשט „בראַוואָ“. עס כאַפּט אַזש אַ רחמנות אויף דעם פאָלק, הערענדיג, ווי עס פערגייט זיך ממש פון געלעכטער, ווען עמיץ מאַכט אים אויסצודרייען. יודישער פאָלק-מענש וואוהין האָט זיך אַהינגעטון דיין חוש-הריח?— און דיין געזונטער אינסטינקט?

II.

איז שלום-עליכם אַ דערציילער? כמעט די נישט.

שלום-עליכם האָט אַ אונגעהויער גרויסען ווערט אַלס זאַמלער און אונערמידליכער פאָרשער פון פאָלקס-שפּראַך, פאָלקס-ווערטער, שפּריכווערטער, רעדענסאַרטען, וויצען, אַנעקדאָטען, מנהגים און תנועות; ער איז אַ צוגרייטער פון רויען מאַטעריאַל. עס גיבען זיך אויס ביי אים צומאָלס ריירענדע סצענעס און טרעפליכע בעמערקונגען, וועלכע האָבען אַממייסטען אַ שייכות צו בלויזע אויסערליכקייטען, צום הילוך, מלבוש און אַרט פון רעדען. וואו-נישט-וואו אַ טראָפּען טוי פון בענקשאַפט נאָך דער פערגאַנגענער קינדהייט — דערפון נישט קיין שלעכטע ערציילונג, ווי שיר השירים — און ווען-נישט-ווען בליצט אויף, אמת,

וערר זעלטען, אַ האַרץ־אויסדערציילען פון מידע לײַדען. מען וואָלט געקענט אויסקלייבען פון דעם גאַנצען באַרג זײַנע שריפ־טען־ערציילונגען, ראָמאַנען און דראַמען — איין בענדיל פון ניט קיין שלעכטע נאָוועלען, וועלכע וואָלטען אים געגעבען דאָס רעכט אַוועקגעשטעלט צו ווערען אַלס דערציילער אין דער צווייטער רייע. אָבער אום גאָטעס ווילען, פון וואַנעט נעמט זיך אַט אַ דער געפילדער, וועלכער שטייט שוין אַנ׳ערך פון דריי צענדליגג יאָרען אַרום דעם דאָזיגען באַרג פון שוואַכע מאָנאָלאָגען, שלעכטע דראַמען און נאָך ערגערע ראָמאַנען? ווי אַזוי אַרום האָט זיך אַזאַ שריפטשטעלער אַוועקגעשטעלט אַלס הויפּט־זאַל פון אַ ליטעראַטור? — דאָס דאָזיגע רעטעניש גייט שוין אַרויס פון די ראַמען פון ליטעראַטור און עס ווערט פער־וואַנדעלט אין אַ פּסיכאָלאָגיש מיספערשטענדעניש. „שלום־עליכם״ — זאָגען זײַנע פריינד, און ווער איז ניט פון זײַנע פריינד? — איז עפּעס אַנדערש. צו שלום־עליכם׳ן טאָר מען ניט צוגיין מיט קיין בעשטימטע מאָסען. ער איז ניט אַרונטערגעוואָרפען די אַלגעמיין־אָנגענומענע כללים און געזעצען. שלום־עליכם איז עפּעס אַנדערש״. איך ווייס אָבער ניט, פאַר וואָס איז שלום־עליכם עפּעס אַנדערש? נו, גוט, איז שלום־עליכם העכער פון אַלע געזעצען. אָבער לאַנגווייליג טאָר דאָך אַ קינסטלער נישט זיין. און שלום־עליכם איז דאָך לאַנגווייליג ביז צום גרוילען. אָבער אויפריכטיג צו זײַנע העלדען מוז דאָך אַ קינסטלער זײַן, אין שלום־עליכם שטעלט אַרויס דעם באַשרײַבענעם פאַרשוין אַ צונג. ער איז אפשר דער גרעסטער ערציילער ביי יידן! — זאָגט אויף אים עדות אַזאַ עהרליכער און פערשטענדיגער קרי־טיקער, פון וועלכען מיר וואָלטען בעדאַרף ערוואַרטען אַ פיל זאַכליכערע אָפּשאַצונג פון שלום־עליכם׳ן.

שלום־עליכם אַנ׳ערציילער! — קלינגט דען די דאָזיגע בעהויפּטונג נישט אָפּ ווי אַ שפּאַס? אַנ׳ערציילער מוז זאָך קודם כל האָבען אַ געהער פאַר פּאַסירונגען בשעת זיי האַלטען אין זייער שטילען און פערהוילענעם וואוקס, און אַנ׳אויג פיר זאַכען ערב זייער געבורט. שלום־עליכם קומט דאָך שטענדיג שפּעטער

נאָך דעם געשעענעם פֿאַקט און ווערט געטראַגען אויף די מויטנע וואַסערען פֿון די נישט געלייטערטע פֿאַסירונגען ווי שפענדלעך, אַליין אַ שפענדעל. קען מען דען אָנרופֿען מיט דעם נאָמען ערציילונג אַ נודנע מעשה, וואָס ווערט אָנגעפּלאַפּעלט דורך אַ יודענע מיט אַ לאַנגער צונג ביי אַ טעפּעל, אָדער די כיטרעַ נאַרישע רייד מיט וועלכע עס בעשיט אונז אַ יוד אַ נשרף און אַ פּלוידער-זאַק, אויסגעטראַכטע דבורים און נאָכקרומענישען, וועלכע עס איז פּשוט אַ שאַנדע אויסצוהערען. ווי נאַאיוו מאַכט זיך דער דאָזיגער יודעל, וועלכער האָט מיט זיינע אייגענע הענד מקיים געוועזען בורא מאורי האש! — וואָס איז אַזאַ מין פּאַרשוין? אַ-ייד? אַ מענש? אַ טיפּ? עס איז פּשוט ליגען. אַ שקר-בלבול. און אַ נאַרישער בלבול, ווי די מעשה מיט דעם „דייטש", וועלכער בעקומט אַ צעטעל מיט אַ חשבון צו בעצאָלען פֿאַר נישט געגומען און נישט געגעסען, ווי אַממייסטענס שלום-עליכם'ס אַנעקדאָטען, ווי די נאַרישסטע געשיכטע, וואָס ווערט דערציילט אין דער „גימנאַזיע" מיט די ציינישע אויסגעשרייען, דאָס „טויגען טויג ער, נאָר פֿאַר קיין סאָלדאַט טויג ער נישט". וואָס פֿאַר אַ זין האָבען די אַלע אומגעלומפּערטע און קיינמאָל נישט געשטויגענע געשיכטען און וואָס פֿאַר אַ הנאה האָבען מענשען זיי צו הערען? — זיי זענען דאָך אַזוי שטויביג, דאָס עס איז כמעט נישטאָ וואָס צו קריטיקירען. זיי רינען אַדורך, ווי פּליסיג וואַסער, צווישען די פֿינגער. פּערקילטע ראָטשינע זויערע. שלום-עליכם האָט דאָך מהאי טעמא אויסדערווילט אַממייסטענס די מאָנאָלאָג-פֿאָרם, ווייל ער איז אַ שלעכטער דערציילער און האָט נישט וואָס צו דערציילען לאָזט ער זיין העלד דעריבער רעדען און פּעררעדען. און קומט ער ווען עטוואָס דערציילען איז ער קיינמאָל נישט אימשטאַנד אונז עטוואָס איבערצוגעבען, אַ ריינעם ספּור-המעשה, פּשוט מענטשליך, אָהן קונצען און פֿערבלענדענישען, אָהן דעם, אַז ער זאָל העצקען זיין העלד און אָנלאָזען אויף אונז שטיקענדע גאַזען פֿון מכלומרשט'ן הומאָר, וועלכער איז אייגענטליך נישט מער ווי חוזק, שלום-עליכם מוז אונבעדינגט וויציג זיין און הומאָר טרייבען, וואָרום ער

האָט נישט קיין דרייסקייט אַרויסצופירען דעם לעזער און טרע־
פען זיך מיט איהם אויף דעם פרייען פעלד פון איינפאַכער
דערציילונג און שילדערונג, ער איז נעבעך שטענדיג קלוג, צי־
טערט פאַר זיין לעזער, דאָס ער זאָל אים נישט דערעסען,
טאַנצט ער אַרום אים מיט גלייכווערטלען. „ער האָט געשאַפען
טיפּען" — ער? ווּעמען? אַז טוביה רעדט מיט פערדרייטע פסוקים
איז ער דעריבער אַ טיפּ? צי מנחם מענדעל? וואָס פאַר טיפּישעס
איז פאַראַן אין זיי? ריין מענשליך טיפּישעס? — ווען מען זאָל
פון זיי אראָפּוואַרפען אויסטערלישקייטען און משונה'דיגע העויות
און צוקאַליעטשעטע דבורים און וועלען וויסען וואָס זאָגט טוביה
אַזעלכעס, וועלכעס עס איז כדאי צו הערען, און מכל שכן
מנחם מענדעל, פערבלייבט פון זיי גאָר נישט. וואָרום נישט דעם
מענשענס נשמה שטרעבט זייער מחבר צו דערלאַנגען, נאָר די
ריין־אויסערליכע מאַניערען, און דאָס אויך איבערגעזאַלצען און
שאַרזשירט. דער הומאָר שטעקט ביי אים שטענדיג אין וואָרט,
נישט אין דער לאַגע. ער זאָגט נישט „אַ יוד" נאָר „א יודל".
נישט „אַ באָרד" נאָר „אַ בערדיל", נישט „אַ יונגערמאַן" נאָר
„אַ יונגערמאַנטשיק" און נישט „דער מענש" נאָר „דער דאָזיגער
פאַרשוין" אָדער „דאָס פאַרשוינדעל", נעמט ער אַ פסוק, אַ העב־
רעאישען אָדער אַ רוסישען, צוקאַראַדאַשעט ער זיי צום פּלאַצען.
שלום־עליכם האָט אויף זיכער צו פערדאַנקען אַ גרויסען טייל
פון זיין פּאָפּולאַריטעט דער צושעדיגטער גראַמאַטיק. זאָגט ביי
אים אַ יוד אַרויס אַ רוסישע מימרא איז פאַר אַלע אַנטיסעמיטען
אַ דערקוויקעניש. ער מאוסט זיך אַפילו נישט אַריינצולעגען זיין
העלד אין מויל אַריין אַזעלכע דבורים, וועלכע זענען אַזוי
עקעלהאַפט, ווי ציניש, אַ מאוסע תאוה פון אַ שלעכטען אַרט
קאָמיקער אויף דער רוסישער בינע, ווען עס ווערען געשפּילט
זאַכען פון יודיש לעבען. „שמענדריק" „פּיפּערנאָטער" „יאָלד"
„לעקיש" א. ד. ג. זענען שלום־עליכם'ס בעליבטעסטע אויסדרוק־
מיטלען. און דער מחבר בערוהיגט זיך נישט ביז ער מאַכט
טאַקע פון זיין העלד אַ „שמענדריק" אַ „פּיפּערנאָטער" און אַ
„לעקיש", אסור אויב שלום־עליכם איז אַפילו געווען נייגיריק

און ציִ האָט ער זיִך אַפֿילו בעמיִט אַרויסצופיִרען דעם יוד אַלס מענשליִכען טיִפּ. פּסיִכאָלאָגיע האָט, דוכט זיִך, איִנטערעסיִרט שלום-עליכם'ן אַמווייניִגסטען, וועלענדיִג דערגרונטעווען אַ מענש, גלאַט אַזוי, אָן שום כוונות, פּסיִכאָלאָגיע לשם פּסיִכאָלאָגיע, ניִשט לשם חוזק און ניִשט צו כאַפּען אַ פּערדיִנסטעל, דאָס אַליין איִז שוין פאַר אַ יוד, אַ קלוגיִטשקען, אַ בטלניִש שטיִקעל אַרבייט, וויִ דער אויפגעקלערטער סוחריִשער קלוגער יוד, אַ שטייגער, קוקט אויף אַ נאַריִשען חקרן, דערצו אַ גרויסער אָריִמאַן, וועלכער וויִל דערגיין ציִ עס איִז יאָ דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט ציִ ניין. און וויִ שלום-עליכם האָט געקוקט אַזוי האָט ער געזען. אַנ'אויבערפלעכליִכער וואָיאַזשיאָר, אַ יונגעל אַ יתום. אַ תמ'עוואַטע ליִגנער, אַ נודנע יונגערמאַנטשיִק, וועלכער פרעגט יענעם אַנ'עצה ציִ זאָל ער גט'ן זיין ווייב ציִ ניין און אַ פּאָר חברה, וועלכע שפּילען איִן וואַגאָן איִן קאָרטען אויף דער פּלייצע פון אַ שלאָפענדיִגען גלח. אַזעלכע העלדען קאָן מען ניִשט וויִרקליִך ליִב האָבען. האָט שלום-עליכם טאַקיִ זיינע פּאַרשוינען ניִשט געליִבט, נאָר געקלאַפּט זיי אָן פּלייצע און געקניִפּט איִן בעקעל. און וויִיל דער מחבר איִז געגאַנגען אַרום זיין העלד מיִט כיִטרע גענג און געוואָלט ביי איִם בלויז אויסנאַרען זיינע פּאַסירונגען, האָט דערפאַר דער יוד אויך מיט דעם פּאַני שלום-עליכם געכיִטרעוועט, און דוכט זיִך, איִם איִבערגעכיִטרעוועט. דער יוד האָט ניִשט אויסדערציילט פאַר שלום-עליכם'ן דעם אמת, וואָס ביי איִם אויף דעם האַרצען, נאָר וויִ מען דערציילט אַ מיִטרייזענדען פּאַסאַזשיר איִן וואַגאָן פון אייזענבאַן. דער יוד האָט זיִך נעהיִט פאַר פּאַני שלום-עליכם, וויִ פאַר אַ פרעמדען, דערצו נאָך אַ אונטערהערער, אַנ'אויספאָרשער און בעשרייבער. דאָס איִז געוועזען אַ קוקען ספּעציעל צוליִב בעמאָהלען. און אַנ'הערען צוליִב איִבערדערציילען. ניִשט אַריינגעלעבט איִן פאָלק און געבלוטיִגט מיִט זיינע וואונדען נאָר געשאַפען פאַר זיִך פּובליִקום. האָט דער יוד גערעדט צו שלום-עליכם'ן פּונקט וויִ שלום-עליכם צום יוד. דער יוד קומט אַרויס ביי שלום-עליכם'ן ניִשט קיין קלוגער. נאָר אַ קלוגיִטשקער, איִן אַלגעמיין אַ גאַנץ נאַריִשער

וועלכער מאַכט אונז מיִד מיִט זיינע רייד. וואָרום געוואוסט האָט ער, אַז עס שטייט פאַר איִם אַ ליק, וועלכער וועט איִם באַלד אַראָפּכאַפּען". האָט ער דערפאַר גאַנץ אָפּט זיִך געבעטען ביי דעם מחבר, אַז למעה"ש ער זאָל איִם ניִשט בעשרייבען איִן דיִ גאַזעטען. שלום-עליכם האָט אָבער קיין וואָרט ניִשט געהאַלטען, און אָפּגעפאַרטיִגט איין „פאַרשוין" האָט ער זיִך גלייך גענומען צו אַ צווייטען, אַ דריִטען, אַרומגעיאָגט זיִך איבער דיִ צוגען מיִט זיין פאָטאָגראַפיִשען אַפּאַראַט.

שלום-עליכם איִז געגאַנגען איִן פאָלק אַריין ספּעציעל קוקען, דערום האָט ער קנאַפּ געזעהן.

III.

שטעלט אָפּ דעם ערשטען בעסטען און טוט איִם אַ פרעגע: וואָס איִז אַזוינס שלום-עליכם? וועט ער גלייך אָפּענטפערען: שלום-עליכם דאָס איִז דאָך דער לוסטיִגער הומאָריִסט, דער יוד דער חכם! און דיִ דאָזיִגע ביידע זענען ניִשט ריִכטיִג. הומאָר, וועלכער פליִסט ניִשט אַרויס פון דעם עצם מהות פון מענש און שטורמט ניִשט אויף ווי אַ נאַטור-קראַפט, פונקט, ווי דאָס טראַגיִשע, נאָר שעפּט זיין חיות פון צייטווייליִגע און אויסערליִכע ערשיינונגען, ווי דער הילוך פון אַ מענש, הלבשה, אויס-שפּראַכע און גראַמאַטיִק איִז אויף זיִכער אַ הומאָר פון אַ צווייטער און דריִטער מדרגה. שלום-עליכם האָט ניִשט געוואוסט צו פערדעקען דיִ שפּורען פון דיִ סטעזשקעס, וועלכע פיִרען צו זיין הומאָר, יעדער עכטער קיִנסטלער פערוואַרפט דיִ שליִסלען, וואָס פיִרען צו זיין שאַפונג, דאַגעגען האָט יעדער יוד אַ נאָך-שליִסעלע צו שלום-עליכם'ס קונסט און יעדער קלוגיִטשקער יונגערמאַן ווייסט פאָראויס ווי אַזוי, שלום-עליכם וואָלט זיִך אויסגעדרוקט און וואָס פאַר אַ גלייכווערטעל ער וואָלט אַריינגעוואָרפען ביי אַזאַ און אַזאַ געלעגענהייט און ווי אַזוי ער וואָלט אָפּגעמאָלט אַזאַ און אַזאַ פאַרשוין. עס איִז אַ שלעכטער סיִמן פאַר אַ קיִנסט-

לער, ווען אַנדערע שליסען מיט אים אַ שותפות און זענען געוואָר געוואָרען דעם סוד פון זיין שאַפען. דער הומאָר פון דיקענס, אַ שטייגער, האָט אויך אין זיך אַ סך פאָלקסטימליכע אייגענשאַפטען, אָבער ער איז געבליבען אַ סוד. דעסטגלייכען איז אויך אַ סך איבערטריבען, דאָס שלום-עליכם איז געוועזען דער יוד דער חכם, אַ מענש, וועלכער איז שטענדיג קלוג; אָן אַ שיעור קלוג; בלויז קלוג. און אַזעלכע זענען אַלע זיינע העלדען: האָבען נישט דעם מוט כאָטש אַמאָל אַ ביסעל נישט קלוג זיין. זייער מחבר זעלבסט האָט אויך דעם דאָזיגען מוט נישט פערמאָגט. חכמה, וועלכע וואַרפט זיך שטענדיג אין די אויגען און איז אַלעמאָל אויסגעלעגט אויף דעם טעלער און וואָס אַלע וויסען שוין פון איר איז נישט אַלע מאָל אַ בעוויז פון קראַפט, נאָר איז שוין פשוט אַן אָרגאַנישער פעלער, און דאָס דערוויזט אַן איבריג מאָל ווי קנאַפ שלום-עליכם איז געוועזען קינסטלער, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אונזערע טיפזיניגע פסיכאָלאָגיע-פאָרשער ווילען דערקלערען שלום-עליכם'ן אַלס די הויפט-קוועלע צו ערלערנען פון איר פאָלקס-טיפען און פאָלקס-נשמה. שלום-עליכם פערמאָגט אפשר עטוואָס פון אַ קינסטלער, פוקט, ווי גאַנצע און גרויסע ערד-שיכטען בעזיצען טראפענס גאָלד, אָדער ווי בלעטער פון כראָניק רעדען אָפט זעהר פול: נאָר שווער, אומגעהויער שווער איז אַדורכצולייענען שלום-עליכם'ס ווערק, ווי שווער עס איז אויסצושפאַנען די אומגעהויערע ערב-פסח'דיגע טיפע בלאָטעס אין די פערוואָרפענסטע יודישע ישובים, ווי שווער עס איז נעבען טוביה דעם מילכיגען מיט זיין איין-און איינציג פערדיל און דער מענגע טעכטער. שלום-עליכם איז פראָסט לאַנגווייליג צום לייענען. אין אַ געוויסען זין שטעהט ער פיל נידריגער פון דעם פאָלקס-שאַפען, אַ דאַנק די פאָטראַוועס, וואָס ער האָט צוגעגעבען. סתם אַ יוד איז גאָרנישט אַזאַ שוטה, ווי ער קוקט אויס ביי שלום-עליכם'ן און איז נישט אַזאַ פלוידער-זאַק. זעלטען ווער, אויב עטוואָס איידעלער אין געשמאַק, איז, דוכט זיך, אימשטאַנד זיך אַוועקצוזעצען ביחידות און איבערלייענען שלום-עליכם'ס ווערק און זאָל ! דערביי האָבען די

מינדסטע הנאה. שלום-עליכמ'ן לייענט איר דאָך כּמעט קיינמאָל נישט, נאָר מען לייענט אים אייך אַריין, וואו איר שטייט און גייט. און מיט געוויסע, תּנועות און העויות, ווינקעל-אַרטיסטיש. אַ צבור אַ גאַנצער חיזיקעט. און איר, נישט ווילענדיג, מיט דעם צבור. דאָס פֿאָלק און אַפֿילו די אינטעליגענץ האָבען שוין פֿערלוירען דעם ערשטען איינדרוק פֿון שלום-עליכמ'ן. אַ מענש פֿון אונזער צייט שאַפֿט זיך שוין נישט קיין אייגען מיינונג וועגען דעם דאָזיגען שריפֿטשטעלער. עס איז שוין אַ היפּנאָז אַזעלכער, אַ געלעכטער אַ טראַדיציאָנעלער. מען זאָגט אייך אַרויס די דאָזיגע צוויי ווערטער, מען איז אייך נור מכריז ומודיע, דאָס מען גייט אים פֿאָרלייענען און איר ווייסט שוין לכתּחילה, אַז איר וועט לאַכען, ווארום די נערוועץ זענען שוין פֿאָרבערייטעט דערצו. עס לאַכט דאָס פֿאָלק, אַ דאַנק זיין עסטעטישער אָפּגעשטאַנענקייט און עס לאַכט די אינטעליגענץ... נאָר דאָ קומען מיר שוין צו דעם הויפּט-פּונקט, פֿון דער דאָזיגער מיספֿערשטענדעניש, וואָס הייסט די פּראָבלעם פֿון שלום-עליכם, וואָרום ווער עס האָט נור געהאַט די מינדסטע זכיה אַ ביסעל אויסצופֿיינערען זיין געשמאַק און פֿערמאָגט אין זיך אַ אינערליכע התעוררות צו קענען געניסען פֿון דעם אמת-שיינעם, דער איז שוין מיט אַ סך קעפּ אַריבערגעוואָקסען אַזאַ מין סאָרט ליטעראַטור, ווי די שלום-עליכם'דיגע, באופֿן, אַז אַפֿילו צו בעקעמפֿען זי איז שוין אויך פֿאַר אים נישט קיין זעהר אנגענעמע אַרבייט. נאָר שלום-עליכם איז שוין אָבער אַריבערגעוואָקסען די גרעניצען פֿון ליטעראַטור, ער איז שוין נישט בלויז אַ ליטעראַרישע ערשיינונג, נאָר מער אַ ערציערישע. אַלס אַ קולטורעלע ערשיינונג איז ער אַ נעגאַטיווע און אַ שעדליכע, וואָרום ער האָט ערצויגען דעם המון לעזער נאַראָנים צו זיין. אַ קלייניגקייט, אַ פּאָר צענדלינגער יאָרען האַלטען יודען אין איין לאַכען פֿון שטותים'דיגע מאָנאָלאָגען! — און אַ טעות האָבען די, וואָס ווילען מיינען און זאָגען: אָט זעט איר דאָך, מען לאַכט, אַ סימן, אַז עס איז פֿיין! — ניין, אומגעקערט, מען לאַכט, ווייל עס איז אומגעלומפּערט. עס קאָן זעהר געמאָלט זיין, דאָס אַ גאַנץ פֿאָלק

מיִט זייך איִנטעליִגענץ זאָלען יאָרען־לאַנג האַלטען איִן איין לאַכען מיִט דעם כח פון אַ עפּעס, און דערנאָך זאָל זיִך אויסלאָזען, אַז דער דאָזיִגער עפּעס איִז גראָד געווען אַ נאַריִשקייט. און ניִשט נור אַ פאָלק, נאָר אַפילו אַ גאַנצע וועלט. לאַכען איִז אַ פיזאָלאָגיִשער פּראָצעס און אַנ׳אָנשטעקענדער, און וויל אַפילו אַ מענש אויפהערען, און דערגייט ער שוין אַפילו מיִט זיין קלאָרען פערשטאַנד, דאָס עס איִז ניִשטאָ פון וואָס צו לאַכען און מען דאַרף שוין אויפהערען — קאָן ער נאָך אַלץ ניִשט. טרערען שטעלען זיִך איִם איִן די אויגען און ער איִז ניִשט איִמשטאַנד אויפצוהערען. און וואָס נאַריִשער די סבה, וועלכער האָט אַרויסגערופען דעם דאָזיִגען געלעכטער, אַלץ שטאַרקער איִז ער. ניִשט בלויז ווען עמיִצער האָט זיִך אויסגעגליִטשט איִנמיִטען גאַס און אַנידערגעפאַלען, נאָר אַ מיִנדסטער דרעה מיִט דער נאָז איז אַמאָל מעורר אַלע לאַך־צנורות. אַזוי איִז מיִט דעם איינצעלנעם. הייִנט, ווען אַ צבור לאַכט, דאַן ווערט דער געלעכטער שוין אַנ׳עפּידעמיע, איין מענש מיִט איין תנועה קען אַמאָל לאַכענדיג מאַכען אַ וועלט, דערהויפּט, ווען די דאָזיִגע תנועה איִז געווענדעט צו די נידעריגע איִנסטיִנקטען, וועלכע דריִמלען, ווי שלענגלעך, איִן די הערצער פון די געביִלדעטע מענער, און נאָגען דאָרט, ניִשט ווייִנציִגער, ווי ביי דעם המון.

די יודישע אינטעליגענץ האָט דאָך תחלת זיך אַראָפּגעלאָזט צו יודישע ליטעראַטור און בלויז אַ טובה געטון דעם יודישען מחבר. מען איז געקומען צו דער מאַמען יודיש, כדי לאָזען ביי איר פאַרטון אַ טרער, אָדער זיך אַ ביסעל אָנלאַכען, מענשען מיט אַ פיינערען געשמאַק און מיִט העכערע פאָדערונגען לגבי אַנדערע ליטעראַטורען, האָבען יאָרען לאַנג געגאָסען מיט טרערען לייענדיג אַ סענטימענטאַל לידעל פון פרוג איבער „דאָס ביכעלע דאָס קליינע״, ווייל אַזאַ סאָרט ליטעראַטור האָט זיי נאָך אַ ביסעל צוגעבונדען צו דער אַלטיִטשקער מאַמעס ספאַרטוך. און אַזוי האָט מען מיִט הנאה געלאַכט אַ סענטימענטאַלען געלעכטער אויסהערענדיג די יודענע מיט דעם טעפּיל. קומט מען צו אַ יודישע מעשה ווילט זיך אַ לייכטס און אַ פעפערדיגס, ווי

ייִדישע פּיש. שלום-עליכם האָט אַזעלכע פּיש געליפערט דעם עולם אין אַ משך פון אַ פּאָר צענדליגגער יאָרען. קאַרפּען, עכּ-שען, קוריסען און פלאַטיצעס. טוביה, מנחם מענדעל, אַ שדכן, אַ בדחן, שמענדריק, פּיפּערנאָטער, דער בלוטיגער שפּאַס... יאָ גט'ן זיך צי נישט גט'ן זיך... ח-ה, ח-ה. אוי, קאָמיש, מען קאָן זיך האַלטען ביי די זייטען. מיט אַ שען ביסעל ניבול-פּה און מאוסע רייד. גראָבע ווערטער זענען געווען שלום-עליכם'ס קינסטלערישע הויפּט-מיטלען, באופן, אַז אָפט ווערט אונפערשטענדליך, ווי אַזוי, הערען אויס דעם דאָזיגען מחבר און נאָך קייכענדיג פון געלעכטער אינטעליגענטע מפונקים און איידעלע פרויען, אָט די זעלבע דאַמען, וועלכע וואָלטען זיך פילן זעהר נישט גוט ווען זיי וואָלט אויסקומען צו הערען דעם זעלבען יודישען אויסדרוק אין אַן אַנדער צייט און ביי אַן אַנדער סביבה. וואָס האָט ער געזאָגט? „דאָס פּיפּיקעל”? — ח-ה, ח-ח! — אָט אַזוי איז שלום-עליכם געווען פאַר דעם פאָלק אַ ווארים שטי-בעל אום ווינטער מיט אַן אייגען גרויס געזינדעל, וועלכע טוליען זיך איינער צום צווייטען, קעפּלעך מיט פּיסלעך געפּלאָכטען, וואַרים, געמיטליך, כאָטש די לופט כלל נישט אַזוי זויבער, און גלייכצייטיג געדינט פאַר דער העכערער געזעלשאַפט פון פיינע הערען און דאַמען, וועלכע האָבען שטילינקערהייד ליב המונישע פערגעניגענס נאָך שטאַרקער און ליידענשאַפטליכער, ווי דער המון אַלס אַ זומער-קור-אָרט, וואו די דאַמען ערלויבען זיך צו דעקאָלטירען אַ ביסעל מער, ווי דער שעור. שלום-עליכם'ן האָט מען דערלויבט.

צווישען פרעמדע.

איִן יאָר תרפ״ב לבריאת העולם האָב איך אַרומגעבלאָנקעט איִבער דער שטאָדט וואַרשא.

ווי אַ מת אויף דעם עולם התוהו,
מיִט אויגען שאַרפע ווי אַ מת,
ווי מלאך־המות מיִט אויגען פֿול.
און איִך האָב געזען; אַלץ אַרום געזען.
איִך האָב געזען, ווי זיי זענען פֿערשמאַכט,
אויסגעחלש׳ט און פערליִגנערט.
און נאָך האָב איִך געזען:
אַ ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסע מיִט אַ בליִנדער פלייצע,
און אַ שטומער שלאָס אויפגעהאָנגען אויף דעם שטייף־געדריִקטען מויל.

געגאַנגען איִז מאַסע און מיִטגעשלעפּט אַ שווערע לאַסט.
און דערנעבען, פון דער זייט, אַ הייפעלע מענשען, וועלכע האָט געגאָנט אַ ריִזיִגען און שוימיִגען ליִגען.

און אַרויסגעזויגען פֿון איִם גלאַנץ איִן די אויגען אַריין, שטייפקייט איִן דער ברוסט, זאַפט איִן דער שטיִם און קראַפט איִן דער פויִסט.

און זיי האָבען געדונערט, די בראש־שפּריִנגערס, צו דעם טעמפּען פֿאָלק, איִן נאָמען פֿון דעם פֿאָלק:
אַלזאָ שפּראַך דאָס פֿאָלק!

און עס האָט געלויערט אַ געפאַר:

מיר זאָלען פערלירען דעם צלם אלקים, אַכטונג צו זיך און כבוד פון דעם אָרום.

עס האָבען זיך געדרעט מענשען אין דעם צופוילטען אָרום, בלויז גופים, אַלטע לייט.

מיט אַ ליילקע-ציבעך אין מויל,

איינציגער קען-צייכען און שטיין-פונקט,

קלוג אַריינגעשפיגען אין דעם אייגענעם געוויסען אַריין.

און מען האָט געלייקענט און געקושט די פרוי פאַר אַלעמען אין די אויגען.

געלאַנגווײלט זיך און געקושט.

און ווער ווייסט, וואָס אין דער צוקונפט וועט געשען!

מיר זענען עדות געווען, אַז צוליב אויסגעטראַכטע אמת'ן האָט מען מענשען-קעפ געהאַקט און יריעות פון תורות אין מיסט צווישען מייז געוואָרפען, און געשפיגען האָט מען פייערליך פון טריבונע אַראָב מיט אויגען גלאַנצענדיגע אויף אַ דורות-הויך.

און האָט ווער גע'טנעה'ט:

— אוי, ראַטעוועט דעם מענש! שאַנעוועט דאָס קינד! בלויז אַביסעל מאַרך פון אַ קליין כשר עופה'לע, מענשען-קינד, איז מיר ליבערשט פון דעם נייעם בנין!

האָט מען אים בעשפיגען מיט בליי און קינדער-גופים'לעך, פערמויערט אין די נייע פיראַמידען.

אָבער פיראַמידען שטייען שוואַך און וואַקלענדיג.

און פאַלען זיי אום, קראַכט די וועלט.

און ווער ווייסט, וואָס אין דער צוקונפט וועט געשען!

ווי, צו אונז, מיר זענען אָבגעריסענע.

ווי אייז-שטיקער אָבגעריסענע שווימען מיר אָרום אין דעם אונענדליכען עלענד.

פערלאָזענע פון טאַטע-מאַמע-פאָלק, דערום אַזעלכע צאַנקענדיגע.

פערגעסען דעם „מען טאָר נישט״ און אויסגעפּיירליכט: מען מעג!

דערום אַזוי אָבגעשוואַכט און אָבגעבראָכען מיט דער גרינער גאַל.

אַלט און אָבגעצערט פון פריסטער קינדהייט אָן.

אָן אַ צאַרט מענטעלע און אָן שטאָלץ פאַר אַנ׳איך. צונויפגערוקט זיך אַנ׳אַלטע עדה פון בלויזען יונגוואַרג, יונג — עלטער פון אַלט.

פערשמאַכט און אויסגעלאָשען. בלויז מיט דעם לילקעציבעק אין מויל.

געוואַלד, מיר ווילען נישט שטאַרבען!
עס וויינען אין אונז מיליאָנען זאַפטען:
געוואַלד, מיר קאָנען נישט אונטערגיין!
אייביגקייט פערלאַנגען מיר.

ווי שטענדיג, ווי פון אייביג, ווי אונזערע נאַאיווע עלטערן.

אייביגקייט — דאָס איז אונזער סטיל און איין-און איינציגסטער קלאַנג.

וואָרום די ערשטע, וועלכע האָבען דאָס דאָזיגע געטליכע וואָרט אַרויסגעדונערט, זענען געווען מיר, דאָס העברעער-פאָלק.

עס וואָלט ווער בעדאַרפט אַרויסלאָזען אַ געברום:

אויסטיילען זאָלען מיר זיך אַ קליינע קהלה פון דעם גיהנום-קעסעל און אַוועק אין די ווייטע מדבריות אַריין און מיט טראָגען אין דער הויך דעם פאַקעל פון וואָרט און מענש ביז אין אַ נייער צייט.

וואָרום אַלץ אַרום איז פערליגנערט, פערקינסטלערישט, פערטאַלענטפולט, בעגאַבט, ווירטואזיש-פערקונציגט, אָבער נישט מענשיש.

עס געוועלטיגען אין אַ גרויזאַמער גריס דער פראַכטפולער ליגען און עלעגאַנטער שוידער.

גיי און זאָג בלויז און פשוט: אוי, אַ בראַנד האָט אויס־
געפלאַקערט אין מיינע ביינער! אָדער: עס ציטערן פון אַרומיגען
פראָסט אַלע מיינע גלידער! — וועסטו זיין צו שפּאָט.
אַ פּשוט מענשליך וואָרט איז דאָך צו שאַנד און שפּאָט.
וואָרום עס איז דערלויבט נור אַלט און פער'חלש'ט צו זיין.

אין נייסטע דערגרייכונגען פון קינסט און וויסענשאַפט
ווילען מיר קרעפטען שעפען פאַר דעם קיום פון מענש און פאָלק.
די דעגענעראַציע און דעקאַדאַנס, די דאָזיגע צוויי בייזע
הינד, אונזערע בעסטע מיטהעלפערס צו פערשמייסען אָבפאַל
און שטיקענד־שטויב.
ווען אברים שטיקערווייז פוילען פון קערפער, מוזען
אַרויסשווימען די ברויזענדע בלוטען פון פאָלק, טרייע היטערס,
וואונדען צו היילען.
עקספרעסיאָניזם:
דאָס, וואָס עס איז דאָ, דאַרף מען נישט צו געבען, נאָר
שאַפען אַ וועלט פון דאָס ניי.
און פון דאָס ניי אויך זיך,
און אויך אַ פאָלק.
לעבען און בליען זאָל דאָס פאָלק.
ביז אין דער ווייטער אייביגקייט אַריין!

און נאָך טליעט אין האַראַץ אַנ'איבערצייגונגס־קראַפט:
אָבהיטענדיג אונזער אַלטען שטאַם, בעשיצען מיר יודיש קולטור.
יודיש קולטור איז אַ וועלט־געווינס.
אייגענאַרטיג און קרעפטיג האָט אין אַלע דורות אָבגע־
היטכט ישראל'ס שטים.
ווי אַ לייב האָט ישראל געברומט.
און נאַכהער פערטיידיגען מיר דעם מענש.
וואָרום מיר זענען אַ מוסטער־מענש געווען.

טרייע היטערס פון יונג-פולסירענד און פריש לעבען געווען.

און רעדט דען ווער פאַר זיך?

וואָס בין איך עפּיס איינער? איינער? אַ שליח בין איך פון דורות ווייטע.

עס האָבען מיך אַרויסגעשיקט דורות-רייען, איינגעהילטע אין קיטלען און טליתים, פרומע און קרעפטיגע, מענער פון איי-ביגקייט און מיך געשיקט אָנזאָגען:

געדענקט אָן אונז!

און זייערע קולות הילכען אַרויס פון מיין שטים, עס זינגט זייער געשריי אין אַלע מיינע גלידער:

בעדענקט זיך, איר שמאַכטענדע און פער'חלש'טע.

קומט זיך ראַטען מיט אונז.

טאַקע ווען איר גאַרט נייע פונדאַמענטען צו גרונדפעס-טיגען, ווען איר שאַלט-אויס: מיר בויען פון דאָס ניי! — פרעגט אַ פריער אונז, די אַוועקגעגאַנגענע.

און האָרכט זיך איין אין אונזער קלוג געשעפטשעריי.

ווייל מיר זענען קראַפט געווען, ווייל מיר האָבען כבוד צו זיך געהאַט און אַכטונג געוועבט, ווייל מיר האָבען צו די הימלען נענטער געגענט.

אין דעם יאָמער־טאָל.

געשריבען אין אוקראַינע אין יאָהר תרע"ט.

אַח, אַח, כאָטש נור אַביסעל מער מוט און כח מיט איינגעקרעמפטער רויגקייט צו זאָגען נאָך עטוואָס, אַ קנאַפ ביסעל ווערטער, געציילטע, אַפריער איידער מיר, דאָס רעשטעל פאַרבליבענע יודישע קינדער, דער וועלט שחיטה־שפּעלאַך, קאַנדידאַטען אויף האַק און חלף, — איידער מיר וועלען אויך אַוועק פון דאַנען, פון דעם דאָזיגען יאָמער־טאָל, באַשיינענדיג מערק און פלעץ מיט אונזערע תליות, אַלס וואַרנונג און דראָונג.

און מיר וועלען אַוועק פון דאַנען. וואָרום אויף אונזערע ביינער שציִרען די ציין בייזע וועלף פון אַלע עקען, אויף מזרח און אויף מערב, אין וואַלד און אין שטאָדט; וואָרום פון אונזער בלוט ווילען אַלע מאַכען ביטלאַך צו היילען אייגענע צרעת'ן, וואָרום אונטער אונזערע העלזער הענגען אָנגעגרייטע מיילער, שיכטען און נאַציאָנען מיט מיילער, גרייטע צום זויגען און פאַרגיסען.

און דאָס וואָלט זיך וועלען זאָגען, געפינען אין זיך מוט און קראַפט, איינגראָבען דעם קאָפּ צווישען די צענדליגער טויזענטער יודישע קברים און הויך אויסשרייען: נישטאָ קיין האָפנונג, ווי עס איז נישטאָ אויף וועמען צו באַקלאָגען זיך און אויף וועמען צו גוואַלדעווען. וואָס פאַר אַ בייזער און שפּאָטישער ווילען האָט דאָס אויסגעטראַכט, אַז עס איז פאַראַן

בעזונדערע מינים עלעמענטען? אַלעס איז פינסטער, אַרום און אַרום שטאָק-פינסטער.

נישטאָ שוין קיין טרערען און קיין פערדרוס. דאָס אַלעס האָט זיך אויסגעלאָזט. צו אַלעס איז פאַראַן אַ גרעניץ. אַלעס ווערט אויסגעשעפּט. פערמאָגט דען נאָך דאָס פאָלק אַ טרערען-קוואַל?

איינמאָל האָט דאָס פאָלק דאָס גליק צו בליהען און שעמערירען מיט בית-המקדש פּראַכט און גלאַנץ, און איינמאָל האָט דאָס פאָלק דאָס גליק צו האָבען אַ ירמיהו, אונזער צאַרטעסטע פידל, אונזער קרוין, דער כהן און דער נביא און דער לעצטער זיידענער ירושלים-יוד.

אָבער מיר? מיר? וואָס זענען מיר? ווער זענען מיר מ'שטיינס געזאָגט? וואָס זענען מיר לעבעדיגערהייט און מכל-שכן אויסשטרעקענדיג די העלזער? אַח, אַח, כאָטש נאָר אַביסעל מער מוט און כח מיט איינגעקרעמפּטער רוהיגקייט צו... מקנא זיין אונזערע אבות און די אבות פון אונזערע אבות. זיי זענען געווען גרעסערע חכמים, ערפאַרענע. זיי האָבען פערשטאַנען צו פּאַראַכטען, נישט בלויז דעם רוצח מיט דעם אויסגעשטרעקטען חלף, נישט בלויז אין די לעצטע גסיסה-מינוטען, נאָר מיט אַ פיל מערער אין דויערנדער פּעראַכטונג וועלכע האָט זיך געצויגען אַזוי לאַנג, ווי דאָס לעבענס-שנירעל, און אַזוי ברייט, ברייט, ווי דער שטח פון דעם יאָמער-טאָל מיט זיינע איינוואוינער.

אַ פּעראַכטונג, אַ פולע און אַ טיפע, פון דעם גאַנצען האַרצען, פאַר דעם גאַנצען אַרום און אַרום. זיי האָבען נישט נאָר געוואוסט אָבצושאַצען די ווערט פון די אומות העולם מיט זייער געזעצליכקייט, רעכטליכקייט, מיט זייער מלוכה-אָרדענונג און גאָטעס-דינסט — זיי האָבען דאָך זעלטען אָפּגעגעבען דאָס רעכט פערעכנט ווערען אַלס מענשען — נאָר זיי האָבען אויך געהאַט די הבנה, די אמת'דיגע און אויסשעפּליכע, תופס צו זיין און אָפּצושאַצען ווי געהעריג דעם גאַנצען עולם-התחתון; זיי האָבען געוואוסט צו שטאַרבען פעראַכטענדיג דאָס בייזע אַנשי-קעניש, דאָס שפּיצעל, וואָס הייסט לעבען, אין וועלכען אַלעס

איז אַזוי עקעלדיג און נידערטרעכטיג. דאָס עס איז באמת גישט כדאי. נישטאָ נאָך וואָס צו גאַרען, וואָס צו האַלטען און נאָך וואָס צו לעכצען. דערפאַר זענען זיי געפלויגען צום טוידט ווי צום טאַנץ, נישט אָנפּילענדיג די גאַסען מיט יאָמערייען צו גלעטען די שונאים'ס אויערען און לוסטיג צו מאַכען זייערע הערצער.

נאָך וואָס זשע ראַטשקעווען מיר זיך אַרום דאָ, אין דעם דאָזיגען יאָמער-טאָל? וואָס פּלאָנטערן מיר זיך אויף דעם דאָזיגען וויסטען שטיקעל ערד-שטח? וועמען האָבען מיר דאָ? צי ווייסען מיר נאָך נישט וואָס פאַר אַ מינים בעשעפענישלעך קריכען דאָ אַרום? צי ווייסען מיר נאָך נישט ווער זענען די אַלע, וואָס לעבען, געוועלטיגען, בויען שטעדט און מערק און דערמאָנען נאָך דעם נאָמען פון גאָט, פון אַ גאָט און פון גאָטס קינדער? און ווער זענען מיר, טאַקע מיר אַליין, וואָס האָבען נאָך מוט און לוסט צו בעטרעטען די דאָזיגע וויסטע ערד, ציען ווייטער דאָס לעבענס-שנירל און קוקען זיי אין די אויגען אַריין, די אַלע, אַלע אַרומיגע, אָן אונטערשייד?

אוי, אוי, אַלמעכטיגער, שווייג זשע נישט! זיין פאַרשווייג נישט!

ציה אַביסעל מער אַרויס דאָס גיהנם-פייער, צעבלאָז דעם פלאַקער, זאָל פייער העלער זיין און שטאַרקער זיין. אַרומכאַפּען אַלעס. אַרום און אַרום. איין גורל פאַר אַלעמען, פאַר אַלעמען.

וואָס זשע דען, דערבאַרמהערציגער? אַנדערנס אויגען אָלען צוזען, ווי מיר גייען אונטער?

איכה?...

וואָס פֿאַר אַ כח האָט געשטעקט אין דער דאָזיגער פֿירטער וואַנד, אין דער מערב'דיגער, וואָס האָט אַזוי פֿיל יאָרהונדערטער איבערגעלעבט און זייענדיג אַליין אַזוי שוואַך און געפֿאַלען האָט זי געדינט אַלס אָנשפּאַרעניש פֿאַר אַזוי פֿיל פּלייצעס פֿון הונדערטער יודישע דורות? —

אַזאַ שוואַכינקע, אַ רעשטעל. אַ פֿערשעמטע און שמייט אַזוי לאַנג פעלזען־פעסט!

אַ קליין ביסעל יאָהרען, געציילטע, זענען געשטאַנען די צוויי בתי מקדשים על מכונם, אַזוי ווינציג רויגע און גליקליכע יאָרען. אַזוי ווינציג צייט האָבען יודען פערמאָגט דאָס, וואָס זיי האָבען פערמאָגט. אָבער די בענקשאַפט נאָך דעם, אָבער די גערונג צו דעם זענען אַזעלכע דויערענדע!

טיף האָבען געמוזט זיין פֿערבונדען גאָט, לאַנד און פֿאָלק, מיט אַ העכערער, איבערמענשליכער ליבע האָט ישראל געמוזט זיין געקניפּט מיט זיין קורץ־דויערענדעס גליק, אַז ער האָט געקאָנט האַלטען דאס און קושען נאַכהער דורות־לאַנג אין טרוים, אַז דער טרויער נאָך דעם האָט זיך געקאָנט אויסשפּרייטען אַזוי ווייט און ברייט, אַז בלויז די בענקשאַפט נאָך דעם איז געוואָרען אַ גרויס יודיש פערמעגען, וועלכעס איז געשעצט געוואָרען דורך אונז העכער, ווי אַנדערעס האָב־און־גוטס און האָט אַריבערגעשטייגט מיט זיין קראַפט און ממשות'דיגקייט אַנדערעס מאַטעריעלע גיטער.

העכער פון אלע אייזען-און-פייער-ווענט פון די וועלט-מעכטע האט זיך דערהויבען די איינגעפאלענע כותל-המערבי.
זי האט געוואקסען צוזאמען מיט דעם געשריי: איכה! —

און אויף וואס האבען די אבלים מערער, ווי אויף אלעם, זיך געקלאגט? —
אויף דער עהרע, אויף דער פערשוועכונג פון דעם יודי-שען כבוד. אויף די פערטונקעלטע גאלד און פראכט.
עס זענען נישט בעוויינט געווארען די געפאלענע מאכט, די פערוויסטע פעלדער און די אוועקגערויבטע גיטער, נאר די פערשוועכטע פראכט.
גאנץ „איכה” איז פול מיט דעם, דאס מיר זענען צו שפאט געווארען, די עלענדקייט צווישען די אומות. די שאנדע אונזערע. אלע רעדען פון אונז. מאכען פון אונז א זמר.
איכה ישבה בדד.
אבער אין דעם אליין שטעקט שוין א טרייסט.
איך בין עלענד, ווארום איך בין זיידענער, ווייל איך בין יונגער.
מערער פון אלעמען האט געוויטאגט נישט דער ממשות’-דיגער אומגליק, נאר דער פערשוועכטער כבוד.
אלטע לייט בעוויינען דעם מאטעריעלען שאדען, נאר די יוגענד בלוטיגט פאר דער עהרע.
איכה — אזוי וויינט די יוגענד.

וואס זאגט אונז די וואונדערליכסטע איכה? —
זי רעדט צו אונז וועגען אונזער אייביגער יוגענד, א פיל קרעפטיגער ווי „שיר השירים”.
אזוי הארציג בעוויינען אנ’אייגענעם אומגליק, אזוי מאכען פון זיך א וועזען, אזוי זיך נאנט פילען צום טאטען אין הימעל, ביז צום פיעסטשען זיך פאר אים וויינענדיגערהייט, קאן נאר א

קינד מיט יונג-פולסירענדעס בלוט, וואָס איז ביי זיך זער חשוב.

האָט אַ וועלכע-עס-איז אומה גאָר געהאַט די העזה צו מאַ־כען פון זיין אומגליק אַוועלט-טרויער, אַזוי הילכיג ברומען, ווי אַ פערוואונדערטער יונגער לייב? אַנדערע זענען געפאַלען, ווען זיי זענען געפאַלען, ווי די פליגען. אַראָב מיט דער קאַסע, און נישט געבליבען. אָבער ישראל האָט געשטורמט.

נור מענשען מיט בלינדע הערצער פערשטעהן נישט צו שעצען די שענקייט פון געוויין. וואָרום זיי מיינען, אַז גבורה הייסט אַ פרעכע בעריהמעריי מיט געזונטע מוסקולען. געוויין שלאָגט פון איין קוואַל מיט לאַכען, פרייד און געזאַנג. גאַנץ „איכה" איז פול מיט אַ קלאָג אויף די יונגע קינדער. אַ געוויין אויף דער יוגענד. די בחורים, די בתולות.

געוויין איז אויך אַ בעוויז פון גבורה, ווי פון האָפנונג און גלויבען, וואָרום פערשטיינערטע הערצער שטומען. דעריבער איז „איכה" אַזוי פיל מיט יונג-פולסירענדען גלויבען און די טרערען פאַלען דאָ, ווי לויטערע ברילאַנטען, יעדע טרער — אַ ברילאַנט.

קינדערשע טרערען! —

און אַזאַ נאַיווע, קינדערשע פראַגע: איכה!

אַ מאָדנער טרויער דער יודישער. אַזאַ איינענאַרטיגער, קיין טראָפען פון יאוש, קיין סימן פון פערצווייפלונג, אַ דורכזיכ־טיגערג אַ טויאַיגער, אַ דורכגעזאַפטער מיט האָפנונג און גלויבען. יודען זענען געווען אַ פאָלק און ווילען דאָס בלייבען. עס איז פשוט געשען אַנ'אומגליק. דער אויבערשטער האָט זיך צוביי־זערט און געשלאָגען זיינע קינדער. מילא, האָט ער זיי גע־שטראָפט. עס איז אָבער אַ בזיון פאַר לייטען, דאָס געפיינינגטע פאָלק, דאָס אַזוי געשטראָפטע האָט אַצינד, געשטראָפטערהייד, קיין גרעסערע זאָרג נים ווי זיך אָננעמען די קרייוודע פון דעם טאַטען אין הימעל, איז דאָס נישט אייגענאַרטיג? שטעקט נישט אין דעם דער יודישער זשעני, די גרויסע קראַפט פון ליבע צום

שטאַטען אין הימעל. דעריבער איז אַזאַ היימישקייט מיט דעם רבונו של עולם, אַזאַ נאָנטער טאָן. אַ פֿראַגע מיט אַ סטייטש!— גאַנץ איכה איז פֿול מיט פראַגען, מיט דעם דאָזיגען סטייטש, גוט ווערט דאָך זיין, אָבער דערווייל, דערווייל די שאַנדע פֿון דערווייל — איכה!

און איצט איז אָנגעקומען געוואָרען גריגצושעצען דעם אַלטען יודישען טרויער, דאָס לויטערסטע, וואָס מיר האָבען פֿערמאָגט.

אַזאַ אַרט איז שוין אַצינד. אַזאַ שטייגער לשון.

עס מאַכט ניט.

אַ סך שעצבאַרעס פֿון אונזער פֿערמעגען ווערט איצט גריננגעשעצט. מאַטעריעלע גיטער זיצען אַצינד, אויבען־אָן. יודישקייט, וועלכעס איז שטענדיג ניט דערשעצט געוואָרען, האָט פֿערשטאַנען, אַז קלוג זיין — הייסט צו בעזיצען די קראַפֿט פֿון געדולד.

וואַרטען און האָפֿען.

איכה זאָגט:

עס בליהט אין אַלטען יודישען טרויער די גרינע האָפנונג. יודישקייט טרויערט און וואַרט.

ימים־טובים.

צו אַלער ערשט איבעראַשט אונז אין די ימים־טובים דער ווייטער שוואונג. דער ברייטער פערנעם פון די הויכע ציילען, דאָס בעוואוסטזיין, אַז טעג, מענש און זאַכען, אַפילו דוממים, זענען ענינים פון הויכער וויכטיקייט. יום־טוב — דער טאָג איז אַ גוטער. דער טאָג איז אַ געהייליגטער. אָט די און די מעת־לעת'ן אין יאָר ווערען אויסגעטיילט אַלס בעזונדערע פערזענליכקייטען. פון דאַן אָן ווערען די ימים־טובים איינגעפלאַנצט אויף דעם שטח פון אַ יאָר וואָכעדיגע טעג, ווי ליכט־זיילען, צווישען וועלכע דער מענש שפאַנט און מיט יעדען שפאַן דערנענטערט ער זיך אַלע מאָל צו אַ נייעם פייער־טאָג. מען זאָגט שוין: דאָס און דאָס איז געשעהן עטליכע וואָכען פאַר פסח! אָדער עס האָט פאַסירט אַ פאָר וואָכען נאָך פסח. „פאַר יום־טוב שבועות" אָדער אַ קורצע צייט פאַר סוכות! דאָס גאַנצע יאָר ווערט דאדורך ווי געהייליגט. די וואָכעדיגע טעג פעררוקען זיך אין די פאַלדען פון די ימים־טובים קאָרטשען זיך דאָרט צונויף און דאָס קיילעכדיגע יאָר זעט אויס אַזוי אַרום, ווי אַ לאַנגער יום־טוב מיט הפסקות. ווי קאָרידאָרען, וועלכע פירען פון איין אויסגעפוצטען סאַלאָן אין צווייטען. דערהויפט האָט זיך דערמיט אויסגעצייכענט דער פסח, וועלכער האָט זיך פונאַנדערגעגאָסען ווייט און ברייט, ווי אַ טייך אום פרילינג. לענג־אויס דעם מרה־שחורה'דיגען ווינטער. שוין דאָס קליינינקע זעקעלע מיט מצה־שמורה־ווייץ, וואָס פלעגט אַראָבהענגען פון דער סטעליע אַראָב אין דעם משך פון די אַלע

זעקס חדשים מיט רעגנס און פֿרעסט. האָט אַלע מאָל דערמאָנט אָן דעם פֿרידליכן און גליענדיקן ערבֿ־פּסח׳דיקן אויוון, און רעדלען און באַקען, און אַ נײַ אַנציגל און אַ זמן חרותנו בשעת גלײַך נאָך דעם געדרײדלטן „נס גדול היה שם" האָט מען זיך תּיכּף גענומען צום פּרעגלען דעם פּסח׳דיקן שמאַלץ און זיך גרײטן צו די פֿרײע און הייליקע טעג. דער בעגריף פֿון בלויזער צײַט איז פֿערקניפּט געוואָרען מיט הייליקייט און דאָס לעבן איז דערהויבן געוואָרען צו אַן ערנסט. דער מענש האָט דעם יום־טובֿ פֿערהייליקט און דער יום־טובֿ האָט דעם מענש דערהויבן.

מיט הייליקייט דאַרף מען זיך אָבער בעגײן זייער פֿאָרזיכטיק. עס טאָר ניט זײַן איבערפֿלוס דערפֿון. אײנטאָניקייט מאַטערט אײַן. אַ קדושה מוז זײַן אײַנגעהילט און, ווי אַ בת־מלכּה בעגלײט ווערען דורך העראָלדען און שלײף־האַלטערס. דער ערבֿ, דער חול־המועד און דער אסרו־חג, פֿירען די יונג־פֿרוי יום־טובֿ אַרײַן אין איר געצעלט. די ערבֿ׳ן בעדינען, גרײטען צו, ציען דעם גלאָק: זײַט גרייט! רײניקט אײַך! דער חול־המועד איז אַ פֿײערליכער אַנטראַקט, אַן אָבּהעטעמען. צופֿיל יום־טובֿ איז אַ מענש ניט אימשטאַנד אַריבערצוטראָגען. און הייליקייט וואָס פֿליסט אַריבער די ברעגעס, ווערט פֿערשוועכט בײַ דעם מענש, וועלכער קאָן נישט לאַנג זיך בענוצען מיט אַ גאָלדענער כּלי, ער זאָל זי ניט אָנהויבן צו שימפּען און גריזגשעצען נאָך ערגער, ווי דעם ערדענעם טאָפּ. די פּויזע קלינגט אויס נאָך פֿײערליכער, ווי דער טאָן, מען דאַרף קענען צוהערען די פּער׳חלש׳טע און פֿילבעדײַטענדע שטילקייט. דער חול־המועד איז אַ יום־טובֿ אַ פֿערהוילענער, אײַנגעהילט אין וואָך, אַ ל׳וואוניק, אַ פֿרומער האָלץ־העקער, אַן אָנזאָג. אַז וואך איז אַן אײביקער יום־טובֿ. און מהאי טעמא, ווײַל דער חול־המועד איז אַן ענו, אַ פֿײער־טאָג מיט אַ געלינדערטער שטרענגקייט, איז ער אונגעהויער זיס און שאַפֿט אָפּט מעהר גענוס, ווי דער יום־טובֿ אַליין. ווער געדענקט נישט פֿון די קינדער־יאָרען, ווי ליב און שטאַרק זענען דאַן געפֿײַערט געוואָרען די דאָזיגע פֿיר טעג וואך? — און

כּדי די הייליגע פֿעלדען זאָלען נישט איינגעשמירט ווערען אין וואָכעדיגען שטויב, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אייזען-פּעסט דער אסרו-חג, די מחיצה. דער וואונדערליכער אויסקלאַנג. די געשענקטע הוספה און דאָס הייליגע אַש, פון וואַנען עס וואַקסט ווידער אויס דער בלויער פויגעל און שטייט אויף צו תחית-המתים. וואָרום אסרו-חג זאָגט: דער יום-טוב איז ניט אָבגעשטאָרבען. ער האָט בלויז איינגעהילט זיינע טריט און איז אַרייגעטריפּט געוואָרען אין דער גלוסטיגער ערוואַרטונג. וועלכע איז פּראַכטפולער ווי די אַלץ צופּרעסענדע ערפילונג. פון דאַן אָן איז די אייביגע פרייד צוגאָפּען, ווי אַ שטיל-שטראַלענדע געמיטליכקייט, איבער אַלע דריי הונדערט מיט פינף און זעכציג טעג פון דעם קיילעכדיגען יאָר.

אויב אַלע ימים-טובים זענען הייליגע, איז פּסח דער הייליגסטער. דער שיר-השירים. דער פּסח דערהויבט זיך פון דעם יאָר אַרויס, ווי אַ ליכט-טורם, אויסגעטאָקט און געשליפען, כליל-השלימות. ווי אַ געניאַל קונסט-ווערק: אַלץ איז דאָ דערהויבען צו סימבאָלען: מענש און זאַכען, חמץ און מצה. מרור און ארבע כוסות. די להמא עניא און דער אפיקומן. די קערה איז אַ וואונדערליכער צירוף און איבערראַשענדע קאָנצעפּציע. צווישען אירע ענגע גרעניצען האָט זיך אויסגעלעגט אַ וועלט-אנשויאונג, צווישען אַלע איבריגע ימים-טובים איז פּסח די שאַרפסטע פּערזענליכקייט. די פלאַם-פייערדיגסטע. פּסח איז אַ מין שרף, פון וועמענס ברענענדיגסטע נאָז-לעכער רויכערט אַ האַסטיגער גרימצאָרן. אַ נזיר און אַ קפּדן דערלאָזט ער גאָרנישט אין זיינע ד׳ אמות. ער קאָן קיין השש חמץ ניט אַריבערטראָגען און איז מקפּיד אפילו אויף אַ משהו. איינער פון די גרעסטע מתבודדים. וועלכע פערברענען אַלץ מיט זייערע אויגען. ווי ר׳ שמעון בן יוחאי, נאָכדעם. ווי ער איז אַרויס פון דער היי׳ל, שטרעבט ער אַלץ עוקר מן השורש זיין און מבער זיין פון דער וועלט. אפילו אַ מינדסט ברעקעל. עס מוז געגליט און געכשר׳ט ווערען. אין פייער, און אין וואַסער. ער איז ניט מקפּיד בלויז אויף

דעם תוך. נאָר פּונקט דיזעלבע שטרענגקייט ווענדט ער אָן אויף זיך בּלים. און דער עיקר, דער משהו. דאָ האָט איר פּאַר זיך דעם שליסעל צו דער העכסטער מדרגה פֿון שעפֿערישקייט. ועניתם את נפשותיכם. פּייניגען זאָלט איר אייערע לייבער — האָט אַ יודישער קינסטלער געזאָגט — דאָס מיינט מען קונסט ווייבאַלד קונסט, מוז זיין אַסקעטיזם. אונמענשליכע מי, שטרענג פּעדאַנטיש. ניט פֿערקוקען אפילו אַ האָר. וואָרום דער אונטערשייד צווישען אמת'ער קונסט און פֿאַלשער איז טאַקי בלויז איין האָר. אין אַלעם איבריגען זעהען ביידע אויס כמעט ווי איינע און דיזעלבע. פֿערקערט, די פֿאַלשע שעמערירט און פֿערבלענדט נאָך מער. פּונקט ווי דער אמת'ער נביא און דער נביא השקר רעדען דיזעלבע רייד און ביים פֿאַלשען איז דער פּאַטאָס נאָך אפילו גרעסער. מען דאַרף אָבער האָבען אַנ'אויער צו אויפֿכאַפּען דעם דאָזיגען משהו, וועלכער איז דאָס וואָג־צינגעל. אַזוי אַרום איז פּסח דער אַסקעט, אַנ'עכט יודישע שאַפֿונג. יודען האָבען אַלץ אַזוי געטון. צוערשט אָבגעוואויגען אויף וויפֿיל אַ מענש איז אימשטאַנד אַריבערצוטראָגען, און דערנאָך געשאַפֿען דאָס געזעץ. אָבער ווי באַלד דאָס געזעץ איז שוין אויסגעקריצט געוואָרען, איז יהרג ואל יעבור. אויף אַ האָר ניט. פּסח איז טאַקי דער יום־טוב פֿון דעם גרויסען פּייניגען זיך. און דערום איז ער איינגעפֿלאַנצט אין דעם יאָר, ווי אַ שטאַרקער קרעכץ, וואָס רייסט זיך אויס פֿון פֿאָלקס האַרץ אַרויס, איינמאַטערנדיג זיך ביי זיין קבלת פּנים און מיד־ווערענדיג פֿון זיין שטרענגקייט. פּסח וואַרפֿט אָן אַ שרעק מיט זיין וואַשען און רוימען, מיט דעם גליען און טובל'ען, מיט דער שטרעבונג צו פֿאָלקאָמענהייט. ער פֿערשאַפֿט גרויסע יסורים, אָבער ליב זענען ביים פֿאָלק זיינע יסורים, ווי ליב זיי זענען דעם קינסטלער. זענענדיג אַ שרף און אַזאַ בייזער האָט דאָס פֿאָלק דעריבער פֿערפֿילפֿאַכט זיין ליבע און אַכטונג צו אים. און געשעצט און געקרוינט איז ער, ביי אַלעמען, סיי אַלט און סיי יונג. דערהויפּט ביי יונג. פּונקט ווי אַ ציטעריג בן־יחיד'ל, פֿון וועלכען מען איז אויסגעשטאַנען אַ סך שמערצען און איז דערום נאָך ליבער.

דאָס גענײַאַלע קונסט־ווערק איז פּערענדיקט. דאָס בילד אױפֿגעצײכנט. אַלע האָבן דאָס דאָזיקע בילד געצייכנט. קינד און אַלט. דער אויוועןגליער און דער קשיות־פֿרעגער. אַלע האָבן פֿאַרבן געמישט און גענומען אַנטייל אין דעם שלײַפֿן, נישט בלויז געצייכנט, נאָר אויך עמפּפֿונדען. דאָס איז נישט געווען בלויז קונסט. די הגדה איז נישט אויסגעטיילט פֿון דעם לעבן. יעדער יוד האָט געשפּירט מיט אַלע חושים, אַז ער איז דאָס אויסגעלייזט געוואָרען פֿון גלות מצרים. ער האָט אין מדבר געוואַנדערט אַ תּורה בעקומען. קולות וברקים גהערט און וואונדער געזען. פֿון דער געטליכער דראַמע הילכען אַרויס וואונדערליך־מענשליכע טענער. די גרויסע ברידערליכקייט, אַ שטיל־שטראַלענדע אינטימיטעט. „נעם דעם כּוס אין האַנד און זאָג אַזוי". „טונק איין דעם מרור און זאָג אַזוי", — „און אַצינד זאָלסטו אַזוי טון". „און איצט שטיי אויף און נעם דעם כּוס". עס רעדט אַ ברודער און אַ פֿריינד. דעם אפיקומן בעהאַלט מען און מען געפֿינט ווידער. אַ הויך פֿון אייביגקייט. אליהו הנביא, דער גוטער און פֿערשטעלטער. דער טייערער שליח איז אויך דאָ. אַלץ פֿערוויגט און טרייסט. זאָגט אָב דעם הלל. געדענקט אין חד־גדיא. און ערשט דערנאָך ווידער דער אייביג־יונגער שיר השירים און נאָכהער גייט אַרויס אין דרויסען. עס איז פֿאַראַן איין אויגענבליק נאָך חצות. ווען דער הימעל שפּאַלט זיך. און דאַן, ווער עס כאַפּט אויף דעם דאָזיגען אויגענבליק, ווערען אַלע זיינע פֿערלאַנגען ערפֿילט.

און מיר, די עפּיגאָנען. די קליין־וואוקסיגע, וועלכע האָבען אױפֿגעהערט שעפֿעריש צו זיין און פֿערגעסען דעם סוד, ווי אַזוי מען נעמט אַ שטיק שוואַרץ לעבען און מען קנעט דערפֿון אויס אַ הייליגע לעגענדע. מיר, וועלכע קאָנען מער נישט, ווי באַפּען שיריים פֿון אונזערע עלטערענס טישען און שפּייזען זיך בלויז מיט זכרונות. — מיר דאַרפֿען מיט ערפֿורכט אַראָבלאָזען אונזערע שוואַנקענדיגע קעפּ. פֿאַר דעם דורך יודען געשאַפֿענעם גענײַאַלען קונסט־ווערק. מיט שטוינען זיך איינהאָרכען אין

דער געטליכער סימפאָניע, וועלכע עס זינגט אויס אַ פאָלק, קנין און אויך נאָכשעפּטשען:
הל-לו-יה!

יודישע טענץ.

מיט יודישע טענץ אום שמיני-עצרת און שמחת-תורה, וועלכע זענען געווען אַ פייערליכער עפּילאָג פון אַ קיילעכדיג יאָר. האַרטער וואָך און אונמענשליכע אויסערליכע און אינערליכע בעליידיגונגען, פלעגט געשלאָסען ווערען דער קרייז פון אַ שווער דורכגעלעבט יאָר, פון זיבען וואָכען ספירה-טעג, דריי וואָכען און ניין טעג טרויער-צייט און ענדליך, דער בין-הזמנים-חודש פון די ימים-נוראים מיט די ציטערנישען און פלאַטערנישען.

דאָס איז געווען א וואונדערליכע געביידע פון יודיש לעבען. אויסערליך פערקריפּעלט און אינערליך זאַפטיג, אויסגעמאָסטען און בעלעבט מיט הימליש חיות, האַרמאָניש צוגעפּאַסט, מיט פרקי אבות פאַר די לאַנגע זימער-טעג, מיט דעם וואונדערליכען, אָבער קורצען געדיכט „ברכי-נפשי" פאַר די קורצע ווינטער-טעג, און די אויבערשטע קרוין פון דער דאָזיגער געביידע זענען געווען די פלאַמענדיגע טענץ פון די לעצטע צוויי יום-טוב-טעג.

עס האָט זיך געצויגען און פֿונאַנדערגעוואַקסען אַ טאַנצענדיגע ראָד, געקייטעלט זיך יוד אָן יוד און האַנד האָט אומגעצרעמט אַקסעל, אין בית-המדרש און אין די הייזער איבער די גאַסען, דורך טיש און בענק האָט זיך געצויגען דער עגול פֿון טאַנצענדיגע יודען מיט בערד און אינמיטען זיי האָט געהאָפּקעט אַ צווייטער עגול, דער עתיד פֿון דער אומה, די קליינע קינדערלעך, דער צאן-קדשים.

דאָס איז געווען דער לעצטער אַקאָרד פֿון דעם יאָר, אַזאַ האַרציגער און מילדער, דאָס פֿאָלק האָט זיך זעלבסט געטרייסט מיט דעם „נחמו, נחמו״, אויף זיך זעלבסט רחמנות געהאַט, און איין יוד האָט אַזוי געצויגען צו דעם צווייטען, און האַרץ צו האַרץ, פֿרעמדע פֿון אַ גאַנץ יאָר זענען אום שמחת-תורה דערנענטערט געוואָרען און דם-שונאים האָבען זיך אַרומגעכאַפּט קושען. און די דאָזיגע פֿרייד איז כמעט תמיד געווען אַ ריינע, אַ העכערע, אַ ניט-ערדישע. מען האָט אפילו אַוועקגעשטעלט, אין מיטען בית-המדרש אָדער אויף דער גאַס אַ פאַס וויין און געגעבען צו טרינקען אלעמען, ביז צום פאַרשכור'ן, אָבער אין דער גרעסטער פֿרייד, אין די פֿלאַמענדיגסטע טענץ האָבען זיך צולאָזט גראָד די יעניגע, וועלכע האָבען קנאַפּ-וואָס פֿערזוכט, וועלכע פֿלעגען בעקומען דביקות פון אַנ'איינפֿאַך גלאָז וואסער. ווער האָט זיי ניט געקענט, די דאָזיגע יודען, די בעשיידענסטע, די אָרימסטע, אַמאָל איז דאָס געווען אַ מלמד, אַמאָל אַ יגיע-כפים'ניק, ניט קיין אָנגעזעענע מענשלעך, צו די עליות פֿון די לעצטע, אַ גאַנץ יאָר קנאַפּ בעמערקטע, און איצט פלעגען זיי פלוצלינג אַרויסשווימען פֿון זייערע בעהעלטענישען, פֿון דער ניט-בעוואוסטער אַנאַנימיטעט אַרויס אויף דעם אויבערפלאַך פון זודיגער פֿרייד און טענץ, אין די ערשטע רייען, די ערשטע, די אויבענאָניגע, אַראָבגעוואָרפען פֿון זיך קאַפּאָטע, אין די ווייסע אַרבעל, אָן פאנטאָפעל, אויף טיש און אויף בענק, זיך פֿערגיין, אָן בושה, ביז התפשטות הגשמיות, אין טאַנץ און אַזוי אויסטאַנצען אַ שמיני-עצרת מיט אַ שמחת-תורה, מיט אַנ'אסרו-חג, ביז עס האָט אָנגעהויבען צו שאַריען דער ערשטער גרויער טאָג פון אַ ניי

יאָר, און זיי זענען צוריקגעקראָכן געשוואומען אין וואָך, הונגער און בעליידיגונגען.

עס האָט געטאַנצט דער יודישער המון.

געפינען מיר עטוואָס ענליכעס ערגיץ וואו, אין וועלכעס עס איז לאַנד, אין אונזער צייט? —

דער ווילדער קאַרנאַוואַל, ווען מענשען לאָזען זיך אַראָב ביז צו נידריגסטע אינסטינקטען, דעקאָלטירען אין זיך זייערע שטענדיג בעהאַלטענע נטיה צו שפלות, אָן זין און אָן אינהאַלט, אָן אמת׳ער פרייד, בלויז מיט אַ כונה צו פערגעסן־זיך און צו זיין מיטגעריסען מיט דעם שטראָם, האָפּקעט מען אין די גאַסען און אין די קאַפע־הייזער, מען מורליטשעט ווי די קעץ, בילט ווי די הינד, מען קריכט אויף אַלע פיר, מען קוויטשעט ווילד און מען זינגט האַלב־שלעפעריג בילינע שאַנטאַן לידער? — צי אפשר קאָן מען דאָס פערגלייכען מיט דעם פאָלקס־זשאַק אויף דעם דאָרף, אויף וועלכען אַלע בחורים יאָגען זיך אַרום דער שענסטער. דאָרט איז דער ציל דאָך אַזוי ערדיש און נאָנט, און די שענע איז אָפט נישט גראָד אַזוי שיין.

עס איז דאָך געווען אַ דביקות פון אַ גאַנצער אומה, אַ ליבע־אויפפלאַמונג צו דער העכערער שכינה און שמחה מיט דער תורה, אַ רקוד מיט דער תורה, ווען זי איז אַ געהאַלזטע און בעגאָסענע מיט פרייד־טרערען. אַזאַ גליק! — אַזוי בעגליקט אַ פאָלק! גענומען און דעם אויפגעשענקט אַזאַ זיסע תורה, אַזאַ טייערע, און דעם פּראָסטען, דעם יודען פון דעם המון, האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס חיות פון ליבע צו דער תורה, וועלכע איז אייגענטליך געווען כמעט די איינציגע סבה פון די אַלע בייזע פערפאָלגונגען, און איר צוגעזאָגטעס גוטס אַזוי ווייט, ווייטער פון אַלע ווייטקייטען. וויפיל זעלבסט־אויפאָפּערונג האָט געשטעקט אין דעם! אַזוי נישט מאַטעריעל, אַזוי נישט ראַציאָנעל, אַזוי ליב האָבען דאָס, איבער וואָס מען ווערט געשלאָגען!—

דאָס אַלץ און אַ סך טרוים און הימלישע זיסקייט איז אַריינגעגאָסען געוואָרען אין דעם יודישען טאַנץ.

פאָרמלאָז און דורכגעדרונגען מיט אינדיווידועלען ווילקיר, זענען געווען די יודישע טענץ, ווייל זיי האָבען אַרויסגעפלאָסען פון אַ וואונש אַרויסצורייסען זיך פון יעדער פאָרם און געשטאַלט און זיך צונויפגיסען דורך ליבע און מילדקייט מיט דער העכערער און גאַנץ איבערמענשליכער פאָרם, האַנד צו האַנד און האַרץ צו האַרץ. אַלע יודען איין יוד, ווי איין בורא, איין פאָטער. מהאי טעמא איז שמחת-תורה דער נאַציאָנאַלסטער יום-טוב, כאָטש די נייע בעוועגונג האָט אים פערזען. די גאַנצע ווערט דערהויבען צו דער הויך פון אַ יחיד דורך דעם רקוד מיט דער תורה. אחדות, אַלע — צאן קדשים! — דער יודישער טאַנץ איז אַן'אייגענאַרטיגע ערשיינונג, און ער האָט נישט געשאַפען קיין אויסערליך-ריטמישע פאָרמען, וואָרום דאָ האָט דער מענש נישט געוואָלט זיך אויסטאַנצען אַלס מענש. נאָר געשטרעבט אַרויסצוטאַנצען פון זיך און דערנענטערן-זיך צו אַ העכערער פאָרם. דאָס איז געווען אַ טאַנץ אין דער טיף און אין דער הויך. נישט קאָנענדיג פערשפרייטען זיך אין דער ברייט, וואָרום ענג און בעגרעניצט איז געוואָרען פאַר דעם יוד די וועלט דורך אויסערליכע שטערונגען און אַן'אינערליכען טריב, האָט דער יוד געשטרעבט אין דער טיף און אין דער הויך. צוריק צום טאַטען אין הימעל. און ווען ער האָט געקלאָגט אויף „גלות-השכינה", האָט ער זיין האַרץ אַזוי אויסגעקלאָגט: „יחידה רעיה אזי הייתי לכבוד עליון אני נקראתי. ועתה לתחתיות ירדתי ודודי ורעי לרום עלה". אַמאָל בין איך געווען די איינציגע אויסדערוויילטע און געטליכער כבוד איז מיין נאָמען געווען, אצינד בין איך אַראָבגעזונקען אין דער נידער און מיין אויסדערוויילטער האָט אַוועקגעשוועבט אין דער הויך" —

צוריק, צו דער הויך, האָבען זיך געריסען די יודישע טענץ.

טיף און ברייט זענען די גייסטיגע אוצרות פון אונזער פאָלק. אָט די וואונדערליכע געביידע פון יודיש לעבען, וועלכע איז אַזוי פעלזען-פעסט געשטאַנען אין דער לופט, וועלכע וועקט שטוינען ביי יעדען ערליך-אָביעקטיווען און עמפפינדליכען שכל, לאָזט אַ סך פון אונז גאַנץ קאַלט. דאָס איז פון רגילות. ביי אַנדערע פון אונז זעט די געביידע אויס אַזוי קלאָגעדיג און זיי שפּאָרען נישט פאַר איר קיין שפּאָט. אַ רעשטעל פון השכלה און בלוטלאָזען ראַציאָנאַליזם. מען האָט אויפגעהערט צו פערשטיין אונזער עבר, אונזער אייגענאַרטיגען סטיל און טיפע אָבגעזונ-דערטקייט. דאָס איז אַ קורצזיכטיגקייט פון מענשען, וועמענס בליק דערגרייכט בלויז אין דער לענג פון זייער שאָטען. דאָס איז אַזאַ שוואַכקייט ביי נישט קיין רייפען פערשטאַנד צו קוקען אויף זיין דור, ווי אויף דעם עכטען און דעם וויכטיגסטען, וועל-כער האָט אָנגעכאַפּט דעם אמת ביי די פיס, דאַגעגען האַלטען די טאַטען און וועדק פון די פריערדיגע, ווי אַ קינדער-שפּיל. אויף דער יודישער גאַס איז די ערשיינונג פון זיך זעלבסט נישט שעצען און נישט פערשטיין בעזונדערס שכיח. עס איז אַ שאַנדע צו ווענדען דעם בליק צו דעם אַלטען: מען קאָן ווערען אויסגעלאַכט. ווער עס האָט אַ בייטשעל אין האַנד און איז אַ וואוילער יונג דער טוט אַ פּאַכקע מיט דעם בייטשל און שרייט אויס: נישטאָ! נישטאָ! גאָרנישט נישטאָ!

נאָר ווען דער שוים וועט אַריבער און מענשען וועלען צוריק אָנהויבען צו פערשטיין די געזונטע קערנער פון אַלטע, פערשוואומענע צייטען, וועט פריער פאַר אַלעמען און מער פון אַלעמען וועקן שטוינוגג דער וואונדערליכער יודישער טאַנץ, די איבערמענשליכע פרייד, דער נאָך נישט-אויסגעפאָרשטער און נאָך נישט-בעזונגענער ריקוד פון אַ פאָלק מיט דער שכינה.

— און דערוויילע?

דערווייל איז שמחת-תורה דער איינציגסטער יום-טוב, וועלכער איז מער פון אַלע איבריגע יודישע ימים-טובים פערשוויגען געוואָרען.

אַנדערע ימים־טובים זענען טיילווייז, אונטער פֿערשידענער־ליי געשטאלטען, ביסלעכווייז, ארייגעטריפֿט געוואָרען אין דעם נייעם לעבען, נאָר דער שמחת־תּורה־טאָג איז געבליבען שטיין איבער דעם גרויען יאָר, ווי אַן אָבגעשלאָגענער בוים.

פֿערשוואונדען זענען די יודישע טענץ און די העכערע פרייד איז אַנטרונען.

דערום שפּאַצירט אַרום איבער אונזערע ליידיגע פּאַלאַצען אַ גרויער אומעט.

פרילינג.

פרילינג איז אַ פאַרב.

גרינע יוגענד שפּראָצט איבעראַל, הילט אַלץ איין, פֿערוויגט און דערפֿרישט.

נישט פון דאָס ביי ווערט אַ וועלט בעשאַפען. דיזעלבע, די תמיד׳יגע, אָבער אַנ׳אָבגעפרישטע, אין נייע מלבושים אויסגעצירטע און דערום אַנ׳אויף־דאָס־ניי געקרעפטיגטע.

אָט דיזעלבע מענשען־טאָכטער, איינע פון חבר׳טאָרינס, אָבער אין אַ דעק־טוך איינגעהילט. אַ כלה־קינד. שוין צוליב דעם בלויזען טוך איז זי דערהויבען געוואָרען פון די אַלע, וועלכע זענען נעכטען געווען איר גלייכען. בליקען די פריינדינס אויף איר מיט קנאה און שטוינען: נישט צו דערקענען. אַ הימלישע, אַ מלכות׳דיגע און עס שטראַלט פון איר אַרויס די פרייד פון גרויסמוטיגקייט און גליקזעליגקייט, פון קאָנען מענשען בעגליקען מיט אַ תנועה און מיט אַ בליק פון דעם אויג.

בערימען זיך אלע די, ווער עס האָט פון די ערשטע מיט דער כלה געטאַנצט.

עס וועהט מיט חשיבות. דערום קומט־אויס יעדער שפּאַן געמאָסטען און דאָס שמייכעל — אויסגעאיידעלט. און מאַיעסטעטיש־שיין.

בלויז אומגעביטען די פאַרב. אָט אַזוי איז אויך דער ריינער מוזיקאַלישער טאָן אַנגעווענדט אָן דער פאַרב פון דעם פידעל.

„טרייסעל־אָב פֿון זיך דעם שטויב, שטיי־אויף און פֿערפוץ
זיך אין דיינע יום־טובדיגע מלבושים, מיין פֿאָלק״. —
אָבער נישט בלויז פֿאָלק.

און דער יחיד. אָט איז אַ מענש. אַזוי־זיך אַ מענש. פֿער־לוירען אין דער מענגע. עס לויפֿט אַ מענש — פֿערהאַלט אים אין זיין געלויף. אַ ביסעל אַ טרייסעל־אָב פֿון אים דעם שטויב און שטעלט אויף אים דעם טראָפּ — אויגענבליקליך וואַקסט ער אויס שענער. שטראַלענדער, און ווילטיגער. דערהויפּט וויכטיגער. וואָרום זייער אָפּט רוקט זיך אויף דעם מענשען אָן אַ געקינסטעלטע עלטער. אָט אַזוי ווי די קליינע יונגלעך, וועלכע מאַכען אַנ׳אָנשטעל פֿון גרויסע, רונצלען זיך מיט אַ כּיון דעם שטערן און רויכערן אָפּשניצלעך פֿון פּאַפּיראָסען.

דאַרף מען אָבער נור אַ מינדסט לינד ווינטעל, אַז עס זאָל צוטרייבען די בטעות׳דיגע כּמאַרעס און דערמאָנען דעם מענש:

— דיין אויער איז שטענדיג וואַך פֿאַר געזאַנג, דיין האַרץ איז שטענדיג וואַך פֿאַר פֿרייד, וואָרום דו געהערסט צו יום־טוב. וואָרום דו ביזט אַליין אַ יום־טוב.

„איך האָב געשאַפֿען מיינע גענעראַלען פֿון דער בלאָטע״— האָט זיך בערימט נאַפּאָלעאָן. ווען איינער איז שוין גאָר בשפלות שטראַלט ערשט אַרויס פֿון אים דער מלך.

פֿרילינג זאָל בעדייטען דאָס אייביגע וואַך־זיין: די גליקליכע פֿעיגקייט פֿון מענש זיך שטענדיג בענייען און אומבייטען זיין געשטאַלט. ווי אויך זיין גאַנץ מהות דורך אַנ׳אומקליידונג און אַנ׳אויפֿשיינען מיט פֿרישע פֿאַרבען: דאָס גלויבען אין דעם העלען אויג און אין דער פֿרומער אויפֿפּאַסונג פֿון זאַכען. שטענדיג זיין נאָענט צו דער עמפּפֿינדונג. ווי צו אַ קוואַל, אַז עס עקזיסטירען נישט בלויז זאַכען, נאָר אויך סימבאָלען, אַז ווערטער זענען נישט בלויז ווערטער, נאָר אויך הימלישע טענער. גלויבען, אַז אַ מענש האָט אויך צילען און פּלאַנטערט זיך ניט אַרום אומזיסט דאָ אויף דער וועלט. אָט די דאָזיגע אמונה איז דער

הויפּט-זאַך פון אונזער גאַנצער טון און האַנדלען און נור אין איר קאָן מען שעפּען דעם עיקר חיות פון לעבען. דאס ווערטפולע. וואָס איז ווען-עס-איז געשאַפען געוואָרען, האָט שטענדיג געהאַט די גאָנסטע בעריהרונג מיט דעם דאָזיגען גלויבען.

ווער עס לייקענט, דרינגט, אַז אַלץ איז שוין ביז אונז אַרויסגעזאָגט געוואָרען. אַלץ איז שוין אָבגענוצט, פערעלטערט און פערהערבסטיגט. דאַגעגען דער גלויביגער פּרובט אַליין. איז שטענדיג נאָנט צו דעם אור-קוואַל, פון וואַנען אַלע האָבען געשעפּט. און ער איז ביי זיך אַזוי חשוב, ווי אַלע פערגאַנגענע און געוועזענע. ווארום דער כח פון וועלט איז אונאויסשעפּליך, ווארום עס הערשט אייביגער פרילינג, און דער מענש גייט-צו צו זאַכען. ווער עס גייט-צו צו זיי שטענדיג, ווי אַ חתן. „איך האָב די ערע צו וואַשען מיין געזיכט" — האָט געזאָגט אַמאָל איינער אַ מענש, דער מיין: איך בין בעשאַפען בצלם אלהים. דער, וואָס האָט דאָס געזאָגט און טאַקע באמת עמפּפינדען, איז געוועזען זיכער אַ מאַן פון פרילינג, וועלכער האָט געוואוסט צו אַכטען נישט בלויז זיין מהות, נאָר אויך דעם געטליכען טוך. אין וועלכען דער מענש איז איינגעהילט. ער האָט שטענדיג אויסגעזען, ווי ער גייט מקבל שבת זיין. דערין שטעקט אַ פערגע-טערונג פון דעם מענש. אָבער דעסגלייכען אַ פערהייליגונג פון דער נאַטור. און אַזוי ווי אַ דונער ווערט בעגלייט פון אַ בליץ אַזוי ווערט דאָס דאָזיגע בעוואוסטזיין צונויפגעגאָסען מיט אַ אַ צווייטער עמפּפינדונג. אַז מיר מוזען טריי זיין דער נאַטור. מיר, מענשען, זענען בעשרענקטע, איינגעצוימטע, איינגע-רעגעלטע בעשעפּענישען. מיר קאָנען נישט און טאָרן נישט שאַ-פען זענענדיג אָבגעריסען פון דעם קאָנקרעטען. מיר מוזען שטענדיג האָבען אַ יש. מיר טאָרען נישט ווידערשפּעניגען די נאַטור. נאָר זי פאָרטזעצען. טרייע און בעשיידענע תלמידים זיין. אויך אויסערליך ציכטיג זיין.

אַזוי ווי דער פרילינג זיין.

אָבער נישט בלויז חשוב זיין ביי זיך, נאָר אויך פשוט. העלסט, העכסט פשוט. ווי אַ מינדסט שטיינדעלע, וואָס ווערט מיטגעריסען פון דעם קוואַל, ווי דאָס גרינע גראָז. ווי דאָס שטילע גראָז.

אַנ׳איינגעהילטקייט פון וועלכער עס שטראַלט אָבער אַרויס אַנ׳איינפאַכהייט, אַ פריינד פון אַלע מענשען זיין.

זומער, ווינטער און הערבסט זוכט דער מענש אַ בע־האַלטעניש אין געצעלט. זומער ציט אים צו דעם בעשאָטענדען בוים. און ווינטער דערקוויקט ער זיין פערפרוירען האַרץ מיט דעם פלאַם פון קאַמין, אָבער פרילינג ווערען טירען און פענ־סטער צופראַלט. לאַנקעס זענען אונזערע וואוין־געצעלטען, אָפענ־הערציגקייט, ריין מענשליכקייט און אַראָבוואַרפען פון זיך יעדע געקינסטעלטקייט. יונג און גלויביג זיין — הייסט טראָגען איינ־פאַכע מלבושים. נאָר פערקריפעלטע פיגורען מוזען זיך איינהילען אין ברייטע מאַנטיעס און די, וואָס האָבען מער צו בעהאַלטען, ווי וואָס צו ווייזען, מוזען אָנקומען צו אונגאַטירליכע פאָרמען אין לבושים. עס איז נישט אמת, אַז דאָס וואָרט איז שוין אויסגעשעפט און אָפגענוצט, ווי איינציגע ווילען דרינגען. און דערום מוז מען גאָר אַ שטייגער קלאַפען מיט אַ פויק. ניין, דאָס וואָרט שיינט אויף אַלע מאָל אין אַ נייעם פרילינג ביי יעדען נייעם מענשען אין מויל, ווי באַלד נור אַז דער, וואָס זאָגט דאָס אַרויס, שטרעבט ווירקליך צו דערגרייכען די בלויזע פשטות פון דעם וואָרט, אַזוי ווי עס וואָלט זיין נאָר־וואָס גע־בוירען. נור דאָס פאַלשע מוז זיך פוצען שטענדיג אין גאָלד. טיפקייט ליגט נישט אין דעם פערדרייטען, נור אין דעם איינ־פאַכען זאַך, אין זוכען פשטות, אין דעם שטרעבען, אַז דאָס וואָרט זאָל זיין ביי אונז אין מויל פריש און צאַפעלדיג, ווי ביי אַ קינד אין מויל, אָט דאָ הויבט אָן צו שניידען זיך אַ וועג צו דעם רעאַלען פערשטיין פון זאַכען. דאָס הייסט, פון פריש און יונג זיין. און ממילא ריין. נישט וועלענדיג זיך בע־רימען מיט דעם שיינעם וואָרט, חנד׳לען זיך דערמיט און דאָס אָבקויפען פאַר אייגענס, נישט שאַפען פאַר זיך פון נשמה־

ציטערן אַ גייסטיג פֿערמעגען. בעהיט אונז, גאָט, פֿון אָבגעגוצטקייט!

דערנאָך, ווען פֿרוכטען ווערען רייף און די זאַנגען אָבגעשניטען און די ווייבען שפּילען אין די קעלערס, יאָ, צום סוף זומער און אין הערבסט און ווינטער, איז די וועלט אַ זינדיגע, וואָרום מענשען כאַפּען אַראָפּ די פֿרוכט, יעדערער בעמיט זיך אַריינצוכאַפּען וואָס מער, מען פֿערשליסט זיך אין די הייזער און מען געניסט, און וויל מען זיך איינטיילען אַלע חלקים גלייך, ווערט אַזאַ האַמפּערניש איבער דער גערעכטיגקייט, אַז עס צוברעכט זיך דער פּאַס און עס ווערט צופּליושצעט דער ווייך. פֿרילינג אָבער איז דאָס קעניגרייך פֿון פֿרייהייט. עס איז פֿאַר דעם אויג. פֿרילינג איז אַ קלאַנג. עס איז אַ יום־טוב נישט פֿון פערמעגענטום, נאָר פֿון ריינער און אונבערירליכער פֿרייד. דער אָרימסטער אין פֿרילינג איז רייכער פֿון דעם רייכסטען אין הערבסט.

פֿרילינג, ווען די גאַנצע וועלט זעט אויס, ווי אַ רייך־געדעקטער טיש, פּאַסט אַזוי פֿאַר אַ מענש אָרים און עלענד צו זיין. עס איז פֿאַראַן אַנ'עלעגאַנץ פֿון איבערפֿלוס און פֿון גאָרנישט־האָבען — און פֿון די דאָזיגעביידע צוזאַמען שאַלט אָפּט אַרויס א וואונדערליכע האַרמאָניע. און אָט אַזוי, ליגענדיג אויף דעם גרינעם גראָז, דערשפּירט אַמאָל אַ מענש, ווי ווינציג מען דאַרף האָבען, כדי גליקליך צו זיין. און אָפּט נאָך דערשפּירט ער אַ ביטער רחמנות אויף די אָרימע מענשען דאָרט, אין דער ווייטער שטאָדט, וועלכע מוזען נעביך דערראַטעווען זייערע פֿערנאַכלעסיגטע נשמות דורך אַ קופּלעט. און עס ווערט פֿאַר אים קלאָר, ווי טיף דאַרף זיין דער תהום פֿון דעם מענשענס געפֿאַלענקייט, אַז ער מוז אַנטלויפֿען פֿון דער נעץ פֿון דעם געניץ צו דעם שוישפּילער, וועלכער בלוטיגט אויס פֿון זיין אייגענער לאַנגווייל אַ פֿלאַכע פֿרייד און אַ טעמפּ געלעכטער. האַלטען ביי דער מדרגה, אז מען זאָל שטענדיג זיך דערפֿרייען, ווען מען זעט וואַסער, פֿייער, אַ בוים, אַ שטיקעל הימעל און אַ מענשליך געזיכט — הייסט האָבען שטענדיג יום־טוב אַרום

זיך, אין זיך, זיין אליין א יום־טוב, זיין אַ מקורב מיט דעם פרילינג.

יונג, יונג, יונג.

וואָס פאַר אַ בערימען זיך מיט יונג זיין? וואָס פאַר אַ שטאָלצירען דערמיט. וואָס אַ מענש האָט דערווייל בלויז דורכ־געמאַכט זעכצען פרילינגען נישט קיין גאַנצע זעכציג? — וואָס פאַר אַ בעזונדערער פערדינסט און וואָס פאַר העלדענטאַט שטעקט אין דעם? וואָס פאַר אַ רבותא יונג זיין ביי זעכצען יאָר? — אונזער רעכט און אונזער פליכט איז אייביג זיין אויס־געציירט אין די פרומע פרילינג־פאַרבען. געוויס געוויס, נאָר און די יונגע יאָרען שטייט ביי יעדען די פאַרב אין די באַקען. עס טומעלט זיך, די בלוטען פון זיך ברויזען. אפילו ווען דער גייסט שלאָפט, מען האָט ממילא חן. צי איז אָבער אַ מענש ווירקליך יונג, צי איז אַ מענש ווירקליך נאָנט צו דער ליכטיג־קייט פון דער וועלט, צי האָט אַ מענש ווירקליך אין זיך אַ פונק פון חן פון דעם וועלטאַל, קאָן מען ארויסזען ערשט דאַן, ווען ער דערטראָגט דאָס יוגענט־פייער ביז אין דער זילבערנער על־טער, ווען דער קאָפ איז שניי־ווייס בעדעקט, ווי יענע הויכע בערג, ביי וועלכע פון אויבען איז אַ טיפער שניי און אונטען בליט דער פרילינג. בלוט, וואָס וויל קיינמאָל נישט ווערען אָבגעקילט, איז אַ סימן, אַז עס געהער צו אַ זכריה. אָט אַזוי האָט גע׳טענה׳ט איינער אַ פערסיער, וועלכער איז געלעגען אין הונדערט־פופציג־יעריגען עלטער אויף דעם שטאַרב־בעט און זיינע ליפען האָבען געשעפטשעט: ווען נור איך בין געבוירען געוואָרען, האָב איך געהאָפט, אַז איך וועל אַ פּאָר אויגענבליקען זיך ווייילען אויף דער ערד. און האָב איך נור געטון צוויי שלוק פון דעם לעבענס־בעכער, רופט מען מיך שוין צוריק און מען זאָגט מיר גענוג! —

ער האָט נעביך נישט געוואָלט פאַרלאָזען די וועלט דער דאָזיגער אַלטטיונגער פערסיער.

דער פרילינג איז אָבער מילדער פון דעם מענשליכען אורטייל, ער טרייסט אונז מיט זיין מלכות'דיגען לבוש, וועלכער בעדעקט באַרג און טאָל. יאָ, באַרג און טאָל.ביידע גלייכע חשובים פאַר דעם וועלט-בעשעפער.

מיר האָבען דאָס רעכט צו קוויקען זיך פון דעם פריידיגען בעכער, וואָס הייסט וועלט, צו פיעשטשען זיך פאַר אַלעם, וואָס לעבט און שאַלט פון פרייד. מיר זענען שטענדיג נייגעבוירענע. מיר זענען קינדער, און דאָס דאַרפען מיר בעזונדערס געדענקען אין עפּאָכען פון מענשליכער שפלות און אָבגעלאָזענקייט.

ברודער-מענש, נעענטער אַ ביסעל! און איר פערשרייט מיך נישט.

אַ גוטען קוק אין אויג אַריין. מיר זענען זיך נישט אַזוי פרעמד.

ווייל אונז אַלעמען ציט צו דעם גרינעם דעק-טוך, צו דעם פרילינג-מאַנטעל

טיי און קאַווע.

טיי און קאַווע, וועלכע זענען אין דער מאַטעריעלער וועלט צוויי מינים פֿון געטראַנקען, ווינקען אָן אין זייער סימבאָליק אויף פֿערשידענע און היפּוכ׳דיגע געפֿיל=אַרטען און לעבענס=פֿאָרמען.

טיי בעדייט די הויזליכקייט, דער בירושה׳דיגער סדר העולם. אין שטוב איז פֿיין צוגערוימט און דער שלום=ושלוה׳דיגער פֿאַמיליען=סאַמאָוואַר זידט און פֿרייט דאָס האַרץ מיט זיין געזאַנג. גאַסטפֿריינדליכקייט. אַמאָל אפילו בלויז לפּנים, אָבער אַ מענשליכער קוק. דאָס געשפּרעך ווערט געפֿירט אין טראַדיציאָנעלע ראַמען, אָפּהיטענדיג דערביי, זעלבסטפֿערשטענדליך, אַלע דינים פֿון בושה און דרך=ארץ. ווען איינער וויל זאָגען אַ צווייטען, איך וואָלט אייך גערן וועלען זען, און זיך אַ ביסעל דורכשמועסען פֿון האַרץ אַראָפּ, אָדער: איר זענט מיר ליב און טייער, איינגעבאַקען אין האַרצען אנגענעם און נאָנט! — זאָגט ער אים: זייט אַזוי גוט און קומט אַריין צו מיר אין שטוב אויף אַ גלעזעל טיי. — דאַגעגען דערציילט די קאַווע וועגען גרויס=שטעדטישען עלענד, א מענש אָן אַ הויז און אָן טראַדיציע. אַ הפֿקר׳דיג לעבען אין אונהיימליכע און אונזויבערע מעבלירטע צימערן. ווען צוויי עלענדע שלעפּען זיך אַרום איבער גאַסען און האָבען נישט ווי אַהינצוטון זיך, פֿאַלט מען אַריין אין קאַווע=הויז אין דעם געקלאַנג און ווירוואַר, צווישען פֿעררויכערטע געזיכטער און צרומגענעבעלטע אויגען, וואו עס

בעוועלטיגט דער אונטערטעניגער בעדינער, מענש־קעלנער, וועלכער איז דער אייגענטליכער האַר מיט אַ שפּאָטיש שמייכעלע און אַ שאַרפֿען קעלנערישען בליק, וואָס שאַצט אָב מיט אַ געשווינדקייט די פֿערמעגליכקייט פֿון דעם גאַסט און גיט אַלע מאָל דורכזיכטיגע אָנצוהערענישען, אַז עס איז שוין צייט צו בעפֿרייען פּלאַץ.

טיי איז 'טראַדיציע און גלויבען, אַ גראַדע שנור פֿון טאַטען און טאַטענס־טאַטען, אַ גוטע כּוונה און שטרעבונג צו אָפּענהאַרציגקייט, קאַווע איז כאַפּעניש און אייִלעניש. פֿון שטיין געוואָקסען און אונטער דער פּאָלע האַלט מען אַ מעסער, בשעת מען קלאַפּט יענעם אין פּלייצע מען איז חבר־לאַפּ און מען גייט באַלד איבער אויף „דו".

טיי בעצייכענט די גרינדליכקייט, ברייטקייט, הרחבת הדעת און זעט אויס אַ ביסעל תּם'עוואַטע. דאַגעגען איז קאַווע קלוג, צו־קלוג, ביז אין דער שפּענטע אַריין קלוג. דאָס איז די קלוגשאַפּט פֿון דער ענגער לאַגע.

טיי, וועלכע מען דערלאַנגט אַמייִנסטענס פֿון אַ זודיגען סאַמאָוואַר, ווערט געטרונקען, און קאַווע, אָפּט געגעבענע אַ קאַלטע — געזופּט.

ווי אַזוי זעען אויס די געגענזייטיגע בעציהונגען פֿון די דאָזיגע צוויי מינים געטראַנקען? — טיי בעזיצט אַ האַס צו קאַווע און קאַווע בעציט זיך צום טיי מיט אַ ביטול־שפּאָט. טיי זאָגט צו קאַווע: דו ביזט דאָס יאָגעניש, דאָס וועלען אַריינכאַפּען, די שפּיל אויף די נערוועז. די אָבשוימיגע פֿרייד און די מוטנע און קורץ־אַטעמדיגע פֿערגעניגענס. ביזט מיד און מאַט פֿערמאָגסט נישט איז זיך קיין לאַנגען דויער. מאַכסט־אָן אַ שטויב מיט אַ גערודער אויף דער שעה און ווערסט אַוועק'פּגר'ן אונטער אַ פֿרעמדען פּלויט. און קאַווע שרייט אָן אויף דעם טיי: דו קליינשטעדטילש־אַלט־מאָדיש, געשלייערט בעשעפּעניש, שוין צייט, אַז דו זאָלסט צו־מאַכען אַנ'אויגעל און קומען צו קבורה צו

דיינע הייליגע פּאַטערס. וואָרום דו ביזט אָבגעשלאָגען אויסגעדראָשען און שמעקסט מיט שימעל. דערצו ביזטו נאָך טריי דעם אָבפּאַל, ווי אַנ'אַלטער הונד.

טיי פּליסטרעט די קאַווע: איך בין דער לויטערער אַנהויב און דער גלויביגער פּרילינג. איך שטאַם פון אַ טאַטען און בין איינגעקייטעלט אין גאָלדענע קייטען. איך האָב אויך אַזוי ווי דו אַ אונרוהיג האַרץ, וועלכעס שפּירט פּאַראויס דעם גרויסען עלענד, וואָס לויערט איבער אונז, אָבער איך בין זייער פּאַרזיכטיג און פּאָרזיכטיג ביים אָנרופען זיין נאָמען. וואָרום מען דאַרף זיך צולאָזען אין טאַנץ נור זייענדיג איינגעהילט אין זיבען שלייערן און אַזוי היפּענדיג און שפּרינגענדיג וואַרפען פון זיך שלייערן און דערטאַנצן ביז דעם אָבגרונד און פון דאָרט זיך ראַטעווען אויסגייענדיג אין דעם הימלישען בלאָקייט פון אויבען. דאַגעגען דו, וועלכער פערלייקענסט דעם אייגענעם טאַטען, ביזטו נישט אימשטאַנד גאָרנישט צו געבוירען, וואָרום דו הויבסט אָן באַלד פון דעם גרויסען, אויסגעפוצטען און עסטעטישען גאָרנישט און גלייך שרייסטו אויס דיין נאַקעטקייט. — דערויף ענטפערט קאַווע אָפּ מיט אַ געבייזער: גענוג, די פרומע צנועה, צו גענאַרען מיט פיינישקע און גוטישקע בעל-הבתישע ריידעלעך. אַלעס בעדאַרף מען אויסזאָגען, אויסשרייען. אויספּייפען. אַלע סודות אויסדערציילען. נישטאָ קיין סודות. אַלעס מוז ענטפּלעקט ווערען. אבער אַלעס. און איך בין דער ענטפּלעקער! — דו, כשר נפש'ל, רעדסט דאָך בלויז וועגען דעם, וואָס דו ווייסט, אָבער איך, אָבער איך... איך... זאָג, אַז דאָס וואָס איך ווייס איז גאָר נישט... אָבער גאָרנישט. גאָר גאָר נישט. דאַגעגען גרויס און וויכטיג איז נור דאָס, וואָס איך ווייס נישט, וואָס איך הויב אַפילו נישט אָן צו וויסען. איך בין רייך מיט מיין גאָרנישט האָבען. דרך ארץ פאַר מיר, די פערמעגליכע קבצנ'טע.

דאָס דאָזיגע שטילע אַמפּערען זיך צווישען די צוויי אַרטען

אין לעבען גייט איבער אויף דעם געביט פֿון פּאָעזיע און קונסט אין אַ בלוטיג געשלעג. די קונסט פֿון שטילער און רוהיגער חכמה האַסט מיט דעם גאַנצען האַרצען דעם הילכיגען אויסגעשריי, און גייט צו צום טראַגישען מיט אַ טיפֿער בעשיידענהייט. זי זאָגט: צוערשט-טיפֿע וואָרצלען, קלאָרע און לויטערע דבורים, שפּירען דאָס אייביגע איז אימשטאַנד און ראוי בלויז דער, וועלכער איז איינגעבירגערט אין דער וועלט און איז פֿערקניפּט מיט אַלע מענשען-קינדער. אַ קינסטלער קאָן זיין נור דער, וועלכער פֿערמאָגט ברודער און שוועסטער און בלוטעט פֿאַר טאַטעס און זיידעס. אַלע טרויערען זעבען זיין ערנסט און גאָר נישט לאָזט ער נישט אָפּשטאַרבען — גאַנץ מוז אַ מענש זיין און עפּעס וועלען, דעם דאָזיגען עפּעס מוז ער שטאַרק וועלען, כדי ער זאָל זיין מסוגל די וועלט צו בעגרייפֿען. די גאַנצע חכמה בעשטייט אין דעם, אַז מען זאָל קאָנען אויסהערען אַ צווייטען, אַריינקוקען יענעם אין דער נשמה, אַריינזאַפּען וויסען און אויסקוקען מיט קלוגע און קינדערשע אויגען וועלט און מענש. מהאי טעמא איז „שיר השירים“ פֿיל קלוגער און טיפֿער ווי „קהלת“. — דאַגעגען שפּאָטעט די קהלת-קונסט אָפּ פֿון דעם טאַנץ אין זיבען שלייערען. זי רייסט אַלעס אַראָפּ. גאָרנישט. גאָרנישט. עס איז גאָרנישט נישטאָ. אויסגעטון פֿון אַלט-מאָדישע און קליינשטעטלשע אידילע-מלבושים גייט אַרום דער טראַגישער זינגער ביי נאַכט איבער די גאַסען, אָן אַ געלעגער פּייפֿט אונטער אַ לידעל און לאַכט פֿון דער גאַנצער וועלט. עס איז נישטאָ קיינער, אויסער איך, איך, דער גרויסער איך. ער דרינגט, אַז וואָס מערער צובראָכען און צוריסען איז שטאַרקער און פּאָעטישער דאָס געזאַנג. אָט אַזוי זעט אויס אַ ריזיגע צעוואַלעטע שיף אַ סך ריזיגער, ווי אַ גאַנצע. און אָט אַזוי ברעכען זיך איבער די זון-שטראַלען אויף אַ צובראָכענער שויב פֿיל פֿאַרביגער, ווי אויף אַ גאַנצער. איבעראַל בראָך און שפּאַלטען, דורך וועלכע עס ווערט אַ סך אויסגעקוקט, ווי דורך אַ מענגע אויגען. אַ מלאך המות, וואָס איז פֿול מיט אויגען. עס שפּירט זיך אַ ריח פֿון בית-הקברות

אין די ראַמען פון דער נאַציע קעמפען די דאָזיגע ביידע כחות און ביידע זענען אויסען בלויז דאָס גליק און די אויפבליהונג פון דער נאַציע. דאָס האָט די השגחה עליונה מיט אַ כיון בעשאַפען די דאָזיגע טיי-קאַווע-שפיל, צוליב דעם, אַז דאָס לעבען זאָל געקרעפטיגט ווערען און עס זאָל בלענדען מיט אַלע פאַרבען פון דעם רעגענבויגען. טיי שמעקט צופיל מיט הויזליכקייט, מיט היימיש-געזינדעל און עס ווירקט צום איינשלאָפען. קאַווע שרויפט אויף, רופט און וועקט. נאָר ווען די אויבערשטע קאַווע-שיכטען הויבען אָן צו פוילען און אָבפאַלען לויפען אָן די אונטערשטע שיכטען אין דערפרישען, ווען עמיצער ווערט ערצויגען אונטער אַ שטרענגער השגחה זייענדיג איינגעמאַטערט פון צופיל צערטליכקייט און איינגעשלעפערטע זאַטקייט, אַנטלויפט פון טאַטענס הויז און פון מאַמעס שויס, אין דער קאַווע וועלט און נאָכדעם, ווי ער שפייט דאָרטען אויס די רוה און דאָס גלויבען לויפט ער צוריק זיך ראַטעווען צוריק צו די אַלטע בעשאָטענטע בוימער, צום טאַטענס וויינגאָרטען, צוריק צו טראַדיציע, אין שטילען דאָרף און צום פאַסטוך-ליד.

אָט פון דעם דאָזיגען אייביגען יאָגעניש און נע ונד זיין פון דאָרף אין שטאָדט אַריין און פון שטאָדט צוריק אין דאָרף, פון שיר השירים צו קהלת פון דעם מתגבר זיין זיך אויף דעם הבל-הבלים-געזאַנג און שטרעבען צו גלויבען אין אייזערנע געזעצען, פון וועלען פערשטיין די טאַטעס און האָבען רחמנות אויף מיה פון פערגאַנגענע דורות און אויך אויפפלאַמען אין דעם דורשט צום קומענדיגען פון דעם שטרעבען, אַז אַלע כחות, געוועזענע און קומענדיגע זאָלען בעקומען זייער התגלות, פון דעם פליסט אַרויס די אייביגע שעפערישע פרייד און זיין אויסגעלאָשענע יוגענדליכקייט.

ווער עס קוקט אויף דעם פאַרבען-שפיל דער האָסט ניכשט די קאַווע און שימפט נישט די טיי. ביידע האָט דער שעפער אונז געשאָנקען צו מאַכען אונזער לעבען רייך און פאַרביג.

צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן אַנ׳איבריג מאָל, דאָס דער צער פון דעם יונגען יוד בעשטייט אין דעם, וואָס אפילו שטרעבענדיג מיט אַלע כחות צו בעשיידענהייט און צו דער איינגעהוילענער קונסט מוז ער געגענווילליג זיך בעהעפטען צו די קאַווע-שיכטען, וואָרום אָפגעריסען האָבען מיר זיך פון אַלע קייטען און אַרויסגעשפרונגען פון טראַדיציע. נישטאָ קיין דאָרף. נישט קיין טאַטענס הויז. נישטאָ וואוהין צוריקצוקערען. דער פאַסטוך האָט ביי אונז שוין לאַנג פערוואָרפען זיין פייפעל. דערום אַזאַ אויפגעבלאָזענע און שרייענדיגע פּאָעזיע, אַזאַ „איך" „איך" „איך": מער רויך ווי פייער. און מען פּאַכט אין לופטען, בילדער אָן ראַמען, דערפון אַזאַ בערימעריי מיט הפקרות און נאַקעטקייט. און עס הערט זיך ביי אונז מעהרסטענטייל אַ פוס-טער און ווילדער געראַוש, ווי מען וואָלט קייקלען אַ מעגגע לעדיגע פעסער איבער די גאַסען פון אַ איינגעשלאָפענער אָדער טויטער שטאָדט.

און בלויז מיר זופען קאַלטע קאַווע.

דער יוד אין וועג.

I.

וואו געפֿינט זיך אַצינד דאָס יודישע פֿאָלק? —

אַ גרויסער טייל, אַ היבשער, היבשער טייל, אָט־אָ דער טייל, וועלכער ליגט נישט טויטע אָדער לעבעדיגע אין די אוקראַינישע קעלערס, זיצט אין די צוגען און אויף די שיפֿען. מען פֿאָרט.

אין אַלע האַפֿען־שטעדט, ביי אַלע קאָנסולען געפֿינט איר דעם יודישען המון. אַלע צוגען זענען מיט אים איבערפֿולט אין אַלע האָטעלען און אכסניות פֿון ווייטע שטעדט און לענדער מאַכען מיר אָן אַ אונגעהויערע ענגשאַפֿט.

דאָס האָט זיך אַ לאָז געטון, אין וועג אַריין אַ פֿאָלק. נישט עס פֿאָרט, נאָר עס לויפֿט משוגה־ווילד; נישט עס רעדט, נאָר עס פֿרעגט און וויינקט אויף שטום־לשון און מיט די אויגען אָנגעגאָסענע מיט שרעק. עס וועקט אויף שרעק ביי אַלע אַרומיגע.

עס פֿאָרט קינד און קייט, אַלט און יונג, אַלטיטשקע און זויגיגע. איר בעגעגענט אָפֿט אַזעלכע אַלטע, צובראָכענע שאַר־בענס, קוים־קוים נאָך זיפּענדיגע; מען לאָזט זיך אין דער ברייער וועלט אַריין. אַן׳איינגעקאָרטשעטע אַלטיטשקע, אַן׳אַלטע, אַלטע באָבעשי, צו־מאָלס שוין אַ בלינדער זיידע. די באָבע מיט דעם זיידען פֿאָרען אַהין אָנהויבען אַ ניי לעבען. איר בעגעגענט אָפֿט אַן׳אויסגעווייקטען יוד, אַ סאַמעטענעם, גאָט־ברוך־הוא׳ס אַ יוד,

אַ ברכו־קדושה־יוד, ער שניידט אויף אַ וועג אַהין, אין דעם יאנקע־לאַנד. איר טרעפֿט אָן וואַנדערענדע אַזעלכע זאַפֿטיגע יודישע פּנים׳ער, טרויעריגע יודישע איידעלע אויגען; ווייַ, ווייַ, אַזעלכע אויגען אויף אַהין?! אין דעם טרוקענעם שרייענדיגען, זעלבסט־בערימערישען, אויפגעקומענעם יאנקע־לאַנד? — אַהין? אַלעס אַהין? — אָט איז אַ גאָטספּאָרכטיג יודיש געשטאַלט מיט אַ יענעם יודישען ממילא־זיפֿץ, מיט אַ יענער אוננוצליכער וועלט־קנאה, וועלכע פֿליסט פֿון אַ קלוגען בליק, מיט אַ יענע אויגען, וועלכע קוקען דעם מענשען אַריבער, אין די וואָלקענס אַריין. עס איז אַזוי טרויעריג, וואָס אַזעלכע אויגען וועלען אויסגעלאָשען ווערען אין דעם ווייטען, נישט היימליכען נעבעל. פֿאַרוואָס וועקען אַזא טיפֿען טרויער די אַלע מחנות וואַנדערענדע יודען?— פֿאַרוואָס נאגען אייך אַזוי ביי דער נשמה די אַלע מחנות פֿון יודישע פּנים׳ער, בערד, אויגען, וועלכע רוקען זיך אין אַ ווייט־קייט אַריין? פֿאַרוואָס שניידט אַזוי דאָ אונטערוועגענס דער יודישער זיפֿץ פֿיל מער דאָס האַרץ, ווי דאָרטען אין דער פֿריערדיגער היים? פֿאַרוואָס אַז איר בעגעגענט דאָ אין דער פֿרעמד אָט־אָ דעם אייגענעם יוד, וועלכער איז דאָרטען אין דער היים ביי אייך אַזאַ וואָכעדיגער שבת. פֿאַרוואָס גייט איר אים דאָ לאַנג נאָך פֿוס־טריט? —

פֿירט דאָך מיט יעדער איינער מיט זיך אַ טליענדען פֿונק פֿון האָפֿנונג. וואַרט דאָך אויף יעדען איינעם עמיץ דאָרטען אין לאַנד, וועלכער וועט אים פֿון שיף אַראָבנעמען, אויפֿנעמען, פֿירען און דערפֿירען ביז אין שאָפּ — עס איז אָבער אַזוי באַנג צוצוזעהן, ווי עס ווערען חרוב היימען און צושרויפֿט לעבענס־קייטעלעך, און מענשען שפּאַנען געדיכטע מענגעס, ווי די שאָף. יעדער איינציגער ביי זיך אין דער חיים, ביי זיין טיש, איז דאָך אַזוי פֿיל און אונטערוועגס איז ער אַזוי נעבעכ־דיג און שרעקעוודיג, ווי אַ שפּריגענדיג פּלעמעל פֿון אַ לעשעני־דיג ליכטעל. און פֿאָרט ער איבער קומט ער שוין אַנ׳אַנדערער. מיט דעם וועג ווערט ער אויסגעוועבט. וואָרום מען קען איבער־פֿירען פֿון לאַנד צו לאַנד אַ קערפּער, אפילו אַ נשמה, אָבער

ניִשט קיין ריח, — וואָס דאָס איִז דער עיקר מענש, דער יוד דאָרט איִז שוין ניִשט דער וואָס דאָ.

הײנט דאָס בעל־הבתיש'קייט, וועלכעס ווערט מיִטגעפֿירט, דאָס ביִסעל אָריִמקייט, די זעק און די געפּעק אויף די פּלייצעס, דאָס נאָכלויפֿען פֿון די עלטערע נאָך די יונגע שפּאַנענדע פֿיִס און די קרעפֿטיִגע פּלייצעס, דאָס פֿערליִרען זיך און צונויפֿשרייען זיך איִן פֿרעמדע, רוישענדע שטעדט — דאָס אַלעס מאַכט אַזאַ ערשיִטערענדען איינדרוק. ווי דאָס וואָלט זיין אַ מענגע אַרויסגעוואָרפֿענע און פֿערשיִקטע.

אוי, דאָס ביִסעל פֿערמעגען און די אָריִמע בעבעכעס — ווי קלאָגעדיִג עס זעט אויס אונטערוועגנס! — שוין פֿיִל שענער, פֿיִל ליִבער לחלוטין אַ נאַקעטער און באָרוועסער וואַנדערער — און ווער נאָך, ווי דער יוד, בעזיִצט אַזוי פֿיִל פֿערמעגען, בליִשטשענדיִגעס און אָבגעבליאַקעוועטעס, פֿון זיִטען, מנהגים, טראַדיִציעס און טאַקי אַ שטיִקעל תּורה, וועלכע ער פֿיִרט מיִט זיך אויף אַלע וועגען — דערפֿאַר רייסט אַזוי דער יודיִשער וואַנדערער דאָס האַרץ.

II.

אין איינער אַ האַפֿען־שטאָדט האָב איִך אָנגעטראָפֿען אום שבת אויף איינער פֿון די יודישסטע גאַסען אַ יוד אַ הענדלער, וועלכער איז געשטאַנען נעבען אַ וועגעלע מיִט פּאָמעראַנצען און איִז געווען מוכן ומזומן צו מאַכען געשעפֿט. דאָ, איִן דער דאָזיגער פֿערפֿרומטער געגענד, איִז דאָס געווען אַן'אויסערגעוועהנליִכע ערשיינונג. איִנמיִטען העלען טאָג. אַ יוד ביי אַ וועגעלע. אָרטיִגע יודען גייען פֿאַרביי אַזעלכע שבת'דיִגע, ריין־ריינע. עס איִז געווען זייער אונאַנגענעם פֿאַר דעם אויג, און דער יוד, דער פּאָמעראַנצען־הענדלער. אַ אוקראַינער עמיִגראַנט, איִז זיך געשטאַנען אַזוי בתמימות און געטון דאָס זייניִגע שרייענדיִג:

— פּאָמעראַנצען! קויפֿט, קויפֿט פּאָמעראַנצען! קויפֿט!

ביִז עס איִז פֿערביי איינער אַ אָרטיִגער, אַ יוד, וועלכער

האָט פֿײַנד אָבצושווייגען אויף עולה׳ס. האָט ער זיך צושריִען אויף דעם הענדלער:

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרען? אַזאַ חלול-השם! — אינמיטען שבת-קודש. בפרהסיה! אַנ׳הפקרות... און ביי עטליכע פּאַסקודנע פּאָמעראַנצען... איר, אוקראַינער, אַלע זענט איר אַזעלכע... ווי האָט דאָס אַ יוד קיין מורא נישט פֿאַר גאָט? וואָס-זשע, עס איז שוין גאָר קיין גאָט נישטאָ אין הימעל?! —

דער מוכר איז עפּעס צוערשט געבליבען ווי אָבהענדיג. נאָר באַלד אָבער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַרויפגעוואָרפֿען אויף דעם מוסר-זאָגער:

— גאָט! — וואָס זאָגט איר עפּעס אויף דעם מענש? גאָט! — אויב עס איז דאָ אַ גאָט, פֿאַרוואָס-זשע האָט ער געמאַכט יודיש בלוט הפקר? — פֿאַרוואָס לאָזט ער דאָס רינען אַזוי ווי טייכען? — פֿאַרוואָס האָט ער דערלאָזט, אַז מען זאָל קוילען מיין טאַטען, ע״ה, וועלכער איז געווען אַ כשר׳ער צדיק? — פֿאַרוואָס האָט מען מיר מיינע עלטערע צוויי זיהן דער׳הרג׳עט? — אַלע מיינע ברידער זענען דאָרטען אין דער פֿערשאָלטענער אוקראַינע אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען... און די מאַמע מיינע, אַנ׳עלטערע יודענע האָט בעקומען די אַפּאָפּלעקסיע און איז געשטאָרבען. גאָט! — האָט דער יוד געשריען היסטעריש — מיין ווייב און קינדער — אָט די זענען מיין גאָט. איך בין אַנ׳אָרים מענש... און מוז מיר פֿערדינען די פֿאַר גראָשען.. איך מוז געבען מיין ווייב און קינדער אַ שטיקעל ברויט. איך מוז מיר פֿערדינען מיינע פֿאָר גראָשען — האָט דער יוד געשריען אויף אַ קול.

דער מוסר-זאָגער איז אָבער אויך נישט געבליבען הינטערשטעליג. דאָס איז געווען אַ יוד, וועלכער האָט פֿיינד זיינס זאָל איבערגיין; אָבשווייגען איז אויך נישט זיין טבע. ער איז געוואָרען פֿול מיט גרימצאָרן און האָט זיך צעשריען:

— דער פֿאַרשוין איז נאָך אַנ׳אפּיקורוס אויך... אַלע אוקראַינער זענט איר אַזעלכע... נישט אומזיסט קוילעט מען אייך...

דאָס איז שוין געווען אַ ביסעל צו שאַרף און איבערטריבען. די דאָזיגע ווערטער האָבען אַרויסגערופען אַ גרויסע אויפרעגונג צווישען די איבריגע אוקראַינער. — דער פּאָמעראַנצען־הענדלער איז נישט געווען קיין בן־יחיד אין דער דאָזיגער האַפען־שטאָט — זיי האָבען זיך אָנגענומען פאַר דעם יודען, וועלכער דאַרף פערדינען די פּאָר גראָשען. דאַגעגען די אָרטיגע, וועלכע האָבען זיך שוין אויך צונויפגעקליבען אין אַ גרעסערער צאָל, האָבען זיך אָנגענומען די קריוודע פון דעם יודישען גאָט. עס האָט זיך גערודערט.

און איך בין געשטאַנען אַביסעל אין אַ זייט, צוגעהערט און געגאַפט. אָט האָט איר אַ שבת־דיגען יוד, וועלכען עס קימערט פיל מערער דער כבוד פון אַנ׳אוראַלטען און ווייטען אַלמעכטיגען, ווי טייכען יודיש בלוט — און אָט האָט איר אַ יוד, ביי וועלכען מען האָט גע׳הרג׳עט אַ טאַטען, געקוילעט צוויי זיהן, אויסגעשחט׳ען אַלע ברידער און אַ מוטער איז אים פון ווייטאָג געשטאָרבען און זיין האַרץ האָט אָבער נישט געפּלאַצט. איז ער זיך אַוועק אין אַ פרעמדער מדינה, זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ וועגעלע פּאָמעראַנצען און זוכט זיך זיינע פּאָר גראָשען. אָט־אָ־די צוויי יודען, סיי דער גאָטספאָרכטיגער און סיי דער אונגלויביגער, טאַטע זיסער, ווער זענען זיי? וואָס זענען זיי? — היילגע? קרעפּטיגע? העלדישע? — ציביידע האַרצלאָזע אונמענשען? —

איך ווייס נישט. וואָס אויף זיי צו זאָגען איך דערציייל אייך וואָרט און וואָרט. ביידע אונזערע ברידער. קינדער פון אונזער פאָלק.

III.

ביים באַן־הויף פון אַ האַפען־שטאָדט, וועלכע געפינט זיך אויף אייגער פון די רוישענדיגסטע גאַסען, האָב איך אָנגעטראָפען אין אַ פרייטאָג פאַרנאַכט אַ מחנה אָנקומענדע עמיגראַנטען, וועלכע האָבען זיך געשלעפּט מיט פּעק, זעק און קלימעקעס.

אַלע האָבען זיי אויסגעזען אַזעלכע מידע פֿון דעם וועג איינגעמאַטערטע און פֿון זאָרג דורך און וואָלכֿענדיגע נאָר אין יודענע, אַ פֿערוויקעלטע אין אַ שבת׳דיג קאָפּען־טיכֿעל האָט זיך אויסגעטיילט פֿון דער גרופּע. איר געזיכֿט האָט מאָדנע געשטראַלט. זי איז געלאָפֿען פֿריער פֿאַר אַלעמען, שטאַרק איילענדיג זיך מיט צוויי לייכֿטער אין די הענד, איך האָב פֿערשטאַנען: דאָס יאָגט זי זיך אַזוי צו קבלת שבת און לויפֿט, כּדי נאָך צו פֿערכֿאַפּען די צייט פֿון אָנצינדען די שבת׳דיגע ליכֿט. איך בין איר נאָכגעלאָפֿען אויף אירע טריט און האָב זיך שטאַרק אַריינגעקוקט אין איר געזיכֿט. אַזאַ יודיש פּנים, אַזוי פֿיל אַנגעזאַפּט מיט ליכֿט און מיט ליידען, ווען מען טרעפֿט נאָך אין דער פֿרעמד, ווי אַזוי קאָן מען דערמיט לייכֿט זיך פֿונאַנדערשיידען?

נאָכלויפֿענדיג איר האָב איך אויך דורכגעוויכֿערט איר גאַנצעס לעבען און נאָכגעהאַנט איר איצטיג געמיט. זי לויפֿט, לויפֿט פֿון בוידעמער און קעלערס, פֿון צווישען טויטע קערפּערס, וועלכֿע וואַלגערען זיך אָן קברים און פֿון צווישען טויט־געשרייען און שטילע געוויינערייען ביינאַכֿט, פֿון אַ פֿערוויסטער היים און אַ צושלאָגענע נעסט: פֿון אוקראַינע.

ניט איינמאָל ביינאַכֿט האָט מען געהערט רוצח׳ישע הענד פּאָרקען ביי די פֿענסטער און רייסען די טירען. עס האָט בעגאָסען דאָס לייב מיט קאַלטע שווייס. מען האָט זיך פֿערשטופּט אין אַ ווינקעלע, פֿערבעהאַלטען דעם אָטעם און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי מען וואָלט אויף דעם שלאָגען מיט אַ האַמער. האָט מען די יונגע קינדער דערשטאָכֿען. מעגליך, אַז דערביי האָט גערונען אויך אַ ריטשקעלע בלוט פֿון אַ מאַן, נאָר זי די אַלטע, מיט אַזאַ קנאַפּ רעשט ביסעל יאָרען האָט דער רוצח זיך גע׳מאוס׳ט אַרויפֿצונעמען אויף זיין זיגרייכֿער שפּיז — אַצינד לויפֿט מען, וואוהין? — צו די קינדער אין אַמעריקאַ.

נאָכֿגייענדיג נאָך אירע טריט האָב איך איר נאָכגעקוקט אין איר ווייטער נסיעה איבער ימים און מדבריות, ביז דעם ענד־ציל: דאָס לאַנד פֿון די קינדער. איך האָב דערלאַנגט אַ קוק

ביז אין דעם אַמעריקא. עס איז איר נישט גוט דאָרטען אין דעם אַמעריקא. מען עסט אַ שטיקעל ברויט, וואָס דער זוהן גיט, אָבער עס פֿאַלט אויף דעם אַ טרער. עס גלויבט זיך נישט, דאָס אַז עס ווערט איינמאָל צובראָכען אַ היים, קען מען אויפֿשטעלען אַ צווייטע, און נאָך אַ יודענע מיט אַזאַ שיינענדיג געזיכט. דאָרט, אין דער אַלטער היים איז מען געווען איינגעוואָרצעלט, געווען אַ שטיקעל שטוב, אַ בית־המדרש, מיט אַ גאָט אין הימעל. עס קומט אַריין אַ שכנה... ניין, דאָרטען איז געווען עפּעס אַנדערש... און דאָ איז מען אַזוי פֿרעמד. טאַקי קינדער, אָבער אַלץ אַרום איז אונפֿערשטענדליך. און די שפּראַך... עס פֿאַלט אַ טרער.

ווען איך האָב שוין געהאַלטען ביי דער טרער האָב איך פּלוצלונג פערלוירען די יודענע. איך האָב זיך פֿערקוקט. די חבריא עמיגראַנטען איז צושלאָגען געוואָרען אויף עטליכע חבריות, וועלכע האָבען פֿערקערעוועט אין פֿערשידענע הינטער־געסלעך. אין וועלכע מען האָט זיי צושטעלט אין אכסניות.

איך האָב שוין מער די יודענע אין די אויגען נישט געזען. נאָר דאָס געשטאַלט אירס האָט אונאויפֿהערליך געשוועבט פֿאַר מיינע אויגען. זי איז שוין געוויס געווען אין דעם פֿרעמדען גאַסט־הויז און דאָ אונטערוועגס מקבל שבת געווען מיט ליכט־צינדען. נאָר איך האָב נאָך אַלץ אַרומגעוואַנדערט מיט דער יודענע, וועלכע איז בעוונד אויף דער עלטער און מיט אַלע איבריגע יודישע וואַנדערער, וועלכע מאַכען דורך אַ לאַנגען מאַרטירער־וועג איבער ימים און מדבריות בוייענדיג אומעטום נייע היימען און צינדענדיג אויף דעם וועג לייכטער, איבערלאָזענדיג נאָך זיך אין דעם שוואַרצען רוים אַ ליכטיגען זילבערפּאַס, ווי דער פּאַס פֿון אַ מעווע, וועלכע שווימט איבער וואַסערען.

יהודה איש קריות.

יהודה — אַ טויזענט יעריגער ביים שאַנד־סלופּ, אַ גורל פון אַ מענטש!

אדרבא, פּרובט נור אַדורכבלעטערן די זויבערע געשיכטע־בלעטער פון וועלט און מענש — צו לאָזט זיך בעמערקן אויף וועלכען פון זיי אפילו דאָס מינסטע שפּרענקעלע? צו איז ווער חלילה ווען בעגאַנגען געגען זיין מיט־מענש די קלענסטע אונרעכט, אָדער אים בע׳עול׳ט? צו האָט ווען־עס־איז חלילה פּאַסירט, דאָס איין מענש זאָל אַוועק׳גנב׳ענען ביי אַ צווייטען אַ ציגעלע אָדער אַ לעמעלע? פּונקט ווי שעפּעלעך פּיטערען זיך פעלקער און נאַציאָנען הענד ביי הענד אין טרייער אחדות, שטיל־שטילינקע, ווי די טייבעלעך, אָט אַ דאָ אין, דעם ליכטיגען און כשר׳ן גן־עדן־טאָל, וועלכער איז געגרונדפעסטיגט אויף בלויזער גערעכטיגקייט. נאָר איינער אַנ׳אויסוואורף האָט זיך בעוויזען אויף אַ שטרעקע פון תכלת׳דיגע יאָר־הונדערטען, לענגאויס דעם לויף פון דורות, דער נידערטרעכטיגסטער צווישען די מענשען, וועלכער איז בעגאַנגען דעם שוידערליכסטען פערברעכען, יהודה, אַזוי איז אויסגעקריצט דער דאָזיגער נאָמען אויף די טאָוולען פון געשיכטע צו שאַנד אויף אַלע אייביגקייטען.

אָ, יהודה, פאַר וואָס האָסטו געלאָזט פאַלען דעם איין־און איינציגען פלעק אויף דער זויבערער, גין־גאָלדענער געשיכטע־הילע? — פאַר וואָס האָסטו געשענדעט דאָס מענשען־געשלעכט? —

און דאָך... נאָגט אין האַרצען אַ גרענצלאָז־ווייטאָגליך

רחמנות=געפֿיל, ווי גרענצלאָז עס איז דער שמוץ מיט וועלכן
עס ווערט בעוואָרפֿען די דאָזיגע עלענסטע פּערזאָן, וועלכע איז
אויסדערוויילט געוואָרען פֿאַר אַ קרבן צו דינען אַלס סימבאָל
פֿון מענשליכער שפלות און שוואַרצען פֿעראַט. הה, יהודה, פֿאַר
וואָס קומט דיר אַזאַ האַרבע שטראָף צו זיין דער פֿערהאַסטעס-
טער און בעשפּיגענסטער פֿון צווישען אַלע מענשען=קינדער? צו
דען טאַקי ביזטו איינער? דער איין=און=איינציגסטער? דער נידער-
טרעכטיגסטער? און איז דיין נשמה געוועזען שדי'ש=שוואַרץ צו
דען נאָך איז זי נישט דורך שמוץ און שפּייעכץ ריין=געוואַשען
און דערלייטערט געוואָרען?—אָ, יהודה, דו, דו, ביזסט דער גע=
קרייציגסטער! —

אוי, וויפֿיל פערוואַשענהייט שטעקט אין מענש, אין אונז
אַלע, מיר, וועלכע זענען די בלוט=יורשים, די קינדער און איי-
ניקלעך פֿון מענשען-פֿרעסער, מיר וועלכע שעכטען אָקסען און
לעמעלעך און בויען וואו אַ בנין בלויז מיט בלוט פֿון קליינע
קינדער, מיר אַלע, אָן אונטערשיד, מלחמות-פֿירער, און אונטער-
צינדער, מערדער און בלוט-פֿערגיסער, וויפֿיל געמיינהייט שטעקט
אין אונז אויסצוטיילען פֿון זיך איינעם, בלויז איינעם, זאָגען,
דאָס ער, בלויז ער איז שוואַרץ און שפּייען אויף אים פֿון
דורות=מיילער שפּייעכץ!

און האָרכט זיך נור איין אין גאַנג פֿון די געשעענישען,
גאָר נישט איז אונז דאָרטען נישט קלאָר. קיינער האָט דעם
דאָזיגען אָרימען מענש נישט געכאַפּט ביי דער האַנד. האָט ער
ווירקליך גענומען אַזאַ נאָגטען אָנטייל אין דעם דאָזיגען שענד-
ליכען טאַט? פֿילייכט, אַ גאָר קנאַפּער מיטהעלפֿער, געוויס, מער
נאכשלעפּער. אָבער יעדענפֿאַלס, נישט דער איינציגסטער. און
אין אַלגעמיין נישט דער איינציגסטער. סאָקראַט, למשל, האָט
אויך נישט מיט דעם גוטען ווילען אַ זופּ געטון פֿון דעם סם=
בעכער, הוס האָט אויך נישט אייגענווילליג אומגעאַרעמט די
פֿייער=צונגען. עס זענען געוועזען נאָך, נאָך, אַ סך, לעגיאָנען=
העלדען פֿון פֿלאַם און פֿייער. כמעט קיין איין מענשען=פֿריינד
האָט נישט אויסגעמיטען דעם קרייץ און די ביינער פֿון די

רייִנסטע גייסטער און אמת־זוכער זענען אין אַלע צייטען אויפֿגעפֿרעסען געוואָרען אויף שייטער־הויפֿענס, איז דאָך יהודה בלויז אַ קליין שרייפֿעלע. אפֿילו נישט קיין מערדער. אלא וואָס דען? יהודה׳ס ווירקליכע זינד איז דאָך אייגענטליך בעשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס ער האָט נישט פֿאָראויס געזעהן, ווי אַזוי דער דאָזיגער געהאָנגענער וועט אויסקוקען אין די אויגען פֿון די ווייטע אָנקומענדע דורות. — ער האָט געצווייפֿעלט אין רבי׳ן, בלויז אַ קנאַפּ ביסעל געצווייפֿעלט. פּראָדוקט פֿון מענשליכער שוואַכקייט. דער מענש איז לייב און איז דערום נישט אומשטאַנד צו זען פּנים אל פּנים זיין גאָט, מכל שכן, ווען ער בעווייזט זיך צו אים אויך אומגעקליידעט אין לייב און זיצט מיט מענש צוזאַמען ביי איין סעודה־טיש, און יעדערער פֿון אונז, ווען דער אַלמעכטיגער בעשעפֿער אַליין אַנטפּלעקט זיך פֿאַר זיין לייב און פֿלייש, טאַקע היינטיגען טאָג, וואָלט דען גלויביגער, ווי יהודה געוועזען? —

דערצו־נאָך אַזאַ מאוס׳ער בלבול מיט די דרייסיג זילבערנע מטבעות. עס איז אָנצונעמען דאָס יהודה האָט זיין האַנד נישט אויסגעשטרעקט צו בעקומען דאָס דאָזיגע לוין־געלד און אויב יאָ איז מיר נאָך טרויעריגער אָנצוקוקען יהודה׳ן און שמערצפֿולער בלוטיגט פֿאַר מיר זיין וואונד. וואָרום פֿער׳סם׳ט איז געוועזען דער גענוס זייבער פֿון די דאָזיגע מטבעות און זיין געוויסען האָט אים דעריבער נאָך שטאַרקער געפּייניגט. נאָך קין איז יהודה, מעגליך, די צווייטע טראַגישע פּערזענליכקייט אין דער געשיכטע, אָבער בעפֿאַרבט מיט אַ בעשטימטער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער פֿאַרב. ליידען איז ער אויסגעשטאַנען פֿילייכט נישט ווינציגער פֿון זיין רבי׳ן. וואָרום די איבריגע זיינע חברים און דעם רבינ׳ס תלמידים האָבען כאָטש געהיילט זייער פּיין אין דעם גלויביגען ברונען. אָבער ער, ער, יהודה... אַזאַ טרייסטלאָזער.... אפֿילו קיין גלויביגער אויך נישט געוועזען־און פֿערלאָזט דעם רבי׳ן, בשעת מען האָט אים געפֿירט צו דער תליה, נאָך איידער אַ האָן האָט אַ קריי געטון, האָבען דאָך אַלע צוועלף גלייך, אויף די גלויביגע, — אָה, טראַגישער יהודה!

יהודה׳ס גורל און זינד — איז דער גורל און זינד פון זיין שטאַם. געבוירען אין שוים פון אַ פאָלק, וועלכעס ווערט שטאַרקער ווי אַלע אַנדערע געשטראָפט פאַר ווירקליכע און אויסגעטראַכטע פערברעכענס. זיין געניאַליטעט איז זיין זינד. פאַראַן שטאפען גליקליכע, אויף וועלכע פלעקען גרויסע, ווי קיילעכיגע לבנות, זענען אונזיכטבאַרע, אָבער יהודה... אָבער מיר, מיר, אַלע מיר, זיידענס וואָס פלעקט זיך, ווערען גע׳משפט פאַר יעדען מינדסטען טאַט. וואָרום ישראל הייסען מיר, דער אוניווערסאַלער ישראל, ווי זיינע נביאים, און אונשטערבליך, ווי זיי. אויך אונזערע מינסטע פעלערען און פערברעכענס זענען אונשטערבליכע און פעראורטיילט זענען מיר געקרייציגט צו ווערען פאַר טאַטען, פאַר וועלכע אַנדערע ווערען בעשאָנקען מיט העלדען-קרענץ, און אַלע וואונדען ווערען אונז פעררעכענט פאַר פלעקען.

אויף דער בינע פון ריינאַרט, אַ שפראָצלינג פון יודישען שטאַם. „די פאַסיאָן". מיר קוקען אַדורך אַלע ליידען פון דעם רבי׳ן מיט זיינע תלמידים אין דער לעצטער נאַכט.

אויך דאָ, אויף דער בינע, פלאַטערט דאָס האַרץ פאַר דעם עלענסטען און טראַגישסטען פון צווישען די צוועלף.

יודיש האַרץ בלוטיגט הערענדיג, ווי עס שאַלט הויך און ווייט דאָס געשריי:

— יודען, יעדער טראָפען בלוט, וואָס איר האָט פערגאָסען, וועט אייך קאָסטען דאָס בלוט פון אייערע קינדער און קינד׳ס-קינדער.

אָה, טראַגישער יודישער שטאַם, וועלכער איז פער׳משפט דורך דער השגחה צו ליידענדער געניאַליטעט!

יעדער מינסטער שפאַן אונזערער רופט זיך אָב מיט הויטע עכאָ׳ס אויף שטרעקעס פון יאָר-הונדערטען.

אויף זייערע קברים.

אוי, דער קאָפּ! אוי, די געהירען! כאָטש אַ טראָפּען משוגע זיין מיט דעם שכל פון דעם שוידער, וואָס איז זיך פערלאָפען, כאָטש באַנומען: צוליב-וואָס? צוליב וואָס האָט געקוילעט דער שוחט? אוי, צוליב וואָס? טאַקע אין דעם אויגענבליק, ווען ער שטעקט איין דעם חלף אין האַלז אַריין. וואָס פאַר אַ זין? ס׳אַראַ גענוס? ס׳אַראַ ציל?

נישטאָ קיין געשמאַקערע זאַך—האָט אַטילע זיך בערימט—ווי צוסמאָרדען די זכרים, אויסשטעכען די אויגען פון די זויגיגע און אַוועקפירען אין געפענגניש די יונג-פרויען, אַז די אויגען זאָל זיי אַרויסקריכען פון ווייטאָג. איז אַזוי רעכט? האָט אַזוי ווען אַ מענש געשפּראָכען? אַ מענש? אוי, אַ מענש!.. נו, נו, קלאָרער, פערשטענדליכער, אַז עס זאָל זיך לייגען אויף דעם מח, עס זאָל פערשטענדליך זיין, אוי, פערשטענדליך זיין. וואָס זשע? אָט אַזוי טאַקע?! אַ טויטער קערפּער פון אַ מענשען-קינד שווימט אַרום, טאַקע אין זיין אייגענער קאַליזשע בלוט, אין זיין אייגענער! אַ שוואַכע פרוי, אַ זויגיג קינד... אַ שוואַך קינד?! האָט דער רוצח אויפגעהויבען אין דער לופטען די האַק לאָזט ער זי טאַקע אַראָפּ! אַראָפּ? אַראָפּ? אוי, אַראָפּ?!— און נישט קרימען זאָלט איהר זיך אויף מיר, וואָס טיף פערבאָרגען אין האַרצען וויל איך אויסזאָגען. איך וויל זאָגען... נישט מיט לאָגיק. אָן... אָן... עס מאַרשירט אַרום אויף דער וועלט אַ גרויסער טויט. יודען ווערען געמינערט. נאָר ווער עס האָט אַריינגעוואַקסען אין דעם דאָזיגען באַרג מיט טויט, ווער עס האָט אַריינגעגראָבען דעם קאָפּ זיינעם אין די אונצאָ-

ליגע יודישע קברים און האָט אַריינגעקוקט דעם מלאך המות אין די אויגען, ווער עס האָט אויסגעקוקט די גרויסע רייהען טויטע יודען, דער האָט געזען, באַנעמען, בּגריפען, אַז אָן, אָן מענשליכען פערשטאַנד... קיינער הרג׳עט ניט קיינעם פאַר עפּעס... יעדער מאָרד איז נוצלאָז. דער רוצח הרג׳עט, ווייל ער וויל אַ טרונק. און אין אוקראַינע זענען יודען גע׳שחט׳ן געוואָרען, ווי אַ זמר, פון יאָר תרע״ט לבריאת העולם, מיט געזאַנג און מיט טענץ אויף די פרישע קברים, צוקאָפּענס פון די קופּות הרוגים. נישט צוליב אַ מיין, אַ נוץ. און אָן האַס. איך האָב דיך ליב, פריינד מיינער, — האָט איינגערוימט אַ רוסישער פויער זיין אויסדערוויילטען יוד-קרבן — נאָר וואָס זאָל איך טון, איך מוז דיך דערהרג׳ענען! — און באַלד נאָכדעם געלאָזט דעם חלף.

מקריב געוועזען אַ יוד. אַ ליבען יוד.

ווי גוט זענען דיינע ברודער-קברים, יעקב, און דיינע קופּות הרוגים, ישראל! — אַ מענשענס האַנד האָט די לאָזיגע קופּות צונויפגעשאַרט. אַ מענשענס האַנד האָט דאָס דאָזיגע ווערק געשאַפען. אַ מענשענס. און אַ קול הילכט אַרויס פון די קברים: אויסגעראָטען מענש פון וועלט. נישטאָ מענש. נישט געוועזען. — נישט. טייערע, זיסע, יודישע קברים, איר זענט דאָך די ערשטע. און נאָך אייך וועט אייערס וואַקסען. וואו אַ מענשליך געצעלט וועט אַ קבר בליהען. איבער דער גאָרער וועלט. איבער דער גאָרער. גאָרער.

מענש קוילעט אויך בהמה, אָקסען און לעמער. שלמיב קוילעט ער. אויף דעם פייער אָבצוקאָכען. צוליב מאָגען. זאַט מאָגען. זאַט! זאַט! גאַרט אָבער מענש נאָך אַ קרבן-עולה. רוצח קצב אין מקריב אַ עולה. אַ יוד איז אַ עולה. ווי אַ טייבעלע, ווי אַ טייבעלע איז אַ יוד. די גרעסטע מערדערס לעכצען נאָך דעם ריינסטען בלוט. נאָך דעם כשר׳סטן, מוטנע בלוט זעטיגט נישט, נאָר דאָס קינדישע. און וואָס דען איז ישראל? אַ קינד איז ישראל. זאָגט גור ליבע, טייערינקע, ווי אַזוי האָט ישראל

זיך אַרויסגעלאָזט אין דעם לאַנגען און פֿינסטערען גלות? מיט וואָס? בעוואָפֿענט מיט וואָס? און געלאָזט זיך אין אַזאַ בייזער און גרויזאַמער וועלט אַריין, צווישען מענשען-וועלף און אַזוי אונערשראָקען. האָט דען דאָס האַרץ נישט נביאות געזאָגט, נישט פֿאָראויסגעהאַנט, ס׳אַראַ בייזע וועלט, ס׳אַראַ מענשען-וועלף, און ישראל איז אַזוי שוואַך, קנאַפּ אין צאָל, אונבעשיצט! — איז דען ישראל נישט פֿערשטענדיג געוועזען? נישט מענש געקענט? נישט אָפּגעשאַצט? ניין, געקענט. די אגדות און מדרשים זענען פֿול מיט חכמה און הבנה. גוט, גוט אַריינגעקוקט אין די אומות העולם, זיי געקענט, דערקענט. און דאָך... ווי אַ קינד איז ישראל געוועזען. ווי ר׳ יוחנן דער זון פֿון זכאי. אויף דעם ראַנד פֿון אָבגרונד איז דרייסט נור אַ קינד, וועלכעס שרעקט זיך צומאָלס נישט אפילו אייביג אַליין אין אַ שטאָק פֿינסטערער נאַכט.

האָבען פֿעלקער געגאַרט אויסצוזויגען דאָס כשר׳ע בלוט פֿון ישראל דאָס קינד.

דאָ, נאָר דאָ, אין דעם איבערמענשליכען, נישט אויף דעם שטח פֿון לאָגיק און עקאָנאָמיק, זאָלען קראַנקע געהירען פֿאַרשען דעם אור-קוואַל פֿון גיפֿט און מאָרד. קנאַפּ זענען יודען אין צאָל; זייערס איז דאָס רייִנסטע בלוט. דערום בושעוועט אַזאַ תאוה צו דעם. פֿעלקער האָבען לגמרי נישט פֿיינד ישראל׳ן. ליבען אים, גאַרען אים, לעכצען נאָך זיין טרונק. לאַנגווייליג און גרוי וואָלט זייער לעבען אָן ישראל געוועזען; וויסט און פֿאַרוואָרלאָזט וואָלטען אַלע זייערע מזבחות געשטאַנען. דערום ציטערען זיי פֿאַר אונז, אַז מיר זאָלען שטענדיג קינדער פֿערבלייבען, ווי קינדער אין קויט זיך וואַלגערען, היימלאָז און פֿערמיסטיגט, נישט בויען פֿאַר זיך קיין הויז און יודישע מדינה איז גרויט אַלעמען אין די אויגען.

לאָמיר ציטערן איבער יודיש בלוט. עס איז אַזוי קנאַפּ.

ווי גוט זענען דיינע געצעלטען יעקב, און דיינע וואוינונגען, ישראל!

פאר דעם קליינעם מענשעלע.

איך טענה פאר דעם קליינעם מענשעלע, נישט אין דעם זינען ווי דאס דאזיגע ווארט ווערט אממייסטענס בענוצט צו בעצייכענען אזא מין פארשוינדעל, וועלכעס איז פייהיג אדורכ־צוקריכען דורך יעדער מינדעסטענס שפעלטיקעל, נאר אומגע־קערט, פאר דעם קליינעם מענשעלע, וועלכעס איז דורך אנדערע, די גרויסע, פערשטופט געווארען אין די שפאלטען און אין די לעכער; פאר דעם שטענדיג פערטיילטען קליינעם ברודעריל, פאר די אלע קליינינקע, אונטערערדישע, גרויאינקע זעלנערלעך. גאט'ס נאראנים'לעך, משה־רבינוס פערדעלעך, ווי מיר חדר־יונגלעך פלעגען רופען אזעלכע קליינינקע בעשעפענישלעך, די דאזיגע קליינע מענשעלעך זענען מיר אלע, דער ברייטער, ברייטער המון, דער אונערמידליכער יגיע־כפים'ניק, וועלכער מוז אלעס, יעדער מינסט שטיקעל פערמעגען, סיי פון מאטעריעלע, און סיי פון גייסטיגע ווערטען, אויסהארעווען מיט שווערע בלוט און שוייס. און איר זאלט אזוי גוט זיין און פערשטיין מיך פשוט, גאר־גאר פשוט. איך בין דערמיט לחלוטין נישט אויסען קיין צייטווייליגע בעשטימטע וועלט־איינריכטונגען. דאס קליינע מענ־שעלע בלייבט קליין מענשעלע ביי יעדער ארט און פארם פון געזעלשאפטליכער ארדנונג, עס איז א פלייצע אזא א געבויגענע צו שלעפען כל'ערליי משאות. קליין מענשעלע איז א אור־עלע־מענט. בלויז געציילטע, גליקליכע, גראציעזע, וועלכע זענען בעשאנקען מיט דער בעגאבונג אלעס צו ערווערבען לייכט און

זינגענדיג, האָבען אין אַלע צייטען די מעגליכקייט אַרויסצושוואומען פֿון אויבען, ווערען זיי די קרוין, בעת דער גאַנץ גרויסער איבעריגער, דער אונזעעוודיגער המון, בלייבט אַ הינטערשטער, איבער וועמענס פערבויגענע פלייצע עס פאַרט אַרויס אין זיין רייטוואָגען צום זיג און אונשטערבליכקייט דער קעניג, קעניגליכער פעלדמאַרשאַל, שוואַרצער, רויטער און פון כל׳ערליי קאָלירען העלדישער ריטער. דאָס קליינע מענשעלע שטייט ביי זיין שווערער אַרבייט, גראָבט, אַקערט, שניצט, אָדער פאָרשט אַ געביט פון דער קונסט צו וויסענשאַפט, און דאָ לויפט אָן דער געאָדלעטער גרויסער, טוט אַ פאַטש מיט די פליגעל און נעמט צו אַלעס פאַר זיין רויב. און צונעמענדיג פסק׳נט אָדלער אויס באַפעלען צו דעם קליינעם מענשעלע: גיי אין שלאַכט! פאַרטיידיג די גערעכטיקייט! — פאָטערלאַנד! מענשהייט! וואַרף אַוועק אַלץ און לויף צו די וואַלען! קלייב מיך אויס, מיך, דעם גרויסען, בעזינג מיך, טראָג מיר אונטער לאָרבער-קרענץ! — און וויסען זאָלסטו זיין, דאָס אויף דיר קוקען אויגען פון קינפטיגע דורות. זיי דערום אַ בראַווער מאַן, העלדיש זיי, אָפּפערוויליג! — אָט אַזוי שרעקט דער גרויסער דאָס קליינע מענשעלע, און דאָס קליינע מענשעלע איז געהאָרכזאַם און עס לויפט אין שלאַכט, ברעכט רוק און לענד און לויפט. און מערקווירדיג: האָרכט איר זיך איין אין דעם, וואָס די גרויסע מענער ריידען, זאָרגען זיי שטענדיג בלויז פאַר אים, פאַר דעם קליינעם מענשעלע, אַלע גרויסע צווישען זיך רייסען זיך איבער דעם קליינעם מענשעלע; יעדער פון זיי בעזינגט דאָס, שטודירט דאָס, זאָרגט דאַפיר, מושטירט דאָס, שטעלט דאָס אויס ציפערווייז און מאַכט אויף דעם סטאַטיסטישע חשבונות. און דאָס קליינע, אָנגעהאָרעוועטע מענשעלע, וואָס מער עס ווערט פערזאָרגט, אַלץ קנאַפער געניסט דאָס און עס בלייבט אַלץ אַ זייטיגס און אַ פערשטופטס. און וואָס נאָך טרויעריגער: בלוטיגע רעוואָלוציעס ברעכען אויס, און לויט דעם, וואָס די גרויסע מענער דרינגען, זענען די דאָזיגע שטורעמס שוין לחלוטין אויסגעבראָכען פאַר דעם קליינעם מענשעלע׳ס טובה-וועגען, כדי איינצומאָנען מיט

דער הילף פון פלאַם און אייזען דעם קליינעם ברודעריל׳ס רעכט, לאָזט זיך אָבער שטענדיג אויס, אַז דאָס קליינע מענשעלע בלייבט ווי פריער אַ פערשטופּטס, און האַלט דעם רוקען נאָך שמערצליכער געבויגען אונטער דער שווערער לאַסט פון דער ערוואָרבענער פרייהייט, און ווידער שווימט אַרויף פון ערגיץ עמיץ, אַ שטאַרקערער, ווי עס שיינט איז ער אַפילו דער אייגענער, דער פריערדיגער, נאָר אַנ׳איבערגעקליידעטער. און קליין מענשעלע גייט ווידער אין שפּאַן.

און איך מאָן פאַר קליין מענשעלע נישט בלויז ברויט. בערויבט איז קליין מענשעלע אויף אַלע געביטען סיי פון מאַטעריעלע און סיי פון גייסטיגע רייכטימער; קליין מענשעלע איז נישט גלענצענד, נישט זער טאַלענטפול, נישט גייסטרייך, אָן אַ פערפירערישען בליטש אין די אויגען. פרום, בעשיידען, אַ מאַן פון מיה און געוויסען, קאָן ער נישט אַריבערטרעטען איבער פרעמדע טויטע קערפּערס צו זיין פערבלוטיגט גליק. זאָגט מען אויף אים: כאַראַקטער-שוואַך און נישט שעפעריש! ער קאָן דעסגלייכען זיך נישט איינקאָרטשען, ווי אַ ווערימעל און גנב׳ענען אָדער גזלנ׳ען רום. ווערט ער געבוירן אין דער שטיל, לעבט אין אַ ווינקעלע און שטאַרבט אָן אַ נעקראָלאָג. קליין מענשעלע קאָן נישט צוזען, ווי עס ווערט פערשעמט דער צלם אלהים, שמייסט ער דעריבער נישט מיט דעם בייטשעל, זאָגט מען אויף אים: עס קריכט! — די וועלט איז פון אייביג אָן איינגעטיילט אויף פוס-גייערס און אויף רייטערס. קליין מענשעלע גייט איי-גענוויליג צו-פוס. זאָגט מען אויף דעם: עס איז אַ קאַרליקעל!— אַנאָנים איז קליין מענשעלע. אַזוי לעבט דאָס און אַזוי שטאַרבט דאָס. דאַגעגען דער גרויסער רייט, שמייסט, בויט אַ בריק פון זיינע ברודערס טויטע קערפּערס, יעדער שפּאַן זיינער שטעמפּעלט אָפּ אַ וואונד — דערום איז ער אַ בעזונגענער העלד. זאָגט מען: ער איז דער טאַטע פון דער וועלט-געשיכטע! — גרויסע מענשען קוקט מען שטענדיג נאָך. אין אַלע פרימאָרגען-צייטונגען

ווערט פערצייכענט: היינט איז גרויסעד מענש געפאָרען אַהער און מאָרגען וועט ער מאַרשירען אַהין! — גרויסער מענש האָט דאָ און דאָ געפרישטיקט און בעוויליגט זיך אַרויסזאָגען אַזוי און אַזוי! — גרויסער מענש ווערט שטענדיג פאָטאָגראַפירט, אינטערוויואירט און אַלע אויגען קוקען אויף אים מיט פרייד און גלוסטונג, ווען מיר קליינע מענשעלעך, קומען אום און קיינער ווייסט אַפילו נישט פון אונזער געביין. טענה איך: פאַרוואָס האָט דער אַלמעכטיגער בעשעפער אַזוי פערשעמט אונזערע זינדיגע נשמות? — פאַרוואָס קומט אונז אַזוי נישטיג אויסצוזען אויף דעם דאָזיגען עולם? — קאָן איינער שפּילען פידעל, אָנשרייבען אַ געדיכט, אויסזינגען אַ ליד, ציז פערמאָגט ווער אַ פערפוצט געזיכט אָדער אַ גלאַטיג ציגעל צו בעצויבערען זיינע צוהערער, אין אַ פּאַרלאַמענט-רעדע אָדער אויף אַ מאַסן-מיטינג, פאַר וואָס קומט אַזאַ איינעם צו זיין אומעטום אויבען-אָן, דער אָנגעזעענדיגסטער, דער בעליבטעסטער און דורכגיין זיין לעבען איבער אַ בלומען-שטעג, ווען מיר, די קליינינקע, בלייבען אייביג שמאַכטען, אין דער פינסטערניש? — און נישט נור איך מאָן דאָס ברויט, דאָס זיידענס, דאָס גאָלד און דעם שאָקאָלאַד, וועלכע ווערען אין אַזאַ גרויסער מאָס געשאָנקען די גליקליכע אויסדערוויילטע אַ צוגאָב צו זייערע פריווילעגיעס, מיט וועלכע די אונגערעכטע נאַטור האָט זיי בעשאָנקען, נאָר איך שריי אויך אויס מיין קטרוג אויף דער אונשטערבליכקייט, וועלכע מאַכט בערימט איינצעלנע מיט רעכט אָדער מיט אונרעכט אויף לאַנגע דורות; געוואַלד, פאַר וואָס קומט אַ ניוטאָן אָדער אַ שעקספּיר איינגעפאַסט צו זיין אין אונזערע אַלעמענס הערצער, ווי אייביגע שטערען, און מיר, קליינינקע, שפּאַנען אַדורך די וועלט שטיל-פערשוויגענע און פערשווינדען אָן אַ עכאָ — פאַרוואָס אַזאַ טרויעריגער שיקזאַל? — ליבע און אונשטערבליכקייט! אַלץ שענקען מיר אַוועק די גרויסע, די ממילא בעשאָנקענע; פערקערט, פערקערט, געשעצט און געטרייסט וואָלט בעדאַרפט ווערען דאָס קליינינקע, דאָס פערשוויגענע, דאָס גרויאינקע — נאָך האַרצרייסענדער און הימעלשרייענדער איז צו צוזען דעם גורל פון דער פרוי. אַ ביסעל

ווינציגער פאַרב אין די באַקען, עטליכע טראָפּענס בלוט קנאַפּער. אַ געמינערטע שלאַנקהייט פון דער פיגור און אַ שוואַכערער קערפּערליכער רייץ — און די פרוי איז פערמשפּט צו עלענד־טרויעריג לעבען, צו פערשפּאָטענקייט. ווען יענע, יענע, די פאַרביגערע, דריקט צו מיט אַ מאַיעסטעטישען טראָט דעם בוקענדען מאַן, שלייכענדיג פער'שכור'ט פון שטאָלץ און פרייד. קליין מענשעלע קוקט און די אויגען קריכען פון דעם אַרויס.

און נאָך ווייטאָגליכער איז דאָס, וואָס אייגענטליך איז דאָ געשען נאָך אַ גרעסערער אונרעכט, ווי עס קאָן דוכטען אין פלוג. אין תוך בע'גנב'עט דאָך דער גרויסער שטענדיג דעם קליינעם. דער גרויסער פערמאָגט, דוכט זיך, זיין אייגענס גאָר נישט, אַלץ נעמט ער ביי דעם קליינעם, וועלכער קנעט פאַר דעם גרויסען די ליים, טראָגט די ציגעל, מויערט אויס יענעמ'ס גרויסקייט, איבער. דעם אייגענעם קאָפּ אַ געפענגעניש. מיר, קליינינקע, זענען די ווערימלעך, וועלכע אַרבייטען אויס דאָס זיידענס, פון וועלכען דער גרויסער נייט פאַר זיך אַ מאַנטיע. פון אונזערע ליידען צאַפּט דער גרויסער שמאַלץ פאַר זיינע געזאַנגען און ווי אַ הונד גריזשעט ביינער אַזוי שמעקט דער גרויכער אונזער וויירוך. קלאָגעדיג זעט אויס דער גרויסער אָן אונזער ליבעפולע בליקען, אָן אונזער וויירוך וואָלט דער גרויסער אַלע ווילע געבליבען אַ פער'חלש'טער און אָן אונזער פּליעסקעריי קאָן ער נישט אָטעמען אויף דער וועלט. וואָס וואָלטען די גרויסע געטון מיט זייער הכמה און גבורה, ווען זיי האָבען נישט אונז די קליינע, פאַר וועמען אַרויסצווייזען? ווי אַזוי וואָלטען זיי זיין אימשטאַנד צו געניסען פון זייער אייגענעם וויין, ווען מיר וואָלטען נישט זיין די בעכערס, פון וועלכע זיי זופּען דאָס געטראַנק? — זיי לעכצען דאָך נאָך אונזער כבוד, ווי נאָך אַ טרונק. צוליב וואָס דען טרייבט מען אונז אַלעמאָל אין די רייען אויף פּאַראַדען אַמאָל פאַר אַ מלך און אַמאָל פאַר אַ פרייהייטס־לידער, אַז נישט זיי זאָלען אָנקוקען

אונזערע געבויגענע רוקענס און זאָלען אונז געניסען? — אַלעס גזל'ענען די גרויסע ביי אונז אַוועק, דאָס מינדסטע שעפּעלע אונזערס, אַפילו דעם גלאַנץ פון זייערע אויגען האָבען זיי פון אונז בעקומען, און דערנאָך מאַכען זיי דעם אָנשטעל, דאָס זיי זענען אונגעהויער רייך און האָבען געגעבען נישט וועמען איינצוטיילען זייער רייכקייט. אַלץ זענען מיר: דער ליידענדער ציטער, דער וויי-געשריי נאָך פרייהייט, דאָס שאַפונגס-מאַטעריאַל אין די הענד, וועלכע שאַרען די היילגע קויל צו דעם שעפער. דער בר־מינן זענען מיר און דאָס ברענענדיגע ליכט צוקאָפּענס, און דערנאָך, ווען זיי, די גליקליכע, די גראַציעזע, ווען אַלס קומט אָן לייכט און זינגענדיג, קומען שוין צום גרייטען, בערימען זיי זיך, דאָס זיי זענען די העלדען, און אונז, אונז, דערקענען זיי נישט... דאַגעגען מיר קריכען זיי אין די אויגען אַריין, אונטערטעניג, נישטיג אַזוי, בעטלען ביי זיי אַ קוק, אַ ווינק. — מיר, די נגזלים, האַלטען זיך אין איין יאָגען זיך נאָך די, וועלכע האָבען אונז בערויבט, שטענדיג לאָקערען מיר נאָך זיי, פערלאָזען אָפט אונזערע טאָג-טעגליכע ארבייט נאָכלויפענדיג זיי, די בערימטהייטען. מיר זעלבסט, די קליינע, אַכטען און שעצען בלויז די גרויסע, און אָבגעבענדיג זיי אונזער גאַנצע אַכטונג לאָזען מיר פאַר זיך גאָר נישט און אַכטען נישט איינער דעם צווייטען.

אוי, ווען וועלען מיר מיט אַן'אמת ווערען אלע מענשענקינדער גלייכבערעכטיגט, אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט רייטען אויף קיינעם? — ווען וועלען מיר זוכה זיין צו געניסען די אמת'ע, ריינע פרייהייט, אַליין פון אונזערע ליידען גאָלד שאַפען און אויפהערען צו דערלאַנגען אונזער מאַרך און מיה פאַר הויך-בעגאבטע פאַראַזיטען? — און וועלען מיר אויפהערען קליינע צו זיין וועלען די גרויסע פערשווינדען

סיום הספר.

נישט אַלט און נישט יונג, נישט רעכטס און נישט לינק; אַ יודישער מענש, וואָס זוכט אַ פריינד.

עס איז פֿאַראַן עטוואָס טיף־מענשליכעס און רירענדעס אין דעם אַרומטאַנצען פֿון זון־שטראַלען איבער אַ קאַלוזשע: אין דער טאָג־פרעסע.

אַ ווייטער קלאַנג, אַ שטיל־שטראַלענדע אַנשטענדיגקייט, מיט אַ שטאַרקער ליידענשאַפֿט צו פערשלייערונגען, און אַ אונהאַרמאָנישעס געשריי זיך אַדורכגעזילבערט, און סאַמע מיטען פֿון גאַסען־געטומעל אַ פֿאָרשטאָדט געבויט.

פֿון דער נאָענט, ביי אַ זייט, אָפֿט און אַ היימיש בערגיל מיסט זיך גערויעט, כאָטש אָן אַ האָפֿנונג אַ קערן דאָרט אַרויסצוגעפינען, נאָר אויס בלויזער רחמנות צו דעם דאָזיגען מיסט־בערגיל.

אַ שוועסטער מיר, אַ ברודער מיר.

אויף איינער פֿון די רוישענדיגסטע ישראל־גאַסען שפּאַנט אַ יוד אונטער אַ שווערער לאַסט; פֿון פֿאָלק אַ יוד; אַ טרעגער־יוד. אַזוי ליב און נאָענט מיר. לעבען זאָל דער יוד!

און איך גיי אים נאָך פוס־טריט, קייטעל־איין און זיינע שפּאַן מיין וועג. עס שפּאַנט מיין פֿאָלק אין אייביגקייט אריין.

דערום געפֿינען פֿאַר נויטיג צונויפֿזאַמלען שמות־בלעטער אין אַ בוך; אין איין בעכער טראָפּענס צונויפֿגיסען.

נישט דעם ווייַן, וואָס פֿערמאָג. אין בעכער אַריינגעגאָסען, אָבער פּאָרט אַ געזונטער טרונק.

קאָן מאַסקאַראַד, זיך באָענט מאַכען און איינהילען אין הײליגע טריט אַנדערע און שטילערע.

ווייס פיינערע אמת'ן, וויינישערע, שענערע; קראַנקע זעענען זיי.

און איך גיי צום פּאָלק נישט מיט מיינע גין־גאָלדענע, אין שענהייט איינגעריכטע אמת'ן.

און אַרויסגעגעבען מיין בוך פּראָסט און פּשוט. אויף גיוואַ־פּאַפּיר. אָן צאַצקעס און געמאָלעכץ.

קיינע פֿערבלענדענישען; מיט קיין קונסט נישט שותּפֿות געשלאָסען און געוואַכט מאָדע.

ווער מיט קראַוואַט און סמאָקינג, גאַלאַ־קליידער. איך אין פּשוט'ע מלבושים, כאָטש אין תּוך נישט אַזוי פּשוט.

דעם ליבען קריטיצירער קוים אַ שמייכעל.

געשריבען מיין וואָרט אין אַ שווערער צייט. אַלע צייטען זענען שווערע געווען פאַר אַ נאַקעט וואָרט, פֿאַר אַ שטילען זאָג.

עס ציען זיך איבער יאָר־הונדערטען קאַראַוואַנען מיט געלאָקטע רייטערס און מאַכען אָן אַ ווערטער־שטויב.

מען געגאַרט אַ וועלט, די מיל־ראָד פֿערשרייט דעם אַלטיגאַל. מיל־ראָד שאַפֿט געשיכטע, אויף זי שרייבט די בלעטער. געשיכטע איז אַ קרומער שפּיגעל. עס רייט אויף אַ בלוטיג פֿערד דער טיראַן, דער געזאַלבטער קעניג, רויטער העלד פֿון נאַציאָן, וואָס האָט די יונגע קינדער געוואָרפֿען אין שלאַכט; נאָך אים מאַרשירט דער פּאַרלאַמענטאַריער, דער טריבון, דער ליגנער און איבערשרייער; עס יאָגט דער פֿאַלשער ספּאַרטאַק,

דער מכלומרשט'ער מאַסע-בעפרייער און איר פיינטליכסטער בעצווינגער און פערשקלאַפער. די פאַלשע אמן-זאָגערין, די דורות-עדות'טע, די געשיכטע — פויקט-מיט.

און-לענג אויס די דאָזיגע ברעגען פון די מוטנע געשיכטע-וואַסערן לייגען אויסגעצויגענע פגרים פון כשר'ע פייגעלעך, צוריבענע גופים'לעך אַרונטערגעפאַלענע אונטער דער געשיכטע-ראָד, פערהוילענע, וואָס האָבען אַ פרום וואָרט געזאָגט און אַמאָל, ווי ירמיהו, געדונערט.

זיי זענען צוריבען, צוריבען, צוריבען די פייגעלעך.

פערהוילענע האָלץ-העקערס, וואָס האָבען אויסגעקוקט דעם עולם-התהו, ווי יענער צדיק, וועלכער איז געזעסען אינמיטען טומלענדען יריד, אויף דער שוועל פון זיין הויז, און אויסגעקוקט פערשטעלטע נע-ונד'ניקעס, גופים אָן נשמות, און זיי געשיקט אין זייער רו אַריין.

עס ציען זיך איבער יאָר-הונדערטען קאַראַוואַנען און מאַכען אָן אַ ווערטער-שטויב, נשמות'לאָזע ווערטער-שאָלעכצער, ווי שדים.

ווער עס שיקט זיי אין זייער רו אַריין, דער איז פון קריטיק פערהאַסט.

און אַהין, צו די צעריבענע, האָב איך געצילט.

אינהאַלטס פערצייכעניש

הקדמה	I—V
אויף דעם עולם התהו	1—4
דאָס יודישע שיף	5—10
הינער און אייער	11—17
אייראָפּאַ און אַמעריקאַ	18—23
זיידענוואָרג	24—29
די לינקע דיפּלאָמאַטיע	30—35
אונזער אינטעליגענץ און אָרטאָדאָקסיע	36—41
טייטש ווערטער	42—47
ליצנות	48—52
אונזער חומשל	53—58
העברעער	59—64
די אַטמאָספּערע פון „שטומען עין"	65—69
דאָס מחלוקת לשם קונסט	70—75
דער קראַנקער צענטר	76—81
שלום עליכם	82—97
צווישען פרעמדע	98—102
אין דעם יאָמער טאָל	103—105
איכה	106—109
ימים טובים	110—115
יודישע טענץ	115—120
פרילינג	121—127
טיי און קאַווע	128—133
דער יוד אין וועג	134—140
יהודה איש קריות	141—144
אויף זייערע קברים	145—147
פאַר דעם קליינעם מענשעלע	148—153
סיום הספר	154—156